STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08373

OYFN RAND FUN OPGRUNT

Jacob Lestschinsky

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב לעשצינסקי

אויפן ראַנד פון אָפּגרונט

די הכנסה פונעם בוך איז באַשטימט פאַר
דער הילפס־אַרבעט פונעם פוילישן יידנטום.

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער־סעריע פון דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן
אין אַרגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו: מלכה אָווּשיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג: י. ל. פּרץ (אויספאַרקויפט)
3) וו. גראָסמאַן ־ י. וויערניק: טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין: מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט: חורבן לאָדזש
6) זרובבל: בארג חורבן (קאַפּיטלען פּוילן) (אויספאַרקויפט)
7) אלחנן צייטלין: אין א ליטעראַרישער שטוב
8) ד״ר ח. שאָשקעס: פּוילן — 1946 (איינדרוקן פון א רייזע)
9) ז. סעגאַלאָוויטש: טלאָמאַצקע 13
10) מ. נודעלמאַן: געלעכטער דורך טרערן
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן: די יידן־שטאָט לובלין
12) ישראל אפרת: היימלאָזע יידן
13) ד״ר יעקב שאַצקי: אין שאָטן פון עבר
14) דוד פלינקער: א הויז אויף גזשיבאָוו
15) ד״ר הלל זיידמאַן: טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ
16) קינדער־מאַרטיראָלאָגיע (זאמלונג פון דאָקומענטן)
17) חיים גראַדע: פּליטים
18) ש. קאַטשערגינסקי: פּאַרטיזאַנער גייען!... (ווילנער געטאָ)
19) פרידע זרובבל: נע ונד
20) מרדכי שטריגלער: מאַידאַנעק

עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

ז. סעגאַלאָוויטש: געברענטע טריט
אברהם טייטעלבוים: מיין וואַרשע
ש. ל. שניידערמאַן: צווישן שרעק און האָפענונג
א. אלמי: מאָמענטן פון א לעבן
שלמה וואַגא: חורבן טשענסטאָכאָוו
לעאָ פינקעלשטיין: מגילת פּוילן
פּ. בימקאָ: אמאָל אין פּוילן
ר. שושנה־קאַהאַן: אין פייער און פלאַמען (טאָג־בוך)
יאָנאַס טורקאָוו: אזוי איז עס געשען... (חורבן־וואַרשע)
יוסף אָקרוטני: אין קלעם
ד״ר עמנואל ריגעלבלום: צו דער געשיכטע פון יידן אין פּוילן
ד״ר יצחק שיפּער: קאַפּיטלען געשיכטע

יעקב לעשצינסקי

אויפן ראנד פון אפגרונט

פון יידישן לעבן אין פוילן

(1933 — 1927)

ארויסגעגעבן דורכן

צענטראל־פארבאנד פון פוילישע יידן אין ארגענטינע

פארלאגס־לייטונג: א ב ר ה ם   מ י ט ל ב ע ר ג

בוענאָס איירעס, 1947

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE

COPYRIGHT BY
JACOB LESTSCHINSKY
NEW YORK

Jacob Lestschinsky

OIFN RAND FUN OPGRUNT

(Al borde del abismo)

Buenos Aires, 1947

Hecho el depósito que marca la Ley 11.723
INDUSTRIA ARGENTINA

אינהאלט

אויפן ראנד פון אפגרונט — — — — — — — — — 7
צו דער סאָציאָלאָגיע פון פוילישן יידנטום — — — — — — 15
די זעלבסטמאָרד־מגפה ביי די פוילישע יידן — — — — — 55
יידן פאלן אין גאס חלשות פון הונגער — — — — — — — 71
א פארפלייצונג פון וועקסעלעך — — — — — — — — — 87
דער נאציאָנאלער באָלשעוויזם — — — — — — — — — 100
דריי פערטל פון דער יידישער באפעלקערונג האָט נישט
געגוג צום לעבן — — — — — — — — — — — 116
די הארצלאָזיקייט פון די פוילישע מיניסטאָרן צו יידישע צרות 128
ביינאכט אויפן אלטן מארק — — — — — — — — — 141
דער חורבן פונעם יידישן עקאָנאָמישן לעבן אין לאָדזש — 151
די ירידה פון ווילנער יידן — — — — — — — — — 166
די געפאלענע יידישע ווילנע — — — — — — — — — 182
איבעריקע — — — — — — — — — — — — — — 195
די חבלי־לדה פון יידישן ארבעטער־קלאס — — — — — — 201
דער יחוס פון יידישן פאבריקאנט — — — — — — — — 218
עמיגראציע־טראגעדיעם — — — — — — — — — — — 233

* * *

אויפן ראַנד פון אַפּגרונט......

זאָל זיין דער נאָמען פון א באנד ארטיקלען, וועלכע זענען גע־שריבן געוואָרן צווישן 1927 און 1933 וועגן דעם לעבן, מער וועגן דעם זיפצן און קרעכצן פונעם פּוילישן יידנטום. איך האָב דעמאָלט נישט געלעבט אין פּוילן, נאָר האָב באזוכט עטלעכע מאָל דאָס דאָ־זיקע לאנד, בין ארומגעפאָרן איבער שטעט און שטעטלעך וואָכן און אָפט חדשים, האָב איינגעזאַפּט אין זיך דעם גאנצן צער פון דאָזיקן נאַציאָנאל רייכסטן און לעבעדיקסטן יידישן קיבוץ, דער־פילט מיט אלע מיינע רמ״ח איברים די ווייטיקן פון דעם גרעסטן אייראָפּעאישן צווייג פון יידישן פאָלק, וואָס ווערט ממש דער־שטיקט אין די געטאָס פונעם אויפגעלעבטן זעלבשטענדיקן פּוילן.

דאָ, אין פּוילן, איז נאָך בולטער און שארפער ארויסגעטראָטן דער ממש כלל געוואָרענער אנטוויקלונג־געזעץ, אז וואָס מער דאָס מערהייט־פאָלק שטייגט, אלץ מער מוז דאָס מינדערהייט־פאָלק ווערן א נופל. איך האָב די דאָזיקע דערשיינונג באאָבאכטעט אין ליטע און לעטלאנד, אָבער אין פּוילן, וו מיר האָבן געהאט פאר זיך א דריי מיליאָניקן קיבוץ, א מיט דיפערענצירטן מיט ברייטע טראַ־דיציעס פון שאפונג־אויפטואונגען אויף אלע געביטן פון לעבן פון לאנד, דאָ האָט די דאָזיקע דערשיינונג נאָך מער געשטאָכן די אויגן, נאָך טיפער באליידיקט און געקרענקט. אין ליטע איז די דאָזיקע דערשיינונג מער ארויסגעטראָטן אויפן עקאָנאָמישן געביט, וו דער ליטווינער האָט גראָב און ציניש דערקלערט דער יידישער באפעל־קערונג, אז אירע פארדינסטן אויף די געביטן פון האנדל און אינ־דוסטרי וועלן געווים פארצייכנט ווערן אין די געשיכטלעכע אנא־לן לדורות, אָבער פרנסה, חיונה מוזן יידן זוכן ערגעץ ווו אנדערש, ווייל דער באלעבאָס פון לאנד טויג זיך שוין אליין אוים צו די דאָ־

זיקע אלע מלאכות און נויטיקט זיך נישט אין קיין רביים און נישט אין קיין העלפער. אין פּוילן איז די לאַגע געווען פיל קאָמפּליציר־טער און איידעלער און דעריבער ווייטיקדיקער און צערדיקער. דאָ, אין פּוילן, האָבן יידן שוין געהאַט אַ גאָר פּעטן חלק אין גייסטיקן לעבן פון פּוילישן פאָלק. אין דער פּאָעזיע, אין דער בעלעטריסטיק, אין דער וויסנשאַפט, אין דער זשורנאַליסטיק, אין דער מאָלעריי, הכלל אין אלע צווייגן פון נשמה־לעבן פון פּוילישן פאָלק האָבן יידן שוין געהאַט געזאָגט זייער וואָרט — אַ הויך באַגאַבט וואָרט, אַ טאַלאַנטפול־וואָגיק וואָרט, אַן אייגן וואָרט, ווייל ווי טיף די אַסי־מילירטע פּוילישע יידן זענען נישט געווען פאַרפּוילישט, דער יידי־שער זאַפט איז נאָך געווען געגוג בולט אין זייערע שאַפונגען.

וואָרום ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט קלינגען, נאָר דאָס איז אַ היסטאָרישער פאַקט, אַז דווקא דאָס פּוילישע יידנטום, דאָס זאַפּ־טיקסטע נאַציאָנאַל, דאָס אָנגעלאָדנסטע מיט נאַציאָנאַל־יידישער שאַפונג־ענערגיע, דווקא דאָס דאָזיקע יידנטום האָט געגעבן דער לאַנד־קולטור אַזעלכע שפּיצן פון טאַלאַנט און באַגאַבונג, ווי קיין שום יידנטום אין מזרח־אייראָפּע. די צוויי עקסטרעמען — קאָנ־סערוואַטיוו־אָרטאָדאָקסיש און מיט דער גאַנצער נשמה טיף פּוי־ליש — האָבן אין קיין שום לאַנד אין דער וועלט נישט געהויזט אַזוי נעבנאַנאַנדער אָדער קעגנאַנאַנדער ווי אין פּוילן.

מיר ווילן דאָ זיך נישט פאַרנעמען מיט דער ביז גאָר פאַר־כאַפּנדיקער פּראָבלעם פון דער דאָזיקער היסטאָרישער רעטעניש — אונדז אינטערעסירט דאָ אַן אַנדער פראַגע: ווי די היסטאָרישע פּריוווילעקע שעפערישע יידישע געטאָס האָבן אָנגעהויבן אין אויפ־געלעבטן פּוילן געשוואָלן צו ווערן, ווייל מען האָט אוועקגעשטעלט הויכע צוימען פאַר אלע יענע כוחות, וועלכע האָבן זיך געריסן און געמוזט זיך רייסן ארויס פון די געטאָס און אויפן ווייטן שליאַך פון דער לאַנד־קולטור אין ברייטסטן זין פון וואָרט.

פּויליש־יידישע געטאָס — דאָס זענען געווען געטאָס אין בעס־טן און אין ערגסטן זין פון וואָרט. אין הונדערטער שטעטלעך און אין גאַנצע דיסטריקטן אין די גרעסערע שטעט האָבן יידן געלעבט פיזיש־רוימלעך, סאָציאַל־עקאָנאָמיש, שפּראַכלעך־קולטורעל איזאָ־לירט, אָפּגעזונדערט פונעם פרעמדן ארום, קאָנצענטרירט אין זיך

און אריינגעטאָן אין דער אייגענער נשמה, כמעט ווי אויף אַ באַזונדערער טעריטאָריע, גייסטיק-קולטורעל כמעט אבסאָלוט ווי אין אַן אייגענעם לאַנד — און דאָס האָט געשאַפן אַ פאָלק, אַ גאַנץ פאָלק מיט אַלע אַטריבוטן פון אַ גאַנצן אָרגאַניזם, דיפערענצירט און קאָמפּליצירט ווי אַ גאַנצער אָרגאַניזם. די דאָזיקע נאַציאָנאַלע געטאָס זענען אָבער אַרומגערינגלט געוואָרן מיט הויכע צוימען, נישט איבערצושפּרינגען. און גאָר גיך האָט זיך אָנגעהויבן אַ טענדענץ צו מאַכן די דאָזיקע געטאָס שמאָלער און ענגער. מען האָט אָנגעהויבן שטופּן צוריק די אַלע יידישע כוחות, וועלכע האָבן זיך שוין געהאַט איינגעבירגערט אין דער לאַנד-קולטור, אין דעם לאַנד-לעבן אין ברייטערן זין פון וואָרט. יעדער ייד מיט ברייטערע גייסטיקע פּלייצעס, ווי די געטאָ האָט געקאָנט אויסנוצן, מיט ווייטערע עקאָנאָמישע השגות און אַפּעטיטן, ווי אין געטאָ איז מעגלעך געווען צו אַנטפּלעקן און צו צעוויקלען — יעדער, וואָס האָט געוואַגט אַרויסצושטעקן דעם קאָפּ פון דער געטאָ און וואַרפן אַ קוק אויף די פעטערע לעבנס-שאַנסן אין לאַנד, פלעג באַקומען ממש ווי מיט אַ דובינע איבערן קאָפּ און פלעג אַריינגעשטופּט ווערן צוריק.

צו ביסלעך איז די שפע-ברכה פון ענערגיע און טאַלאַנטן, פון ברייטע אַפּעטיטן און ווייטע השגות פאַרוואַנדלט געוואָרן ממש אין אַ שפע-קללה — מען האָט זיך געשטיקט אין דער שפע פון די נישט פאַרברויכטע כוחות, מען האָט זיך געוואָרגן מיט די אין האַלז שטעקן געבליבענע קרעפטן.

ביים טיף פאַרוואָרצלטן, עקשנותדיק-קאָנסערוואַטיוון פּוילישן יידנטום איז די גייסטיקע זעלבסט-עמאַנסיפּאַציע געגאַנגען זייער לאַנגזאַם, מיט זייער שווערע טריט, ווי מיט האַרץ-ווייטיק און מיט אַ באַזונדערס שטאַרקן פּחד פאַר די רעזולטאַטן פון אַזאַ עמאַנסיפּאַציע. די ביישפּילן פון דער אַסימילאַציע, וואָס איז אומעטום געווען די אומפאַרמיידלעכע באַגלייטערין פון דער עמאַנסיפּאַציע, אפילו פון דער זעלבסט-עמאַנסיפּאַציע, כאָטש אין אַ שוואַכערער פאָרם ווי ביים רוסישן יידנטום, האָבן אָפּגעשראָקן דאָס פּוילישע יידנטום און האָבן עס געמאַכט פאַרהאַרטעוועטער, פאַרעקשנטער אין האַלטן זיך ביי אַלע סימנים און קנינים פון אייגענעם לעבנס-נוסח, פון אייגענער הלבשה-פאָרם, פון גאַנצן אייגענעם דרויסנדיקן אויסזען. זיי האָבן געזען, אַז די תורה פון דער

עמאנסיפאציע, אז מען קאָן בלייבן יידן און זיך נישט אָפּשיידן אין בגד, אין באָרד און פּאות, אפילו אין שפּראַך פון דעם פרעמדן ארום, האָט פאַרפירט, ארויסגענאַרט פון געטאָ און נישט געגעבן קיין זיכערקייט פאַר דעם קיום האומה — און זיי האָבן זיך פאַרעקשנט אויף דעם קוצו של יוד. חוץ קאַרפּאַט-רוסלאַנד, איז נישט געווען קיין איין לאַנד אין דער וועלט, ווו יידן זאָלן געווען ריין אויסער-לעך זיך אַזוי אויסטיילן און אויסשיידן פון דעם פרעמדן ארום, ווי אין פּוילן. אָבער בעת דאָרטן, אין קאַרפּאַט-רוסלאַנד, איז דאָס געווען פרוכטלאָזע עקשנות און סתם פאַנאַטיזם, איז דאָס אין פּוילן געווען מער נאַציאָנאַלער באַוווּסטזיין, כוונהדיקע שטרעבונג צו זיין אַנדערש, כדי להבדיל בין גוי לייד. מער ווי הונדערט יאָר נאָך דער ערשטער וועלטלעכער שולע אין וואַרשע האָבן נאָך גאַנצע גאַסן אין דער דאָזיקער שטאָט אויסגעזעען שוואַרץ פון די לאַנגע קאַפּאָ-טעס און לאַנגע בערד און פּאות און ס׳האָט געמאַכט דעם איינ-דרוק, ווי יידן מאַניפעסטירן בכוונה זייער אַנדערשקייט, זייער ווילן צו בלייבן יידן, זייער אַבסאָלוטע גרייטקייט צו ליידן פאַר זייער יידישן אויסזעען, זייער טיפע איבערצייגונג, אַז נישט נאָר אַ יחיד האָט אומעטום רעכט אויף אינדיווידואַליטעט, נאָר אויך אַ כלל.

און אין דער סאַמע מיט פון דער דאָזיקער כוונהדיקער מאַני-פעסטאַציע פון אַנדערשקייט און באַזונדערקייט איז פאָרגעקומען אַן אַסימילאַציע פון אַזאַ איינריים מיט יידן און יידישקייט און מיט אַזאַ אינטים אַריינגיסן זיך אין דער פּוילישער קולטור און מיט אַזאַ פאַרכאַפּט ווערן פון אירע טיפסטע און וואָרצלדיקסטע קוואַלן, ווי ווידער אין קיין שום לאַנד אין דער וועלט, ווי אפילו נישט אין די מערב-אייראָפּעאישע לענדער, ווו דאָס גאַנצע יידנטום איז אַסימי-לירט געוואָרן.

אין מיינע אַרטיקלען, וועלכע ווערן דאָ פאָרגעלייגט, ווערן די דאָזיקע דעליקאַטע פּראָבלעמען נישט באַהאַנדלט דירעקט — זיי קומען אָבער אויף ווי היוצא לנו מדברינו, ווי מכללא איתמר. ווערט מען אין די געטאָס מאַטעריעל דערשטיקט, איז די גאַנצע אַטמאָס-פער אין די געטאָס פאַרסמט און פאַרפעסטעט, איז שוין קלאָר, אַז אויך די יידישע נשמה מוז זיך קאָרטשען און ברעכן און קאָן נישט פריי און פרוכטבאַר זיך אַנטפּלעקן, זיך צעוויקלען.

צוריק מיט 41 יאָר האָט דער מחבר פון די דאָ פאָרגעלייגטע

אַרטיקלען פאַרעפנטלעכט אַ מאמר אין דעם רוסישן וואָכנבלאַט „ראַזסוועט" (אין פּעטערבורג) מיט דעם זעלבן נאָמען: „אויפן ראַנד פון אָפּגרונט"... געווען איז דאָס נאָך די 700 פּאָגראָמען, וועלכע האָבן באַגלייט די דורכגעפאַלענע ערשטע רוסישע רעוואָלוציע פון 1905. מיין דעמאָלט נאָך גאָר יונגע נשמה איז טיף אויפגעטרייסלט און פאַרוווּנדעט געוואָרן — די רוסישע רעוואָלוציע און פּאָגראָמען!? איך האָב זיך געפילט באַליידיקט אין מיינע הייליקסטע געפילן און געדאַנקען — ווי איז דאָס מעגלעך? עפּעס אַ ווערטעלע — רוסישע רעוואָלוציע?! וויפל האַרץ, וויפל נשמה, וויפל יונגע זאַפטיקע כוחות, וויפל אמונה און איבערגעגעבנקייט, וויפל געטריישאַפט און האָפענונג מיר, אונדזער דור, האָט אַריינגעלייגט אין דער דאָזיקער באַוועגונג! אַפילו מיר — שוין דעמאָלט ציוניסטן און טעריטאָריאַליסטן. האָט דאָך די דאָזיקע רעוואָלוציע צוגעזאָגט פיל מער, ווי אַלע בירגערלעכע רעוואָלוציעס פון 19טן יאָרהונדערט — איר הויפּט-טרעגער איז דאָך געווען דער לעצטער גואל, דער אמתער משיח פון דער מענטשהייט — דער פּראָלעטאַריאַט! ער, דער פּראָלעטאַריאַט, ברענגט דאָך די גאולה שלמה און נישט קיין פּריווילעגיעס פאַר אַ נייעם קלאַס, וואָס וועט ווייטער עקספּלואַטירן און פירן די וועלט צו מלחמות.

און צום סוף — מיטן כישוף-שטעקעלע פון שנאת עולם צום עם עולם האָט זיך דער צאַרישער קליקע איינגעגעבן אָפּשטעלן דעם זייגער פון דער געשיכטע! נאָך מער: אַ דריי טאָן דעם זייגער אויף צוריק — פּאָגראָמען זענען דאָך אַ רעשט פון מיטלאַלטער, פון ווילדע צייטן! האָבן דאָך אַפילו די פּעסימיסטישסטע ציוניסטן דעמאָלט געגלויבט, אַז ווו די עמאַנסיפּאַציע איז שוין דורכגעפירט, איז פאַרפאַלן און די ווילדסטע אַנטיסעמיטן וועלן נישט קאָנען אַ דריי טאָן דאָס ראָד פון דער געשיכטע אויף צוריק מיט אַזאַ אימפּעט, אַז דייטשע יידן, למשל, זאָלן ווערן רעכטלאָז, ווי זייערע רוסישע ברידער. גאָלדענע, גליקלעכע, נאַאיווע צייטן!

יאָ, צוריק מיט 41 יאָר האָט דער מחבר פון באַנד אַרטיקלען געשריבן, אַז מיר, דאָס האָט געמיינט, מיר, רוסישע יידן, געפינען זיך אויפן ראַנד פון אָפּגרונט. און איצט גיב איך אַ נאָמען מיינע אַרטיקלען וועגן יידישן לעבן אין אויפגעלעבטן פּוילן: **אויפן ראַנד פון אָפּגרונט...** און ביז היינטיקן טאָג געפינט זיך דאָס גאַנצע

אייראָפּעאישע יידנטום שוין נישט אויפן ראנד, נאָר טיף, גאָר טיף אינעם אָפּגרונט......

אזוי זענען געגאנגען די אנטוויקלונגען אין די דאָזיקע 41 יאָר. און מאכנדיק א שטיקל חשבון הנפש, דערלויב איך מיר צו זאָגן, אז צווישן מיין מאמר פון 1906 און דעם נאָמען פון מיין בוך אר־טיקלען וועגן יידן אין פוילן איז פאראן א טיפע אינטימע פארבינ־דונג. אין וואָסער זין?

אין זין פון יציאת אייראָפּע, אין זין פון איבערטראָגן דעם צענטער פון יידישן פאָלק פון אייראָפּע אויף אנדערע קאָנטינענטן; אין זין פון עמיגראציע — אז עמיגראציע איז די צענטראלע פּראָב־לעם פון יידישן פאָלק. רעטראָספּעקטיוו קאָן מען זאָגן, אז מען האָט גאָר נישט באדארפט זיין קיין גרויסער קענער פון יידישן לעבן, כדי אוועקצושטעלן עמיגראציע אין צענטער פון יידישע פראגן — האָט דאָך דאָס יידישע פאָלק דאָס געטאָן טאָג־טעגלעך, ממש יעדע שעה. פיר מיליאָן יידן האָבן אין די לעצטע 60־70 יאָר פארלאָזט אייראָפּע, אויפגעשטעלט נייע צענטערן — און דערמיט האָט ווי געזאָגט די יידישע מאסע צו דער אינטעליגענץ: דאָס איז דער וועג נישט נאָר פון גאולה, נאָר אויך פון רעטונג פון פיזישן לעבן! נישט אלע האָבן פארשטאַנען דעם דאָזיקן היסטאָרישן רמז פון די „פינצ־טערע" יידישע מאסן; פילע האָבן אים אפילו באקעמפט. ס'איז געווען איין ריכטונג אין יידישן לעבן, וועלכע האָט געהאט די אינ־טימסטע פארבינדונגען מיט די יידישע מאסן, וועלכע האָט גע־שטעלט העכער די נאציאָנאלע אינסטינקטן פון די מאסן פון די טעאָריעס פון אינטעליגענטן, וועלכע האָט געזוכט גאולה און רע־טונג פריער פון אלץ אין יידישן פאָלק גופא, פריער פון אלץ אויף די וועגן פון היסטאָרישע יידישע בענקשאפטן און אמונות — דאָס איז געווען די ציוניסטיש־טעריטאָריאליסטישע ריכטונג.

און צו דער דאָזיקער ריכטונג האָב איך געהערט אין פארשי־דענע מדרגות מיין גאנץ לעבן. געווים, געווים, ס'זענען געווען הפ־סקות אין מיין לעבן אין פרט פון באטאָנען די פרינציפּן פון יצי־את אייראָפּע — און איך האָב גאָר קיין חרטה נישט דערויף. דער גלות־נאציאָנאליזם, וועלכער איז אין פארשידענע מאָסן איין צייט געהאט געוואָרן אן אָרגאַנישער טייל פון דער ציוניסטישער פּראָ־גראם אין אלע לענדער פון מזרח־אייראָפּע, איז געווען א צו שע־

פעריש בלעטל אין דער אנטוויקלונג פון אונדזער פאָלק אין לעצטן דור, אז אימיצער זאָל דארפן זיך שלאָגן על חטא פאר דינען דעם דאָזיקן געדאנק. אויב זיך שלאָגן על חטא, און געווים מוזן פילע און אויך מיין ווייניקייט צווישן זיי, זיך שלאָגן על חטא אָדער על חטאים, איז נישט אויף דעם, וואָס מיר האָבן געווידמעט אזוי פיל כוחות דער קולטור-ארבעט אין גלות, נאָר אויף דעם, וואָס מיר האָבן געשענקט אזוי ווייניק קרעפטן דער אויפבוי-ארבעט אין לאנד פון יידישער גאולה-בענקשאפט. אין דעם פרט בין איך גרייט צו באקומען מלקות וויפל נאָר מיין גוף און מיין נשמה קאָנען פאר-טראָגן. יאָ, אין דעם פרט פיל איך זיך א חוטא, פיל איך זיך שול-דיק פאר מיין פאָלק, פיל איך א פאטאלן פגם אין מיין גאנצער פאָלק-ארבעט.

גייסטיק-טעאָרעטיש אָבער בין איך מיין גאנץ לעבן געווען געטריי דעם עמיגראציע-געדאנק, דער עיקר אין זיין פאָזיטיוון אויפבוי-תוך; אין דעם זין, אז די עמיגראציע-ענערגיע פון די וואנ-דערנדיקע יידישע מאסן מוז און זאָל ווערן קאָנצענטרירט; מוז און זאָל ווערן געריכטעט אויף א נאציאָנאלן בנין, אויף א נאציאָנאלע היים, אויף נאָרמאליזירן אונדזער נאציאָנאלן באָדן.

איז ווידער אמאָל דאָס זעלבע: די פאָרגעלייגטע ארטיקלען פארנעמען זיך נישט דירעקט מיט די נאָר וואָס אָנגעוואָרפענע קארדינאלע פראָבלעמען פון יידישן לעבן. אָבער אומדירעקט קלינגט פון זיי ארויס, ריכטיקער שרייט פון זיי ארויס דער געדאנק, אז עמיגראציע איז די צענטראלע פראָבלעם פון די פוילישע יידן.

די ארטיקלען זענען געשריבן אין משך פון 6-7 יאָר, ביי פאר-שידענע געלעגנהייטן, וועגן פארשידענע יידישע געמיינדעס — שטעלן זיי נישט פאָר מיט זיך איין ווערק, אויסגעגאָסן פון איין שטיק. די שטימונג פון מחבר און זיין צוגאנג צו יידישע פראגן און צו יידישע צרות — דאָס מאכט פון זיי א גאנצע זאך: א פינצ-טער בילד פון יידישן לעבן אין פוילן. צער און צאָרן שרייען מער ארויס פון די ארטיקלען, ווי רפואות און עצות, אָבער דאָס איז אפשר די גרעסטע מעלה פון די ארטיקלען. זיי באקומען די וואָג פון היסטאָרישע דאָקומענטן — אָט אזוי האָב איך געזען די פאקט-טן פון יידישן לעבן און זיי רעגיסטרירט און באלויכטן. דער עיקר אָבער אין די ארטיקלען זענען פאָרט די פאקטן, די בילדער פון

קאָנקרעטן יידישן לעבן, די שטיקער טאָג-טעגלעכן לעבן: יידן אין מארק, יידן אין ווארשטאטן, יידן אין פאבריקן, יידן אין גאס, יידן אין הילף-אינסטיטוציעס, יידן אין קאמף פארן שטיקל ברויט, יידן, געיאָגט און געפּלאָגט פון אָרגאַניזירטן און נישט-אָרגאַניזירטן אנטיסעמיטיזם, יידן אלס אָביעקט פון רעגירונג-אנטיסעמיטיזם.

זענען גאָר נישט געווען קיין ליכטיקע שטראַלן אין יידישן לעבן פון פּוילן אין די יאָרן, וועלכע ווערן אין בוך באשריבן? געווען! געווים געווען! און זיי ווערן נישט פארשוויגן אינגאנצן אין בוך, כאָטש זיי שטארצן נישט גאָר בולט ארויס. איין ליכטיקער שטראל אָבער, דער וויכטיקסטער, שרייט ארויס פון גאנצן בוך. דאָס איז דער יידישער לעבנס-מוט, דער יידישער „אף על פי כן״, דער יידישער לעבנס-עלעקסיר, דער יידישער עקשנותדיקער קאמף מיט אמונה, אז ס׳איז כדאי דער קאמף, ווייל דאָס לעבן איז עולה איבער אלץ. אָט דער דאָזיקער קאמף-טעמפּ פון די פּוילישע יידן, וואָס האָט זיין באזונדערן ריטם, פילט זיך, ווייזט מיר אויס, אין מיינע ארטיקלען.

און טאקע צוליב דער לעצטער סיבה האָב איך נישט געמאכט קיינע ענדערונגען אין די ארטיקלען — זיי זענען דאָך געשריבן געוואָרן אין טאקט מיטן ריטם פון יידישן קאמף אין פּוילן — פון א קאמף, וואָס איבערראשט ממש, ווייל ווי נישט גלייך ס׳זענען נישט געווען די צדדים, דער פּוילישער ייד האָט זיך נישט פארלאָרן. אויב דלות בכלל איז דערפינדעריש, ווי ס׳זאָגט א רוסיש ווערטל, איז דער פּויליש-יידישער דלות געווען דער דערפינדערישסטער אין דער וועלט. און נישט נאָר דער דערפינדערישסטער, נאָר אויך דער מוטיקסטער, דער העזהדיקסטער, דער געדולדיקסטער. ווייל אינעם ים פון דלות האָט זיך געפילט א קאמף-העזה, א גרייטקייט צו פארמעסטן זיך מיט די כוחות מיטן שטאַרקסטן שונא, א באַשלוס ביליק נישט לאָזן דעם שונא זיגן, א באוווסטזיין, אז דאָס הייליקסטע מענטשלעכע רעכט, דאָס רעכט אויף לעבן און פרייהייט, קאָן קיינער ביי זיי נישט צורויבעווען.

יעקב לעשצינסקי

ניו־יאָרק, מאי 1947

I

צו דער סאָציאָלאָגיע פון פוילישן יידנטום

1) אריינפיר

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט דאָס פוילישע יידנטום אָנגע־הויבן שפּילן א גאָר געהויבענע ראָלע אינעם וועלט־יידנטום. דאָס רוסישע יידנטום איז געוואָרן איזאָלירט פונעם ברייטן שליאַך פון אונדזער נאַ־ציאָנאַלן און סאָציאַלן לעבן. דאָס אמעריקאַנער יידנטום האָט נאָך נישט באַוויזן נאַציאָנאַל און קולטורעל זיך צו קריסטאַליזירן אין אַזאַ מאָס, אַז ס'זאָל פאַרנעמען די אָנפירנדיקע ראָלע, וואָס אים געהערט לויט זיין צאָל און לויט די גינציקע פּאָליטישע באַדינגונגען, אין וועלכע ס'לעבט. די דריי מיליאָן יידן פון דער אויפגעלעבטער פוילישער מלוכה זענען שוין צוליב די נאָר וואָס אויסגערעכנטע סיבות געבליבן דער וויכטיקסטער קוואַנטיטאַטיווער און קוואַליטאַטיווער צענטער פון אונדזער צעוואָרפן און צעשפּרייט פאָלק.

אָבער טראַכט מען זיך אריין טיפער, ווערט באַלד קלאָר, אַז נישט נאָר די דאָזיקע צופעליקע סיבות האָבן ארויסגערוקט דאָס פוילישע יידנ־טום אויף דער פירנדיקער ראָלע אינעם וועלט־יידנטום. ס'זענען געווען א סך וויכטיקערע און ערנסטערע סיבות, וועלכע האָבן געגעבן דעם פּוי־לישן יידנטום דאָס מאָראַלישע רעכט אויפן ערשטן פּלאַץ אינעם וועלט־יידנטום. דער אוצר פון נאַציאָנאַלער שעפערישער ענערגיע, וועלכער האָט באַפרוכפּערט דאָס לעבן פון יידן אין אַלע עקן וועלט, איינשליסנדיק ארץ ישראל; וועלכער האָט געגעבן אינהאַלט און זאַפט אַלע אונדזערע נאַציאָ־נאַל־פּאָליטישע און גייסטיק־קולטורעלע באַוועגונגען, אָט דאָס האָט גע־מאַכט דאָס פוילישע יידנטום פאַרן פירנדיקן פּאָליטישן און גייסטיקן צענטער פונעם וועלט־יידנטום. ווייל אין רעזולטאַט פון דער גאַנצער אַסי־

מילאציע־עפּאָכע האָט זיך דאָס פּוילישע יידנטום ארויסגעשטעלט אלס דאָס אמווייניקסטן געליטענע, אלס דאָס נאציאָנאל־באוווסטזיניקסטע, אלס נאציאָנאל־פּאָליטיש דאָס קעמפערישסטע, אלס נאציאָנאל־מענטשלעך דאָס שטאָלצסטע.

וועלכע־זשע פאקטאָרן האָבן געפירט דערצו, וואָס דער אסימילאציע־חורבן איז ביים פּוילישן יידנטום געווען דער שוואכסטער און די נאציאָנאלע ירושה די ווירקנדיקסטע און באאיינפלוסנדיקסטע? וועלכע פאקטאָרן האָבן געפירט דערצו, וואָס ביים פּוילישן יידנטום איז די נאציאָנאל־קולטורעלע ירושה געווען רייכער, זאפטיקער, קאָנסערוואטיווער און שעפערישער?

מיר זאָגן „געווען“, ווייל ווי גרויס ס'זאָל נישט זיין די צאָל יידן, וואָס זענען נאָך געבליבן לעבן אין פּוילן, דער אלטער גייסט פונעם פּוילישן יידנטום איז געוויס פארניכטעט אויף אלע הונדערט פּראָצענט. אלע וואָרצלען פון די הונדערטיאָריקע נאציאָנאלע טראדיציעס און אינערציעס זענען אזוי גרינדלעך אויסגעריסן און אלע שפּורן זענען אזוי ווייט פארווישט, אז ס'איז שווער צו גלויבן אין א גיכער אויפלעבונג פון יידישן נאציאָנאלן לעבן אין פּוילן. מענטשן, וועלכע האָבן איבערגעלעבט דריי און פיר און אָפט פינף גירושים; וועלכע האָבן דורכגעמאכט עקאָנאָמיש דריי און פיר און אָפט פינף און מער גילגולים; וועלכע האָבן מיט די אייגענע אויגן צוגעזען דעם מאָרד פון קינדער און עלטערן, פון ברידער און שוועסטער און האָבן פּערזענלעך געזען דעם מלאך המות פאר די אויגן צען מאָל א טאָג — אָט דער דאָזיקער שארית הפליטה פונעם פּוילישן יידנטום האָט פיזיש נישט געקאָנט ארויסראטעווען פון דער קאטאסטראָפע דעם העכער דערמאָנטן אוצר פון נאציאָנאל־שעפערישער ענערגיע. בפרט נאָך, אז ער איז אין כמות אזוי קליין.

ס'איז דעריבער, ליידער, געקומען די צייט זיך פונאנדערצוקלייבן אין יענע היסטאָרישע פאקטאָרן, וועלכע האָבן געשאפן און אויפגעהאלטן די באזונדערס רייכע נאציאָנאלע ענערגיע פונעם פּוילישן יידנטום.

* * *

צוריק מיט איינע 170 יאָר איז דאָס פּוילישע יידנטום געווען כמעט גלייך מיטן וועלט יידנטום, אויב מען זאָל נישט רעכענען די ספרדישע און אראבישע יידן, וועלכע האָבן שוין דעמאָלט געשפּילט נאָר א קנאפּע ראָלע אין לעבן פון יידישן פאָלק אלס נאציאָנאַלע איינהייט. אין פּוילן פון ערב דער ערשטער צעטיילונג (1772) האָבן געלעבט ארום 70 פּראָצענט פונעם וועלט־יידנטום און מער פון 80 פּראָצ. פונעם אשכנזישן יידנטום, פון דעם דאָזיקן הויפּט, אויב נישט איינציקן טרעגער פונעם היסטאָרישן נאציאָנאַלן המשך פון יידישן פאָלק. אלע אויסגעוואקסענע אין די לעצטע 150 יאָר גרויסע און קליינע ישובים, הן אין אייראָפּע גופא און הן אין אלע אנדערע עקן וועלט, זענען ביאָלאָגיש און קולטורעל צווייגן פונעם פּויליש־יידישן בוים — פונעם איינציקן גלות־בוים, וואָס האָט געזויגן יניקה פון איין און דעם זעלבן באָדן אין משך פון אזא לאנגער און נישט אונטערבראָכענער תקופה, כמעט אין משך פון צ ע ן יאָר־הונדערטער!

המשך און איינגעוואָרצלטקייט, טיפע טראדיציאָנעלקייט און ווירקנדיקע אינערציע, א געזונטער רעליגיעזער און נאציאָנאַלער קאָנסערוואטיזם, א באזונדער וויטאלער נאציאָנאַלער אינסטינקט און א באזונדער אויסגעשפּראָכענער, כמעט דעמאָנסטראטיווער נאציאָנאַלער שטאָלץ, א באוווּנדערנסווערטער געפיל פון נאציאָנאַלער אחריות און א מאקסימאלע נאציאָנאַלע דיסציפּלין אין פארגלייך מיט אלע אנדערע יידישע גלות־ישובים — אָט די אלע כאראקטעריסטישע שטריכן פונעם פּוילישן יידנטום זענען אין גאָר א גרויסער מאָס אַן אָרגאנישער רעזולטאט פון דער לאנגיאָריקייט און אומאונטערבראָכנקייט פון לעבן פון פּוילישן יידנטום אויף איין און דעם זעלבן באָדן, אונטער איינעם און דעם זעלבן הימל, ביי איינער און דער זעלבער ווייסל.

נאָר אויף אזא אופן איז צו דערקלערן, פארוואָס די פּוילישע יידן זענען א סך טיפער, נשמה אינטימער פארבונדן און צוזאמענגעוואקסן מיטן פּוילישן לאנד, מיט דער פּוילישער לאנדשאפט, מיט דער פּוילישער פאָלקס־קולטור. זייער שיקזאל איז מער ווי עקאָנאָמיש און פּאָליטיש פארפלאָכטן מיטן גורל פונעם פּוילישן פאָלק. שווער צו געפינען ביי יידישע שרייבער פון אנדערע לענדער אזא לאנדשאפט־ראָמאנטיק און אזא טיף־

צויבער, ווי ביי אשן און ביי א סך אנדערע פּויליש־יידישע דיכטער. דער פּוילישער הימל, דער פּוילישער וואַלד, דאָס פּוילישע ווייטע פעלד, די וויסל־כוואַליעס — דאָס אַלץ האָט באַצויבערט און געפאַנגען נישט נאָר די איידל־צאַרטע נשמות פון דיכטער־שרייבער, נאָר פון גאַנצן פּוילישן יידנטום און האָט דערמיט אַרויפגעלייגט א באַזונדערן חן אויף דעם דאָזיקן צווייג פון אונדזער פאָלק.

דער דאָזיקער פיזיש־סביבהשער לאַנד־פאַקטאָר האָט אָבער נישט געהאַט קיין אַסימיליר־ווירקונג אין נאַציאָנאַלן זין. ער האָט געווירקט אויפן נאַציאָנאַלן כאַראַקטער פונעם פּוילישן יידנטום און האָט אים צוגעגעבן שטריכן און קנייטשן זייער ענלעכע צו די זעלבע ביים פּוילישן פאָלק — נישט מער. ווייל אַריבערגעוויגן האָבן אַנדערע פילע פאַקטאָרן, וועלכע האָבן מיטגעהאָלפן און מיטגעווירקט צו דער טיפערער און זאַפטיקערער קריסטאַליזירונג און קאָנסאָלידירונג פונעם פּוילישן יידנטום ווי א גאַנצע און אַן אַבסאָלוט באַזונדערע נאַציאָנאַלע גרופּע, וועלכע האָבן געפירט צו דער אינטענסיווערער אַנטוויקלונג פון א נאַציאָנאַלן אחדות און אחריות־געפיל ביים דאָזיקן צווייג פונעם צעוואָרפענעם איבער דער גאָרער וועלט יידישן פאָלק.

2) די רוימלעכע קאָמפּאַקטקייט און איזאָלירטקייט

פריער פון אַלץ און מער פון אַלץ די פּשוטע צאָל, די געדיכטקייט פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פּוילן. אין קיין שום לאַנד אין דער וועלט (חוץ דעם קליינעם און נישט־וויכטיקן ישוב אין קאַרפּאַטאָרוס) האָבן יידן נישט אויסגעמאַכט אַזאַ הויכן פּראָצענט ווי אין פּוילן. אין קיין שום לאַנד אין דער וועלט האָבן יידן זיך נישט אַזוי געדיכט, אַזוי קאָמפּאַקט קאָנצענטרירט, אַזוי זיך צוזאַמענגענומען און געטוליעט איינער צום אַנדערן און אַזוי זיך פּרייוויליק געטאָזירט אין זין פון אָפּטיילן זיך פון דער אַרומיקער באַפעלקערונג, ווי אין פּוילן.

אין גאַנץ גרויסע טיילן פון פּוילן האָבן יידן תמיד געהאַט נעבן זיך און קענען זיך נישט קיין אויסגעגאָסענע פון איין שטיק נאַציאָנאַלע מאַסע, נאָר א געמיש, א קאָנגלאָמעראַט פון צוויי און אָפט דריי פעלקער:

אין די מערב־ראיאָנען — פּאָליאַקן און דייטשן; אין מזרח־גאַליציע — אוקראַאינער, פּאָליאַקן און דייטשן; אין די מזרח־ראַיאָנען — ליטווינער, ווייסרוסן און פּאָליאַקן און שפּליטער פון רוסן. דער קעגנזייטיקער קאַמף פון די שפּראַכן און קולטורן פון די דאָזיקע ארומיקע פאַרשידענע פעלקער האָט געמוזט אָפּשוואַכן די אסימיליר־קראַפט פון יעדער פון זיי אויף דער יידישער באַפעלקערונג. דער אומאויפהערלעכער און אלץ וואַקסנדיקער קאַמף פון די אָפּגעשטאַנענסטע נאַציאָנאַלע גרופּעס פאַר זייער נאַציאָנאַלער עקסיסטענץ, פאַר זייער נאַציאָנאַלער שפּראַך און קולטור ביי זייער גאַנצער אָרימקייט און פּרימיטיווקייט האָט געמוזט וועקן אין די יידישע מאַסן דעם אפּעטיט צו שיצן אויך זייער אייגענע שפּראַך און קולטור און נישט בטל ווערן אין די אייגענע אויגן פאַר דער שטאַרקערער און רייכערער קולטור פון דער הערשנדיקער פּוילישער גרופּע.

א מינדערהייט אין לאַנד, האָבן יידן אויסגעמאַכט זייער א לאַנגע צייט א מערהייט און גאָר אָפט אַן אבסאָלוטע מערהייט אינעם רוב שטעט און שטעטלעך פון פּוילן, באַזונדערס אין די פּעריפעריע־לענדער, אין די אוקראַאינישע און ווייסרוסישע ראַיאָנען, ווו יידן האָבן נאָך ערב מלחמה געבילדעט א מערהייט אין גאָר א סך שטעט און שטעטלעך און ווו די יידישע שפּראַך איז געווען די הערשנדיקע. די דאָזיקע רעלאַטיווע אָדער אבסאָלוטע יידישע מערהייט אין די שטאָטישע און שטעטלשע ישובים פון פּוילן איז אָפט פּאַקטיש פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אבסאָלוטער הונדערטפּראָצענטיקער נאַציאָנאַלער אָפּגעזונדערטקייט, מחמת אין די צענטראַלע גאַסן פון די דאָזיקע פּונקטן און אויך אין די האַנדלס־מאַרקן האָבן יידן גאָר אָפט אויסגעמאַכט גאַנצע הונדערט פּראָצענט. די נישט יידישע באַפעלקערונג האָט געלעבט כמעט אויסשליסלעך אין די פּעריפעריע־טיילן פון די דאָזיקע שטאָטישע פּונקטן, אין די לאַנדווירטשאַפטלעכע סעקטאָרן פון די שטאָטישע און שטעטלשע ישובים. אין די יידישע גאַסן און אין יידישן מאַרק פלעגן זיי קומען נאָר לשם געשעפט — אויף צו פאַרקויפן זייערע אגראַר־פּראָדוקטן און איינקויפן פאַרשידענע סחורות. געלעבט האָט מען צעטיילט גאַנצע הונדערטער פּראָצענט. נישט נאָר גאָט האָט מען געדינט באַזונדער, נאָר מען האָט די קינדער געשיקט אין פאַרשידענע שולן, אויב נישט־יידן האָבן

זיי בכלל געשיקט; מען האָט געיומטובט באַזונדערע יום־טובים און נישט אין איינע און די זעלבע טעג; מען האָט געלייענט פאַרשידענע ביכער, אויב מען האָט בכלל געלייענט ביכער. וועגן ביאָלאָגישער נאָענטקייט האָט, זעלבסטפאַרשטענדלעך, גאָר נישט געקאָנט זיין קיין רייד — א משומד איז אויסגעשפּיגן געוואָרן פון דער יידישער געזעלשאַפט.

אָט דאָס נאָר וואָס אויסגעמאָלטע בילד פון אָפּגעזונדערטקייט פוןביידע וועלטן איז געווען טיפּיש נישט נאָר פאַר די קליינע שטעטלעך, נאָר אויך פאַר די מיטעלע שטעט. און דאָס איז נישט קיין בילד פון גאָר אַמאָליקע, לאַנג פאַרגאַנגענע צייטן — ביז 1920 איז דאָס געווען אבסאָ־לוט ריכטיק פאַר אַלע ראַיאָנען פון אַמאָליקן צאַרישן רוסלאַנד, ווו ס'איז נאָך גאָר נישט געווען קיין אָבליגאַטאָרישע אַלגעמיינע בילדונג. בנוגע גאַליציע איז דאָס בילד אביסל בלאַסער, אָבער נישט קיין סך — אויב דאָרטן איז פאַקטיש די איזאָלירטקייט געווען שטאַרק, כאָטש מען האָט שוין געלערנט צוזאַמען אין אַלגעמיינע שולן. שפּראַכלעך האָט טאַקע די יידישע באַפעלקערונג פון גאַליציע זיך א סך מער אסימילירט ווי אין די ראַיאָנען פון צאַרישן רוסלאַנד, אָבער אין דער קאַטוילישער גאַליציע איז אויך דער יידישער רעליגיעזער קאָנסערוואַטיזם געווען פיל שטאַרקער ווי אין רוסלאַנד.

אין די גרויסע שטעט איז שוין אין די לעצטע צענדליקע יאָרן די איזאָלירטקייט נישט געווען פון אזא מאַסשטאַב און פון אזא ווירקונג, אָבער אויך דאָרטן זענען געווען גאַנצע שטאָט־טיילן, אין וועלכע יידן האָבן אויסגעמאַכט 80 און אפילו 90 פּראָצענט פון דער גאַנצער באַפעל־קערונג. די מערהייט פון דער יידישער גרויס־שטאָטישער באַפעלקערונג האָט געלעבט אין ריין־יידישע קוואַרטאַלן. נאָר א מינדערהייט, געוויינלעך דער רייכערער און אינטעליגענטערער טייל, האָט געלעבט צעשפּריים צווישן נישט־יידן. אין דער גרויס־שטאָט האָט שוין דער ייד געווים נהנה געווען פון פּוילישן טעאַטער, פון דער פּוילישער צייטונג, פון דער פּוילישער קולטור בכלל, אָבער די געדיכטקייט פון גרויסע יידישע מאַסן האָט באַלד געשאַפן א באָדן פאַר א ײ ג ע נ ע צייטונגען און א ײ ג ע נ ע טעאַטערן און א ײ ג ע נ ע אַנדערע קולטור־אינסטיטוציעס. פאַר דעם גרויסן רוב פון דער יידישער גרויס־שטאָטישער באַפעלקערונג איז די פּוילישע קול־

טור געווען א מין לוקסוס־זאַך; די יידישע מאָדערנע קולטור — איז געוואָרן אָדער האָט געהאַלטן אין ווערן קולטור־ברויט.

די דאָזיקע פיל־פאַכיקע רוימלעך־צאָליקע קאָנצענטראַציע און איזאָלאַציע, אין שטאָטישע טיפן ישובים, אין באַזונדערע ראַיאָנען פון די שטעט, אין א באַגרעניצטער צאָל צענטראַלע גאַסן פון די מיטעלע און קליינע שטעט און אין באַזונדערע געטאָ־ראַיאָנען אין די גרויסע שטעט — אָט די דאָזיקע פיזישע אָפּגעזונדערטקייט איז נישט קיין ספּעציפישע דערשיינונג פון יידן אין פוילן. מיר טרעפן זי ביי יידן אין דער גאַנצער וועלט. און מיר טרעפן זי אויך ביי אַנדערע פעלקער. זי האָט אָבער אין ערגעץ נישט אָנגענומען אַזעלכע מאַסשטאַבן און האָט אין קיין שום לאַנד נישט געהאַט הינטער זיך אַזאַ לאַנגע דורכאויסיקע געשיכטע. זי האָט אויך אין ערגעץ נישט געהאַט אונטער זיך אַזאַ ברייטע איזאָלירטע עקאָנאָמישע באַזע, וועלכע האָט נישט נאָר פאַרשטאַרקט און אינטענסיווירט די פיזישע אָפּגעזונדערטקייט, נאָר זי אויך געמאַכט פרוכטבאַרער און זאַפטיקער.

די אַלע מאָמענטן, די מאָס, וואָס די קאָנצענטרירטקייט האָט אָנגענומען; איר לאַנגער תקופות־דויער; און, ענדלעך, איר צוזאַמענפאַלן מיט סאָציאַל־עקאָנאָמישער איזאָלירטקייט — אָט די אַלע פאַקטאָרן האָבן געשפּילט גאָר א גרויסע ראָלע אין פּרט פון קאָנסאָלידירן און צעמענטירן די יידישע מינדערהייט אַלס א נאַציאָנאַלע איינהייט; אין פּרט פון שאַפן א מער אָדער ווייניקער געזונטן באָדן פאַר אייגענע נישט נאָר רעליגיעזע, נאָר אויך נאַציאָנאַלע לעבנס־פאָרמען; אין פּרט פון שאַפן א קוואַל פאַר אַן אָרגאַנישער פאַרוואַנדלונג פון די אַלטע רעליגיעזע קולטור־ווערטן אין מאָדערנע נאַציאָנאַלע קולטור־שאַפונגען. נישט נאָר האָט זיך אין היסטאָרישן פוילן די יידישע שפּראַך (יידיש) לענגער און עקשנותדיקער איינגעהאַלטן אַלס א שפּראַך פון דער גרויסער מערהייט פון דער יידישער באַפעלקערונג, נאָר דאָרטן האָט זי אויך אַרויסגעוויזן מער שאַפונגסזאַפט, מער ווידערשטאַנד דער פאַרפלייצונג פון די אַרומיקע אַסימילאַציע־כוואַליעס; מער פעאיקייט זיך אָרגאַניש אַנטוויקלען אויך ביי מאָדערנע לעבנס־באַדינגונגען און קאָנקורירן מיט דער אַרומיקער פּאָליטיש און קולטורעל הערשנדיקער שפּראַך פון דער מערהייט. אין קיין שום לאַנד

פון מזרח־אייראָפּע, ווי אין אונגארן, אין רומעניע, אין סלאָוואקיי און קארפּאטאָרוס, ווו די יידישע שפּראך האָט נישט לאנג צוריק געהערשט נישט ווייניקער ווי אין פּוילן — אין ערגעץ האָט זי נישט אַרויסגעוויזן אזא עקשנותדיקן קאמף פאר איר עקסיסטענץ און אין ערגעץ האָט זי נישט ארויסגעוויזן אזעלכע בולטע און קלאָרע פּאָטענצן אויף אָרגאניש אויסוואקסן אין דעם מאָדערנסטן קולטור־אינסטרומענט פון די ברייטסטע יידישע מאסן.

דאָס זעלבע קאָן מען זאָגן וועגן דער העברעאישער שפּראך און דער העברעאישער קולטור — אין אלע אויסגערעכנטע לענדער זענען אויך געווען א סך חדרים און ישיבות, ווו מען האָט געלערנט תורה און תלמוד, אָבער נאָר אין פּוילן איז די אלט־העברעאישע קולטור אריבערגעוואקסן אָרגאניש אין דער מאָדערנער העברעאישער קולטור.

לאָמיר ברענגען איניקע מאטעריאלן צו אילוסטרירן די רוימלעכע אויסגעטיילטקייט פון די פּוילישע יידן פון דער ארומיקער פּוילישער מערהייט.

פון 181 שטאָטישע פּונקטן אין אמאָליקן קאָנגרעס־פּוילן זענען געווען אין 1857 שטעט מיט א יידישער אבסאָלוטער מערהייט — 88 אָדער 48,6% פון אלע שטעט. שטעט מיט מער פון 40 פּראָצענט יידן זענען געווען 120 אָדער 66,2%, אלזאָ צוויי דריטל *). מיר ווערן זען, אז וויבאלד די יידישע קרעמער און די יידישע בעלי־מלאכות האָבן אויס־געמאכט אלע הונדערט אָדער ניינציק פּראָצענט פון דער דאָזיקער שטאָ־טישער באפעלקערונג, האָט דאָס פּאקטיש באטייט, אז די גאנצע שטאָ־טישע באפעלקערונג פון די מיטעלע און קלענערע שטאָטישע פּונקטן איז געווען א יידישע, ווייל די קריסטלעכע באפעלקערונג האָט זיך נאָך דע־מאָלט פּאקטיש פארנומען מיט לאנדווירשאפט אָדער מיט אזעלכע האנט־ארבעטן, צו וועלכע יידן האָבן נישט געהאט קיין שייכות, ווי שווערע בוי־ארבעטן, שווארץ־ארבעט וכדומה.

פון 110 שטאָטישע פּונקטן אין קאָנגרעס־פּוילן אין 1897 זענען

---

*) Bohdan Wasiutyński: Ludność żydowska w Polsce w wieku XIX i XX. Warszawa 1930.

געווען שטעט מיט מער פון 50 פּראָצענט יידן 57 אָדער 51,8%. שטעט מיט מער פון 40 פּראָצענט יידן זענען געווען 81 אָדער 73,6%. שטעט מיט א הויכן פּראָצענט יידן זענען אין 20סטן יאָרהונדערט געוואָרן א סך ווייניקער, אָבער דאָך זענען נאָך אין 1921 אין קאָנגרעס־פּוילן געווען פון 196 שטעט 99 אָדער מער פון א העלפט מיט מער פון 40 פּראָצענט יידן *).

פון 125 שטאָטישע פּונקטן אין גאַליציע אין 1880 זענען געווען שטעט מיט מער פון 50 פּראָצענט יידן — 55 אָדער 44 פּראָצענט און מיט מער פון 40 פּראָצענט יידן — 82 אָדער 65,6%. און אין גאַליציע, וווּ אין די שטעט איז דאָך פאַראַן אויך אן אוקראַאינישע באַפעלקערונג, איז 40 פּראָצענט יידן געווען א נאַציאָנאַלע מערהייט. פון די זעלבע 125 שטאָטישע פּונקטן זענען געווען אין 1921 — שטעט מיט מער פון 40 פּראָצענט יידן 57 אָדער נאָר 45,6% **).

אין דעם ווייסרוסישן ראַיאָן איז דער פּראָצענט יידן געווען נאָך א סך העכער — לויט דער ציילונג פון 1897 אין רוסלאַנד האָט דער פּראָצענט יידן אין די שטעט פון גראָדנער גובערניע באַטראָפן — 57,7 און אין ווילנער גובערניע 43. אין מינסקער גובערניע, וואָס איז כמעט אינגאַנצן אריבער צו פּוילן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט דער פּראָצענט יידן אין די שטעט באַטראָפן 58,8% ***).

אינטערעסאַנט וועלן דערביי זיין די דאַטן פאַר איינצלנע שטעט פון דאָזיקן ראַיאָן. דער פּראָצענט יידן האָט באַטראָפן ****):

שטעט	אין 1897	אין 1921
1) בריסק	75,4	53,1
2) פּינסק	74,2	74,7
3) ביאַליסטאָק	63,5	51,6
4) גראָדנע	59,5	53,9
5) ווילנע	45,4	36,1

*) Bohdan Wasiutyński: Ludność żydowska w Polsce w wieku XIX i XX. Warszawa 1930.

**) ibidem.

***) יעקב לעשצינסקי, „דאָס יידישע פאָלק אין ציפערן", בערלין, 1922.

****) יעקב לעשצינסקי, „יידן אין דער שטאָטישער באַפעלקערונג פון אומאָפּהענגיקן פּוילן", ז. 12, 27 און 34.

חוץ ווילנע, איז אין די איבעריקע פיר גרעסטע שטעט פון דעם ווייסרוסישן ראיאָן דער יידישער אָנטייל סוף 19טן יאָרהונדערט געווען זייער הויך. אין צוויי שטעט האָט ער דערגרייכט אפילו ביז דריי פערטל. אין די קלענערע שטעט פון דאָזיקן ראיאָן איז דער פּראָצענט יידן געווען נאָך העכער, ווייל דאָרטן איז געווען ווייניק אינדוסטריע, וואָס ס'ציט געוויינלעך צו גרעסערע נישט־יידישע מאסן אין די גרויסע שטעט. מען דאַרף נאָך געדענקען, אז די איבעריקע באַפעלקערונג פון די דאָזיקע שטעט איז באשטאנען אומעטום פון דריי פעלקער און אין ווילנע אפילו פון פיר: פּאָליאקן, רוסן, ליטווינער און ווייסרוסן.

און אפילו אין 1931, נאָכדעם ווי די שטעט זענען אויף א נאַטיר־לעכן און אויף א קינסטלעכן אופן פארפּלייצט געוואָרן פון גרויסע מאסן נישט־יידן, זענען נאָך געווען גענוג שטאָטישע פונקטן, ווו יידן האָבן אויסגעמאכט אַן אבסאָלוטע אָדער רעלאַטיווע מערהייט. פון 192 פּאָוויאַטן (קרייזן) פון די 13 וואָיעוואָדשאַפטן, וועלכע האָבן געהאט א געדיכטע יידישע באַפעלקערונג (ווארשעווער, לאָדזשער, קעלצער, לובלינער, קראָ־קאָווער, ביאַליסטאָקער, ווילנער, נאָוואָגרודקער, פּאָליעסיער, לעמבערגער, סטאַניסלאַווער, טאַרנאָפּאָליער און וואָלינער) האָבן יידן געהאט אַן אַב־סאָלוטע מערהייט אין 28 און א רעלאַטיווע מערהייט אין 25, אלזאָ אין 53 פּאָוויאַטן אָדער אין 27,6% פון אַלע פּאָוויאַטן האָבן יידן געהאט א מערהייט אין דער שטאָטישער באַפעלקערונג. אין איינצלנע וואָיעוואָד־שאַפטן איז אפילו אין 1931 דער אָנטייל פון יידן געווען א גאָר הויכער. אין וואָלינער וואָיעוואָדשאַפט הא־ן יידן אויסגעמאכט אין 1931 — 55,6% פון דער גאַנצער שטאָטישער באַפעלקערונג. פון 11 פּאָוויאַטן פון דער דאָזיקער וואָיעוואָדשאַפט האָבן יידן אין 9 געהאט א מערהייט אין דער שטאָטישער באַפעלקערונג *).

די רוימלעכע אויסגעטיילטקייט פון דער ארומיקער פרעמדער סביבה איז דערגאַנצט, פארפולקאָמט און פאראייניהייטלעכט געוואָרן דורך דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער אָפּגעזונדערטקייט.

---

*) יעקב לעשצינסקי, יידן אין דער שטאָטישער באַפעלקערונג פון אומ־אָפּהענגיקן פּוילן, ז. 12, 27 און 34.

3) די סאָציאַל־עקאָנאָמישע איזאָלירטקייט

סאָציאַל־עקאָנאָמיש האָבן יידן אין פּוילן לאַנגע דורות געבילדעט א סביבה אויף אזוי פיל אַן אַנדערשדיקע פונעם גאַנצן ארום, אויף אזוי פיל אָן אָפּגעשיידטע און א באַזונדערע אייגענע איינהייט, אז זיי האָבן ביז דער צווייטער העלפט פונעם 19טן יאָרהונדערט, ביזן אויפקום פון א פּוילישן מיטל־קלאַס, ווי געבילדעט אַן אייגענעם סאָציאַל־עקאָנאָמישן אָרגאַניזם. גאָר לאַנגע תקופות, הונדערטער יאָרן, האָבן יידן אין פּוילן באַזעצט אזא גרויסן רוב פונעם האַנדל־קלאַס, אז מען האָט געקאָנט מיט פולן רעכט באַטראַכטן אַלע הענדלער פאַר יידן. אדאַנק דעם האָט מען שוין געמאַכט דעם טעות און מען האָט באַהויפּטעט, אז אַלע יידן זענען הענדלער. דאָס האָט קיינמאָל נישט געשטימט און ווייניקער פון אַלץ האָט דאָס געשטימט אין 19טן יאָרהונדערט. אָבער די דאָזיקע אַבעראַציע איז געווען נאַטירלעך, ווייל נאָך צוריק מיט אזעלכע 20 אָדער 30 יאָר האָבן יידן אין גרויסע ראַיאָנען פון פּוילן אויסגעמאַכט ניינציק און מער פּראָצענט פון אַלע הענדלער. און אפילו דאָרטן ווו דער נישט־יידישער האַנדל־קלאַס איז שוין אויפגעקומען, איז ער די ערשטע צענדליקע יאָרן באַשטאַנען כמעט אויסשליסלעך פון איין צווייג — פון שפּייז־קראָמען, איבערלאָזנדיק נאָך גאָר לאַנג, מאַקע ביז נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, די הויפּט־האַנדל־צווייגן, ווי טעקסטיל, גאַלאַנטעריי, לעדער און אייזן־פאַרקויף אין יידישע הענט. דער אויסן־האַנדל איז די גאַנצע צייט געלעגן כמעט אויסשליסלעך אין יידישע הענט; נאָר ערשט אין דער גאָר לעצטער צייט, ווען די פּוילישע רעגירונג האָט אָנגעהויבן רעגולירן און פּלאַנירן דאָס ווירטשאַפטלעכע לעבן בכלל און דעם עקספּאָרט־אימפּאָרט בפרט אָדער נאָך אין א גרעסערער מאָס ווי דעם אינערן האַנדל, איז אויפגעקומען א נישט־יידישער, דער עיקר א פּוילישער עקספּאָרטער און אימפּאָרטער.

לאָמיר אויך די דאָזיקע דערשיינונג אילוסטרירן מיט אייניקע מאַטעריאַלן, כאָטש אויספירלעך ווילן מיר דאָס נישט טוען, ווייל מיר ווילן נישט אָנפילן די דאָזיקע סאָציאָלאָגישע באַטראַכטונג מיט א סך ציפער. מיר וועלן נאָר ברענגען מוסטער־ביישפּילן.

דער באזוך פון סוחרים פון פוילן אויף דעם לייפציקער יאריד האט זיך אזוי צוזאמענגעשטעלט *):

יאָר	די גאנצע צאָל	פון דעם יידן אבס.	%
1775	481	413	86,0
1790	678	611	90,0
1796	851	791	93,1

אזוי ווי אויף די לייפציקער יארידים האט מען איינגעקויפט די הויפט־ארטיקלען פון טעקסטיל־גאלאנטעריי און מעטאל־סחורות, איז קלאָר, אז דער פראָצענט באזוכער אויף די דאָזיקע יארידים האט בלתי ספק אנטשפראָכן דעם פראָצענט הורט־סוחרים מיט די זעלבע ארטיקלען אין פוילן.

פון 1441 הורט־סוחרים אין גאליציע צווישן 1820 און 1827 זענען געווען יידן — 1.172 אָדער 81,3%. דאָס איז וועגן גאנץ גאליציע. נעמט מען מזרח־גאליציע אליין, האָבן יידן אויסגעמאכט 86,3% פון אלע הורט־סוחרים. קרעמער און שטעלעכלעך זענען געווען איינגאנצן אין גאליציע 2.015 און פון זיי יידן — 1.824 אָדער 90,5%. אָט זענען אייניקע דאטן וועגן בעלי מלאכות: פון 153 גלעזער אין גאליציע זענען געווען יידן — 151 אָדער 98,5%. פון 1.441 שניידער זענען געווען יידן — 1.358 אָדער 94,3%. פון 127 קופערשמידן זענען געווען יידן — 103 אָדער 81,1%. פון 57 פארבער זענען געווען 42 יידן אָדער 73,7%. פון 733 היטלמאכער זענען געווען יידן — 511 אָדער 70,0% **).

לאָמיר גלייך ברענגען אייניקע דאטן וועגן יידן אין גאליציע שפּעטער מיט בערך 100 יאָר. דער פראָצענט יידן פון אלע זעלבשטענדיקע הענדלער האט באטראָפן אין 1921: אין מזרח־גאליציע — 90,8 און אין

*) R. Markgraf, Zur Geschichte der Juden auf den Messen in Leipzig von 1664-1839, Bishofswerda, 1894, S. 21-34.

**) Michael Stoeger, Darstellung der gesetzlichen Verfassung der galizischen Judenschaft, Lwów 1833, p. 200-276.

מערב־גאַליציע — 76,5. אין קרעדיט און פאַרזיכערונג — אין מזרח־גאַליציע — 90,1 און אין מערב־גאַליציע — 78,8 *).

אין 1852 האָט דער פּראָצענט יידן פון די סוחרים באַטראָפן: אין גראָדנער גובערניע — 96,1 און אין מינסקער גובערניע — 88,2 **). אין 1921 איז דער פּראָצענט יידן פון אַלע זעלבשטענדיקע הענדלער אין די זעלבע ראַיאָנען געווען בערך דער זעלבער.

אפילו אין 1938, שוין נאָכדעם ווי אָרגאַניש איז אויסגעוואַקסן אַ האַנדל־קלאַס אין פּוילן און די רעגירונג האָט אין משך פון 10 יאָר קינסטלעך פאַרפלאַנצט פּוילישע הענדלער אין פילע ראַיאָנען, זענען נאָך אַלץ געווען גאַנצע האַנדל־צווייגן, וועלכע זענען געלעגן אין דער גרעסטער מאָס אין יידישע הענט. פון 6.900 תבואה־סוחרים זענען געווען 6.214 יידן אָדער 90 פּראָצענט. פון 75.551 הענדלער מיט קליידער זענען געווען יידן — 66.024 אָדער 87,4% ***). דאָס איז אָבער אַלץ בנוגע גאַנץ פּוילן. נעמט מען באַזונדערע ראַיאָנען, וועט זיך אַרויסשטעלן, אַז אין די מערב־וואָיעוואָדשאַפטן (פּויזן, פּאָמערן, שלעזיע) האָבן יידן אויסגעמאַכט אַ נישטיקן פּראָצענט, אָבער אין מזרח־גאַליציע און אין די ווייסרוסישע וואָיעוואָדשאַפטן האָבן די יידן אין פילע בראַנזשעס באַזעצט אַלע הונדערט פּראָצענט. אָבער אויך אין קאָנגרעס־פּוילן זענען נאָך ביז דער לעצטער צייט געווען צענדליקע, אויב נישט הונדערטער פּונקטן, וווּ די יידישע הענדלער האָבן אויסגעמאַכט מער פון 90 פּראָצענט פון אַלע הענדלער, באַזונדערס אין איינצלנע צווייגן, ווי דער פאַרקויף פון טעקסטיל־סחורות, גאַלאַנטעריי און אַנדערע אַרטיקלען.

די דאַטן פון די פאָלק־ציילונגען, באַזונדערס ווען מען נעמט זיי פאַרן גאַנצן לאַנד, פאַרווישן די אמתע קאָנקרעטע לאַגע. מען מוז נעמען איינצלנע וואָיעוואָדשאַפטן און איינצלנע סאָציאַלע גרופּעס. אַזוי האָבן לויט דער ציילונג פון 1921 יידן אויסגעמאַכט אין האַנדל פון גאַנץ פּוילן —

---

*) יעקב לעשצינסקי, „פּראָפעסיאָנעלער באַשטאַנד פון יידן אין אייראָפּע", אין „שריפטן פאַר עקאָנאָמיק און סטאַטיסטיק", בערלין, 1928; ז. 197.

**) Dr. Ignacy Szyper: Dzieje handlu żydowskiego na ziemiach polskich. Warszawa 1937, p. 414.

***) Wiadomości Statystyczne. 1939, 5/VI.

63,5%. אָבער אין ביאַליסטאָקער וואָיעוואָדשאַפט איז דער פּראָצענט געווען — 80 און אין פּאָמערן — 5. אין וואָלינער וואָיעוואָדשאַפט איז דער פּראָצענט יידן אין האנדל דעמאָלט געווען — 88,1% און אין פּויזנער וואָיעוואָדשאַפט נאָר 6 פּראָצענט. מען דאַרף אויך נעמען דעם אַנטייל אין באַזונדערע סאָציאַלע גרופּעס. אָט האָבן מיר נאָר וואָס דערמאָנט, אַז יידן האָבן אויסגעמאַכט אין גאַנץ פּוילן אין 1921 העכער 63 פּראָצענט פון אַלע באַשעפטיקטע אין האנדל, אָבער בנוגע די זעלבשטענדיקע אַליין האָבן זיי אויסגעמאַכט אפילו אין גאַנץ פּוילן גאַנצע 76,5 פּראָצענט. דער קריסטלעכער משרת, וואָס האָט געאַרבעט אין א יידישער קראָם, האָט געהאַט נאָר א קליינעם איינפלוס אויפן כאַראַקטער פון געשעפט, און אויב אין שטאָט זענען טאַקע געווען 90 און מער פּראָצענט יידן אין האנדל, האָבן זיי נאָר גרינג געקאָנט האַלטן שבת געשלאָסן די געשעפטן און נישט מורא האָבן פאַר קיין שום קאָנקורענץ.

בילדנדיק כמעט א גאַנצן קלאַס, דעם גאַנצן האנדל־קלאַס פון לאַנד, האָט דער ייד נאַטירלעך געמוזט האָבן ענגע פאַרבינדונגען מיט דער אַרומיקער באַפעלקערונג, אָבער די דאָזיקע פאַרבינדונגען האָבן געטראָגן א ריין־אויסערלעכן כאַראַקטער, א ריין־געשעפטלעכן כאַראַקטער; דאָס האָט נישט געפירט און נישט געצווונגען צו קיין אינטימערע באַציאונג צו דער אַרומיקער שפּראַך, וועלכע דער ייד האָט געמוזט קאָנען און האָט טאַקע געקאָנט. דער מקח און ממכר איז פאָרגעקומען צווישן צוויי גאָר באַזונדערע באַפעלקערונג־גרופּעס, וועלכע האָבן זיך אויסגעלעבט אין אַבסאָלוט באַזונדערע קולטורעלע ספערעס, נישט געקוקט דערויף, וואָס זיי האָבן געלעבט אַזוי נאָענט איינע נעבן דער אַנדערער; נישט געקוקט דערויף, וואָס זיי זענען געווען ביידע אָרגאַנישע טיילן פון איין עקאָנאָמישן אָרגאַניזם, פון איין שטאַטלעכער קערפּערשאַפט. דאָס דערקלערט זיך נישט נאָר מיט דער רעליגיעזער מחיצה, וועלכע איז געווען הונדערטער יאָרן אַזוי הויך און אַזוי פעסט, נאָר אויך מיט דעם, וואָס מקח וממכר האָט מען געהאַט כמעט אויסשליסלעך מיט א דאָרפיש־פּויערשער באַפעלקערונג, מיט א פּרימיטיוו־אָפּגעשטאַנענער מאַסע, צו וועלכער מען האָט זיך לחלוטין נישט באַדאַרפט צופּאַסן נישט נאָר קולטורעל, נאָר אפילו טעכניש־שפּראַכלעך. ס'האָט נישט אויסגעמאַכט ווי מען האָט גערעדט, פּויליש אָדער או־

קראַיניש אָדער ליטוויש — מען האָט זיך פאַרשטאַנען הן ביים קויפן און הן ביים פאַרקויפן. אמת, מען האָט אויך געהאַט געשעפטן און גרויסע געשעפטן מיטן רייכן פּריץ, אָבער דער דאָזיקער לאַנד־אַריסטאָקראַט האָט געקוקט פון אַזאַ הויך אויפן יידישן סוחר, אַז ס׳איז אים גאָר נישט איינגעפאַלן צו פאָדערן פון אים אַ בעסערן פּוילישן לשון אָדער גאָר אַ קולטורעלע קרובהשאַפט. דער ייד האָט זיך לכן צו די דאָזיקע צוויי קלאַסן, פּויערים און פּריצים, די הויפּט קונים־פאַרקויפער ביז כמעט סוף 19טן יאָרהונדערט, נישט באַדאַרפט לחלוטין זיך צופּאַסן נישט שפּראַכלעך און שוין אוודאי נישט קולטורעל.

אינעם האַנטווערק, אינעם צווייטן ווירטשאַפט־צווייג, וואָס האָט פאַרנומען אין יידישן לעבן אַ גרויס אָרט און האָט אין די לעצטע 50 יאָר געהאַלטן אין איין פאַרברייטערן זיין שטח, איז די יידישע קאָנצענטראַציע נישט געווען אַזאַ געדיכטע און אַזאַ איזאָלירטע. אָבער אין באַזונדערע צווייגן פונעם האַנטווערק, ווי אין שניידעריי, שוסטעריי, סטאָלעריי, קירזשנעריי האָבן יידן אין די שטאָטישע פּונקטן באַזעצט גאָר אַ גרויסע מערהייט. און די נאָר וואָס אויסגערעכנטע מלאכה־צווייגן האָבן אויסגעמאַכט פון 80 ביז 90 פּראָצענט פון אַלע יידישע בעלי־מלאכות. האָט זיך ווידער באַקומען אַן איזאָלירטע סאָציאַלע לאַגע, אַן אָפּגעטיילטע סאָציאַלע סביבה.

ערשט אין די לעצטע 50 יאָר און גאַנץ באַזונדערס אין די לעצטע 20 יאָר אין זעלבשטענדיקן פּוילן האָט דער וווּקס פון פּוילישע קרעמער און פּוילישע בעלי־מלאכות גענומען גאָר גיך שטייגן, באַזונדערס אין די גאָר גרויסע שטעט און אין די עטנאָגראַפיש־פּוילישע ראַיאָנען. די אויסשליסלעכקייט פון יידן אין גאַנצע צווייגן פון ווירטשאַפט־לעבן האָט גענומען פאַרשווינדן. נאָר וועגן דער דאָזיקער רעוואָלוציע אין יידישן לעבן — שפּעטער. מיר רעדן וועגן וווּקס פון קרעמער און בעלי־מלאכות ביי די פּאָליאַקן, ווייל ביי די אוקראַינער און גאַנץ באַזונדערס ביי די ווייסרוסן איז דער דאָזיקער פּראָצעס פון שאַפן אייגענע שטאָטישע מיטל־קלאַסן נאָך געווען גאָר אין די ווינקלעך. אין די אוקראַינישע און ווייסרוסישע ראַיאָנען פון דער פּוילישער מלוכה האָט דער ייד זיך געטראָפן אין די שטעט אין

א סך א גרעסערער מאָס מיטן פּאָליאַק ווי מיטן אוקראַינער אָדער מיטן ווייסרוס.

אין די מיטעלע און נאָך מער אין די גרויסע שטעט, ווו ס'איז אויפגעקומען א פּוילישע נאַציאָנאַל־שאָוויניסטישע אינטעליגענץ און א נאָך מער שאָוויניסטיש באַאַמטנטום, האָבן זיך די לעצטע יאָרן געעפנט זייער א סך פּוילישע קראָמען און ס'זענען אויסגעוואַקסן פּוילישע בעלי־מלאכות פון די זעלבע בראַנזשעס, ווי די יידישע. די פּוילישע אַרבעטער־קוואַרטאַלן פון די גרויסע שטעט זענען געוואָרן נעסטן, ווו ס'האָט געגומען וואַקסן א פּוילישער קרעמער און א פּוילישער בעל־מלאכה. מערסטנטייל האָבן זיך אָבער די דאָזיקע נייע עלעמענטן באַזעצט אין גאַנץ נייע אָדער יעדנפאַלס אין גאַנץ אַנדערע טיילן שטאָט פון די יידישע. ס'האָט גאָר זעלטן געטראָפן, אַז א קריסט זאָל עפענען א קראָם אין יידישן טייל שטאָט. ס'האָט אויך זעלטן געטראָפן, אַז א ייד זאָל עפענען א קראָם אין די ריין־פּוילישע געגנטן, אָבער שוין נישט מחמת דער ייד האָט נישט געקאָנט קאָנקורירן מיטן פּאָליאַק, נאָר ווייל מען האָט אים נישט צוגעלאָזט אהין — נישט יורידיש, נאָר פּשוט פ י ז י ש. באַיקאַט איז געווען דער שוואַכסטער קאַמף־מעטאָד. דער וויניקער געניטער און יינגערער פּוילישער קרעמער האָט זיך פּאַרטיידיקט קעגן יידן מיט פּיזישע מיטלען, אָבער נישט נאָר מיט די לעצטע — ער האָט אויך גענאָסן די שטיצע פון דער רעגירונג מיט קרעדיט און דערצו ביליקן קרעדיט, מיט פּאַרקלענערטע שטייערן און מיט פילע נאָך אַנדערע הנחות און פּריווילעגיעס.

אָבער אין געגעבענעם פאַל אינטערעסירט אונדז נישט דער קאַמף פון פּוילישן קרעמער קעגן זיין געניטערן און רירעוודיקערן יידישן קאָלעגע, נאָר דער פאַקט, אַז אין די גרויסע און אין רוב מיטעלע שטעט האָט זיך ווידער געשאַפן א יידישע געטאָ, א טייל שטאָט, ווו די יידישע געשעפטן זענען געווען איזאָלירט. אַזוי האָט אויסגעזען די געטאָ אין וואַרשעווער נאַלעווקעס ראַיאָן און אין ענלעכע ראַיאָנען אין לאָדזש, אין ביאַליסטאָק, אין ווילנע און אין פילע אַנדערע שטעט.

פּאַקטיש האָט זיך באַקומען, אַז אויך אין דער גרויסער שטאָט איז דער הויפּט־מאַסיוו פון דער יידישער באַפעלקערונג געבליבן איזאָלירט און אָפּגעטיילט פון דער נישט־יידישער סביבה. דער יידישער טייל פון

שטאָט האָט געלעבט דער עיקר נישט פון דער אָרטיקער שטאָטישער באַפעלקערונג, נאָר פונעם לאַנד, פון פּראָדוצירן און פאַרטיילן סחורות פאַרן גאַנצן לאַנד אָדער פון עקספּאָרטירן און אימפּאָרטירן סחורות נישט אין מאַסשטאַב פון די באַדערפענישן פון דער געגעבענער שטאָט, נאָר אין לאַנד־מאַסשטאַב. פאַרקערט, די ניי־אויסגעוואַקסענע פּוילישע שטאָטישע ראַיאָנען האָבן געלעבט כמעט אויסשליסלעך פונעם נאָענטן קונה.

ס'איז געווען אין רוב גרויסע שטעט אַ „בריק" צווישן די צוויי נאַציאָנאַלע „געטאָס". די „בריק" איז באַשטאַנען פון די צענטראַלע גאַסן, וועלכע זענען געלעגן צווישן די צוויי נאַציאָנאַלע ראַיאָנען. אויף אַ גאַנץ נאַטירלעכן אופן זענען יידן פון איין זייט און פּאָליאַקן פון דער צווייטער זייט אריינגעוואַקסן אין די צענטראַלע גאַסן, וועלכע זענען געלעגן צווישן די „געטאָס". אין די דאָזיקע „בריק"־גאַסן איז שוין געווען דער באַשטאַנד פון די קרעמער און פון די בעלי־מלאכות און אויך פון אַלע איבעריקע פּראָפעסיעס, ווי אַפּטייקן, רעסטאָראַנען וכדומה געמישטע. דאָ איז די קאָנקורענץ געווען אַן אָפענע און אַ מער אָדער ווייניקער גלייכע, אויב נישט רעכענען די פּריווילעגיעס פון דער רעגירונג דעם פּוילישן צד און די פּיקעטן ביי די יידישע קראָמען, וועלכע האָבן אָפן און לעגאַל גערופן צו באָיקאָטירן די יידישע געשעפטן. ס'איז אויך אַזאַ אופן באַשאַפן געוואָרן אין די לעצטע צענדליקער יאָרן אין די אויסגעוואַקסענע גרויסע שטעט אַ טייל שטאָט, ווו דער אַסימילירטער ייד האָט געפּרוווט פאַרמאַסקירן זיין געשעפט. אויב דער ייד שיידט זיך נישט אָפּ מיט זיינע קליידער און אויך נישט מיט זיין לשון און אויב ער באַמיט זיך נאָר צו האַלטן אין זיין געשעפט וואָס מער פּוילישע מענטשן, איז געווען אַן אילוזיע, אַז אַזאַ איינעם קאָן זיך איינגעבן אריינוואַקסן אין דער פּוילישער סביבה, אין דער סביבה, וועלכע האָט די מאַכט אין די הענט און וועלכע באַשטימט די צוקונפט פונעם גאַנצן לאַנד.

אין דער אינדוסטריע איז די לאַגע געווען אַביסל אַנדערש, אָבער אין תוך די זעלבע. אין דער אינדוסטריע האָבן יידן אויסגעמאַכט אַ קליינע מינדערהייט — מיר רעדן וועגן אַלע באַשעפטיקטע אין דער אינדוסטריע איינשליסנדיק אויך די אַרבעטער. צווישן די באַלעבאַטים אַליין האָבן יידן אויסגעמאַכט גאָר אַ גרויסן פּראָצענט און, למשל, אין דער ביאַליסטאָקער

טעקסטיל־אינדוסטרי האָבן יידן די לעצטע 20 יאָר אויסגעמאַכט אַלע הונדערט פּראָצענט פון די פאַבריקאַנטן. אונדז אינטערעסירט דאָך אָבער נישט די עקאָנאָמישע זייט, נאָר די געזעלשאַפטלעכע סביבה און אין דעם פּרט האָבן יידן אין דער אינדוסטרי אויסגעמאַכט גאָר אַ קליינעם פּראָצענט און האָבן געקאָנט בטל ווערן בששים. דאָס איז אָבער נאָר ביז מען גייט נישט צו קאָנקרעט צו דער לאַגע און מען באַקאָנט זיך נישט מיט דעם לעבן, ווי ס'האָט אויסגעזען אין דער ווירקלעכקייט. און דעמאָלט דערזעט מען, אַז אויך אין דאָזיקן ווירטשאַפט־צווייג זענען יידן נישט איינגעגלידערט געוואָרן אינעם גרויסן ים פון פּוילישן ארום, נאָר האָבן זיך געשאַפן, ריכטיקער, ס'האָט זיך געשאַפן אַן אינדוסטריעלער יידישער געטאָ.

די יידישע ארבעטער זענען געווען אַזוי פאַרטיילט לויט דער ציילונג פון 1931: 82 פּראָצענט פון אַלע יידישע ארבעטער זענען געווען באַשעפטיקט אין האַנטווערק און קליין־אינדוסטרי; מער פון 15 פּראָצענט יידישע ארבעטער זענען געווען פאַרנומען אין דער מיטעלער אינדוסטרי, און נאָר קרוב צו 3 פּראָצענט פון אַלע יידישע ארבעטער זענען געווען אין דער גרויס־אינדוסטרי. ביי נישט־יידן איז געווען אַ גאַנץ אַנדערע לאַגע — העכער 37 פּראָצענט פון אַלע פּוילישע ארבעטער זענען געווען באַשעפטיקט אין דער גרויס־אינדוסטרי; העכער 20 פּראָצענט אין דער מיטעלער אינדוסטרי און 42 פּראָצענט אין דער קליין־אינדוסטרי און אין האַנטווערק.

דער יידישער האַנטווערק און די יידישע קליין־אינדוסטרי, וועלכע האָבן באַשעפטיקט 82 פּראָצענט פון אַלע יידישע ארבעטער, ווייל ביי קריסטן־באַלעבאַטים זענען אין פּוילן נישט געווען לחלוטין קיין יידישע ארבעטער, זענען געווען אויב נישט אויף הונדערט פּראָצענט, איז אויף ניינציק פּראָצענט קאָנצענטרירט אין יידישן פּערטל שטאָט, אין יידישן געטאָ. אין וואַרשע, למשל, זענען געווען אַ סך יידישע און אַ סך נישט־יידישע שניידער, אַ סך יידישע און נישט־יידישע סטאָליאַרעס. אָבער די יידישע שניידער און סטאָליאַרעס זענען געווען קאָנצענטרירט אין יידישן טייל שטאָט און די פּוילישע אין פּוילישן טייל שטאָט. ס'זענען געווען קריסטלעכע ארבעטער ביי יידישע באַלעבאַטים אין יידישן געטאָ, אָבער

שעי׳־בער דער היטלמאכער פון קארמשעוו



ר׳ לייביש שידלא — דער צושניידער

(פאָטאָגראפירט דורך אלטער קאציזנע)



ס׳זענען נישט געווען קיין יידישע ארבעטער אין קריסטלעכן שטאָט־טייל.
האָט זיך ווידער באקומען אן איזאָלירטקייט. די קריסטלעכע ארבעטער
אין געטאָ זענען געווען אין גאָר א קליינער צאָל און האָבן זיך צוגעפּאסט
צום יידישן לעבן — זיי זענען געווען מיטגלידער פון די יידישע יוניאָנס
און האָבן גענומען אן אָנטייל אין יידישע יוניאָנס־פארזאמלונגען. דער
יידישער ארבעטער איז לכן אין זיין גרעסטער מערהייט געבליבן אין דער
איזאָלירטער יידישער סביבה. אין דער זעלבער ווארשע, וואָס האָט געהאט
א גרויסע מעטאל־אינדוסטרי, זענען געווען טויזנטער יידישע מעטאל־
ארבעטער, אָבער זייער מערהייט איז געווען פארנומען נישט אין די גרויסע
פאבריקן צוזאמען מיט קריסטלעכע ארבעטער, ווו זיי וואָלטן זיך נישט
אָנגעזען און וואָלטן געמוזט זיך שפּראכלעך און שטייגעריש צופּאסן צו
דער פּוילישער סביבה, נאָר זיי האָבן געארבעט אין די יידישע קליינע
ווארשטאטן, ווו זיי האָבן געבילדעט די גאָר גרויסע מערהייט און האָבן
נישט געהאט קיין שום נויטווענדיקייט זיך צוצופּאסן צו דער פרעמדער
סביבה. ס׳זענען געווען מיטעלע און גרויסע פאבריקן פון יידישע אונטער־
נעמער, אין וועלכע ס׳האָבן געארבעט צוזאמען יידישע און נישט־יידישע
ארבעטער און אין וועלכע די יידישע ארבעטער האָבן אויסגעמאכט א מינ־
דערהייט — אָט די דאָזיקע יידישע ארבעטער פלעגן טאקע נעמען אן
אָנטייל אין די פארזאמלונגען פון די פּוילישע ארבעטער און פלעגן אָפט
זיין מיטגלידער פון פּוילישע ארבעטער־יוניאָנס, אָבער לגבי דער גאנצער
יידישער ארבעטער־מאסע האָבן זיי אויסגעמאכט א גאָר קליינעם פּראָצענט
און זיי האָבן נישט געקאָנט פארווישן די נאציאָנאלע איזאָלירטקייט און
דעם אויסגעשפּראָכענעם נאציאָנאלן פּנים פונעם יידישן ארבעטער־קלאס
אלס גאנצן. די קאָלאָסאלע מערהייט פון די יידישע ארבעטער אין פּוילן
איז געווען פּראָפעסיאָנעל אָפּגעטיילט פון זייערע קלאסן־חברים און דער־
מיט דערקלערט זיך, וואָס דער יידישער ארבעטער־קלאס דאָרטן, פּאָליטיש
זייער ראדיקאל געשטימט, סאָציאליסטיש זייער אינטערנאציאָנאל באַ־
ווּסטזיניק, פּראָגראמאטיש ראדיקאל־קעמפעריש קעגן אלע יידישע טראַ־
דיציעס און נאציאָנאלע ירושות, איז פּאקטיש געווען זייער נאציאָנאל,
זייער צוגעבונדן אפילו נישט נאָר צו די יידישע נאציאָנאלע לעבנס־פאָר־
מען, נאָר אויך צו די רעליגיעזע יידישע טראדיציעס. אן אנקעטע צווישן

דער יידישער אַרבעטער־יוגנט פונעם „בונד", וועמענס פּראָגראַם איז אויסגעשפּראָכן אַנטי־רעליגיעז, האָט געוויזן, אַז העכער אַ העלפט פון דער דאָזיקער סאָציאַליסטיש אָרגאַניזירטער יוגנט דאַוונט יעדן טאָג. די עקשנותדיק־טראַדיציאָנעלע סביבה האָט זיך אַרויסגעוויזן שטאַרקער און ווירקנדיקער פון דעם פּאַרטיי־פּראָגראַם און פון דער פּאַרטיי־אַגיטאַציע. די נישט־אָרגאַניזירטע יידישע אַרבעטער־מאַסע איז נאָך געווען מער נאַציאָנאַל־טראַדיציאָנעל, נישט געקוקט אויף דעם ראַדיקאַליזם, וועלכער פלעגט קומען צום אויסדרוק ביי פּאָליטישע אָפּשטימונגען אָדער ביי סאָציאַלע פאָדערונגען און קאַמפן. לויט דעם פּראָגראַם איז דאָס געווען געוויס אַ גרויסע סתירה צו שטימען פאַר אַ לינקן סאָציאַליסט און פאַסטן יום כיפור און תשעה באב, אָבער אין לעבן פון יידישן אַרבעטער־קלאַס אין פּוילן איז דאָס געווען אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג.

נאָך מער איז געווען איזאָלירט פון דער אַרומיקער נישט־יידישער וועלט דאָס יידישע זעלבשטענדיקע האַנטווערקערטום — העכער 200 טויזנט אַרבעטנדיקע מענטשן, חוץ די אַרבעטער. די האַנטווערקער באַלעבאַטים זענען געווען אויף גאַנצע הונדערט פּראָצענט און אַבסאָלוט אין אַלע הינזיכטן, פּראָפעסיאָנעל, געזעלשאַפטלעך, פּאָליטיש, קולטורעל, שפּראַכלעך, ענדלעך רוימלעך, אַלזאָ פיזיש אָפּגעטיילט פון זייערע קריסטלעכע פּראָפעסיאָנעלע קאָלעגן. דער דאָזיקער קלאַס מענטשן איז געווען אין דער גרעסטער מאָס קאָנצענטרירט אין געטאָ און געהאַט צו טון כמעט אויסשליסלעך מיט יידן. אויפן באַשטעלער האָט מען נאָך געאַרבעט אין די קליינע שטעטלעך, אָבער אין די גרויסע שטעט האָט מען געאַרבעט דער עיקר פאַרן מאַגאַזין — אַלזאָ פאַרן יידן. מען האָט געקויפט רוי־שטאָף ביי אַ יידן; מען האָט געבאָרגט געלט אין אַ יידישער באַנק; מען האָט זיך געהיילט ביי אַ יידישן דאָקטאָר; מען האָט געלייענט אַ יידישע צייטונג און מען איז געגאַנגען אין אַ יידישן טעאַטער, שוין אָפּגערעדט וועגן רעליגיע, וועלכע איז נאָך אַלץ געווען די העכסטע מחיצה צווישן יידן און נישט־יידן, בפרט נאָך אין דער יידישער קליינבירגערלעכער מאַסע, ווי די האַנטווערקער און די קליינע קרעמער. אָט די דאָזיקע סביבה איז געווען די קאָנסערוואַטיווסטע נישט נאָר אין רעליגיע־ענינים, נאָר אויך אין שפּראַך און קולטור, ווייל זה בזה תלוי, וואָס רעליגיעזער, אַלץ נאַציאָנאַלער, אַלץ צור־

נעבונדענער נישט נאָר צו יידישע רעליגיעזע יום־טובים און מנהגים, נאָר אויך צו יידישע נאַציאָנאַלע לעבנספֿאָרמען און שטייגער.

דאָס נאָר וואָס געמאָלטע בילד פֿון יידישער סאָציאַל־עקאָנאָמישער איזאָלירטקייט האָט מען נאָך געקאָנט זען אין די שטעט פֿון פּוילן ממש סאַמע ערב דער איצטיקער מלחמה, ווייל דאָס אריינדרינגען פֿון יידישע ארבעטער אין דער גרויס־אינדוסטרי איז געגאַנגען שרעקלעך לאַנגזאַם און האָט גאָר ווייניק געענדערט די אַלגעמיינע פֿיזיאָנאָמיע פֿון דער ווירטשאַפֿטלעכער יידישער סביבה, וועלכע האָט זיך היסטאָריש אויסגעבילדעט און אויסגעפֿורעמט. די גרויסע קליינבירגערלעכע מאַסע פֿון קרעמער און האַנטווערקער מיט זייערע משרתים און געזעלן, וועלכע האָבן אויסגעמאַכט צוזאַמען נישט ווייניקער פֿון 80 פּראָצענט פֿונעם פּוילישן יידנטום, וועלכע האָבן געלעבט קאָמפּאַקט, געטאָ־אַרטיק, פֿיזיש־רוימלעך און סאָציאַל־עקאָנאָמיש איזאָלירט פֿון דער ארומיקער נישט־יידישער וועלט — אָט די דאָזיקע מאַסע האָט געשאַפֿן דעם נאַציאָנאַלן סטיל פֿונעם יידישן לעבן אין פּוילן.

ווי אינעם האַנדל, אַזוי אויך אין דעם האַנטווערק און גאַנץ באַזונדערס אין דער אינדוסטרי זענען אין די לעצטע צענדליקע יאָרן שוין געשאַפֿן געוואָרן רוימלעכע און סאָציאַלע סעקטאָרן, וווּ מען האָט זיך צוזאַמענגעטראָפֿן, וווּ מען איז שוין געקומען אין נאָענטער באַרירונג, באַזונדערס די יידישע ארבעטער פֿון דער מיטלער און גרויס־אינדוסטרי מיט די קריסטלעכע ארבעטער פֿון די זעלבע צווייגן, די יידישע פֿאַבריקאַנטן מיט זייערע קאָלעגן אין קאָנצערנען און טרעסטן, אין שותפֿותדיקע געשעפֿטן און אין די האַנדלס־ און אינדוסטרי־קאַמערן. צוליב דער דיסקרימינאַציע־פּאָליטיק פֿון דער רעגירונג האָט זיך געמערקט ביי דער יידישער גרויס־בורזשואַזיע אַ טענדענץ צוצוקלייבן פּוילישע שותפֿים, כדי צו ראַטעווען די אונטערנעמונג פֿון צו גרויסע שטייערן, אָדער כדי צו באַקומען די מעגלעכקייט באַקומען ליצענזעס אויף עקספּאָרט אָדער אימפּאָרט. אָבער נישט די דאָזיקע שמאָלע באַריר־ליניעס האָבן באַשטימט די פֿיזיאָנאָמיע פֿונעם יידישן רוב, פֿונעם ברייטן שליאַך פֿון יידישן לעבן. די איזאָלאַציע־מחיצות, וועלכע זענען געווען אַ רעזולטאַט פֿון אָרגאַני־

שער אנטוויקלונג פון יארהונדערטער — אט זיי האבן געפורעמט די פי־זיאנאמיע פונעם לעבן פונעם פוילישן יידנטום.

די סאציאל־עקאנאמישע איזאלאציע האט באריכערט און פארטיפט די רוימלעכע, די פיזישע קאנצענטראציע. די סאציאל־עקאנאמישע קאנ־צענטראציע און קאמפאקטקייט האבן געשאפן א באדן פאר אן אייגענער סאציאלער דיפערענציאציע, פאר אן אייגענער נאציאנאל געפארבטער ווירטשאפטלעכער סביבה, כמעט פאר אן אייגענער ווירטשאפטלעכער אייג־הייט. די דאזיקע יידישע סאציאל־עקאנאמישע סביבות אין די גרויסע שטעט האבן פארגעשטעלט מיט זיך כמעט זעלבשטענדיקע ארגאניזמען, ווו כמעט אלע פונקציעס, פון די סאמע העכסטע און איידלסטע ביז די סאמע שווערסטע און נידעריקסטע, זענען אויסגעשפילט געווארן פון יידן. אויב אין די יידישע געטאס זענען די נאכט־וועכטער געווען קריסטן, איז דאס געווען, נישט ווייל ס'זענען נישט געווען קיין יידישע קאנדידאטן פאר דער דאזיקער שווערסטער און אמערגסטן באצאלטער ארבעט, נאר ווייל די רעגירונג האט געוואלט האבן אירע מענטשן אין יעדן הויף, און יעדער הויז־וועכטער איז איינצייטיק אויך געווען א געהיימער פאליציי־אגענט. אין די יידישע געשעפטן זענען אויך די נאכט־וועכטער געווען זייער אפט יידן.

די 50 טויזנט יידישע ארבעטער פון האנטווערק און קליין־אינדוס־טרי אין ווארשע אדער די זעלבע 30 טויזנט ארבעטער אין לאדזש האבן געארבעט אויסשליסלעך ביי יידישע באלעבאטים, וועלכע האבן איינגע־קויפט זייערע רוי־שטאפן און צודאטן אויסשליסלעך ביי יידן; וועלכע האבן פארקויפט זייערע אויסגעארבעטע ארטיקלען ווידער כמעט אויס־שליסלעך יידישע קרעמער פון דער זעלבער שטאט אדער פון דער פרא־ווינץ; וועלכע האבן געליען געלט אויסשליסלעך ביי יידן אדער אין יידישע קאאפעראטיווע קאסעס. דער ארבעטער אלס קאנסומענט האט געהאט צו טון אויסשליסלעך מיט יידישע קרעמער אדער מיט יידישע בעלי־מלאכות. און דאס אלץ איז פארגעקומען אין איזאלירטן רוימלעך ראיאן מיט זיינע צייטונגען און טעאטערן, מיט זיינע בתי מדרשים און חסידישע שטיבלעך, מיט זיינע שולן און לערער, מיט זיינע ישיבות און חדרים, מיט צענדליקע יידישע עקאנאמישע, פאליטישע און קולטורעלע ארגאניזאציעס און פאר־

איינען — אט די דאזיקע אנגעלאדענע מיט רעליגיעזן און נאציאנאלן אינהאלט סביבה האט א סך מער און אינטענסיווער געווירקט אויף דער נשמה און מוח פונעם יידישן ארבעטער ווי די אינטערנאציאנאלע סאָציאליסטישע אגיטאציע פון דער בראשור. נאך מער האט די דאזיקע סביבה געווירקט קאנסערוואטיוו אויף דער גרויסער קליינבירגערלעכער מאסע, וועלכע קיינער האט גאר נישט געסטארעט זיך אידעאלאגיש אפרייסן פונעם געמא־וואָרצל. אויף וויפל דאס מאדערנע לעבן האט ארגאניש געפאדערט נייע לעבנס־פארמען, נייע אידעאלאגיעס, נייע אני מאמינס און נייע קולטור־טענדענצן זענען זיי אימאנענט ארויסגעוואקסן פון די אלטע לעבענס־פארמען און אלס נאטירלעכער המשך פון זיי. דעריבער איז דא נישט געווען קיין שפרונג פון געטא מיט אמאל אין א גאנץ פרעמדער וועלט און מען האט נישט ארויסגעווארפן מיט אמאל די גאנצע היסטארישע ירושה אויפן מיסט און מען האט זיך אין איין היסטארישן כהרף עין נישט איבערגעטון אויסערלעך און אינערלעך און זיך נישט ארויסגעריסן מיט אלע ווארצלען פונעם אייגענעם באדן, ווי דאס האט געטראפן אין אנדערע לענדער.

4) פאליטישע אפגעריסנקייט

צו דער פיזיש־רוימלעכער און סאציאל־עקאנאמישער אפגעזונדערטקייט דארף מען נאך צוגעבן די פאליטיש־געזעלשאפטלעכע איזאלירטקייט. שוין אפגערעדט דערפון, וואס יידן האבן כמעט נישט געהאט קיין מעגלעכקייט צו זיין אקטיוו אין די ארומיקע נישט־יידישע פאליטישע פארטייען, ווי דאס איז געווען מעגלעך אפילו אין צארישן רוסלאנד, איז מען אויך געווען צעטיילט אין עקאנאמישע ארגאניזאציעס.

דארטן, וווּ ס'לעבן גרויסע יידישע מאסן, איז נאטירלעך, אז ס'זאלן אויפקומען באזונדערע יידישע פאליטישע פארטייען און געזעלשאפטלעכע, ווי אויך עקאנאמישע ארגאניזאציעס. אזוי איז געווען די לאגע אין צארישן רוסלאנד און אזוי איז אויך געווען אין אמאליקן עסטרייך. אבער אין ביידע לענדער זענען געווען טיילן פון דער יידישער באפעלקערונג, באזונדערס פון דער אינטעליגענץ, וועלכע האבן זיך מער געפאסט און

זיך בעסער געפילט אין די פּאָליטישע פּאַרטייען פון דער מערהייט — דאָס זענען דאָס רוב געווען שטאַרק אַסימילירטע יידן אָדער אַזעלכע, פאַר וועלכע די שמאָלע יידישע גאַס איז פּשוט געווען צו קליין, צו ענג. אין דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וועלכע האָט געשפּילט די הויפּט־ראָלע אין דער באַפרייאונג פון פּוילן, זענען אַ סך יאָרן יידן געווען זייער אַקטיוו; אין עסטרייכישן פּאַרלאַמענט זענען דיאַמאַנט און ליבערמאַן געווען לאַנגע יאָרן די פאַרטרעטער פון דער פּוילישער אַרבעטערשאַפט. פעליקס פּערל איז געווען צענדליקער יאָרן דער רעדאַקטאָר פון אָפיציעלן אָרגאַן פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. ס'איז אָבער נישט געווען אין פּוילן קיין איין ליבעראַלע בירגערלעכע פּאַרטיי, ווי, למשל, די קאַדעטישע פּאַרטיי אין רוסלאַנד, אין וועלכער יידן וואָלטן געקאָנט זיין טעטיק. אפילו אין דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וועלכע האָט געמוזט זיך רעכענען מיט די שטימונגען אינעם אויפגעלעבטן פּוילן, האָט מען די לעצטע יאָרן זיך באַמיט אַלץ וויניקער אַרויסרוקן יידן אויף פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָסטנס. מען האָט אויך פּאַקטיש אויסגעמיטן, אַז יידן זאָלן אין גרויסע צאָלן ווערן מיטגלידער פון דער דאָזיקער פּאַרטיי. דאָס הייסט נישט, אַז די פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איז געווען אַנטיסעמיטיש — געווים נישט. פאַרקערט, זי האָט ענערגיש באַקעמפט דעם אַנטיסעמיטיזם. אָבער זיך רעכענענדיק מיט די שטימונגען פון די מאַסן, האָט זי געהאַלטן פאַר פּאָליטיש ראַטזאַמער, אַז יידן זאָלן גיין אין די יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און נישט אין קיין אַלגעמיינער, פּאַקטיש פּוילישער פּאַרטיי.

פון יידישן נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט איז געווים ווינטשנסווערט געווען, אַז יידן בכלל און אויך יידישע אַרבעטער זאָלן זיין קאָנצענטרירט אין די יידישע פּאָליטישע פּאַרטייען. פון פּ א ָ ל י ט י ש ן שטאַנדפּונקט אָבער איז פאַר יידן, ווי פאַר אַ מינדערהייט, געווען זייער וויכטיק צו האָבן פאַרטרעטער אין די אַלגעמיינע פּאָליטישע פּאַרטייען — די דאָזיקע זענען אומעטום געווען זייער נוצלעכע בינד־גלידער צווישן דער יידישער און נישט־יידישער באַפעלקערונג. זיי זענען געווען אָפט די בעסטע אויפקלערער און פאַרטיידיקער פון די יידישע אינטערעסן אין דער אַרומיקער פּאָליטישער סביבה. אַזאַ ראָלע האָבן אין רוסלאַנד געשפּילט ווינאַווער אין

דער קאדעטישער (דעמאָקראטישער) פארטיי און בראמסאָן אין דער פאָל־קיסטישער פארטיי. אין פוילן האָט דער דאָזיקער בינד־גליד אינגאנצן געפעלט.

נאָך וויכטיקער איז געווען די איזאָלירונג אין די עקאָנאָמישע אָר־גאניזאציעס: יידישע סוחרים זענען געווען אין א באזונדערן פון די פוי־לישע סוחרים פאראיין. די יידישע קליין־הענדלער ווידער באזונדער פון די פוילישע. דאָס זעלבע ביי די יידישע האנטווערקער און ביי די יידישע היים־ארבעטער. און אפילו די ארבעטער־יוניאָנס זענען געווען באזונדערע, כאָטש זיי זענען געווען סאָציאליסטישע, אי די יידישע, אי די פוילישע.

ביי די ליבעראלע פראָפעסיעס זענען א שטיק צייט געווען געמיינ־זאמע אָרגאניזאציעס, אָבער די נאציאָנאלע קאָנקורענץ האָט גאָר גיך גובר געווען די געמיינזאמקייט פון די פראָפעסיאָנעלע אינטערעסן, און יידישע דאָקטוירים, אינזשעניערן, טעכניקער, ציין־דאָקטוירים זענען געווען גע־צוווּנגען גרינדן פאר זיך באזונדערע ריין־יידישע פאראייניגן.

מען קאָן אויפשטעלן פאָלגנדיקע סקאלא פון דער ווירקונג־אינטענ־סיווקייט פון דער נאציאָנאלער קאָנקורענץ און פון די נאציאָנאלע אנטאַ־גאָניזמען ביי פארשידענע סאָציאלע גרופעס אין פוילן: די ווירקונג פון די נאציאָנאלע סתירות איז געווען אמשוואכסטן ביי די ארבעטער, און די געמיינזאמע קלאסן־אינטערעסן האָבן תמיד גובר געווען די נאציאָנאלע קעגנזאצן; שטארקער זענען שוין געווען די נאציאָנאלע קעגנזאצן ביי די האנטווערקער; נאָך שטארקער ביי די קליינע קרעמער און ביי די מארק־הענדלער, און אמשטארקסטן און שארפסטן ביי דער אינטעליגענץ. די לעצטע איז געווען אין פוילן און אפשר נישט נאָר אין פוילן דער אקטיוו־סטער טרעגער פונעם אנטיסעמיטיזם. די איינציקע בירגערלעכע גרופע, ביי וועלכער די געמיינזאמע קלאסן־אינטערעסן האָבן פרעוואלירט איבער די נאציאָנאלע אנטאגאָניזמען, איז אין פוילן געווען די שטאָטישע גרויס־בורזשואזיע — אין די דאָזיקע העכערע ווירטשאפטלעכע קרייזן האָט מען זיך גערעכנט מיט די עקאָנאָמישע פעאיקייטן פונעם מענטשן און מיט די אויסזיכטן פונעם געשעפט, וואָס מען האָט געשלאָסן. די דאָזיקע גרופע איז אָבער געווען צו קליין, כדי צו האָבן א השפעה אויף דער לאגע פון יידן אין לאנד.

די נאַציאָנאַלע אַנטוויקלונג פונעם פּוילישן יידנטום איז לכן געווען א רעזולטאַט פון א גאַנצן קאָמפּלעקס סיבות און פאַקטאָרן פון פּאָזיטיוון, אָבער אויך פון נעגאַטיוון כאַראַקטער — די רוימלעכע געדיכטקייט און די סאָציאַלע קאָנצענטראַציע האָבן געשאַפן א געזונטן באָדן פאַר אייגענע לעבנס־פאָרמען און פאַר אייגנאַרטיקע קולטור־שאַפונגען; די אָפּשטויס־כוחות פון דער אַרומיקער פּוילישער וועלט האָבן נישט דערלאָזט די אַסי־מילאַציע־פּראָצעסן זיך אַנטוויקלען און צעלייגן די יידישע גמטאָ און צו צערייסן די יידישע קרעפטן.

פונדעסטוועגן האָבן אויך אין פּוילן געווירקט און גאַנץ שטאַרק געווירקט די אַסימילאַציע־כוחות, וועלכע האָבן זיך דורכגעריסן דורך די אַלע מחיצות און זענען אַריבערגעשפּרונגען אַלע צוימען. נאָר איידער מיר גייען איבער צו דער דאָזיקער דינאַמישער זייט פונעם יידישן לעבן אין פּוילן, מוזן מיר נאָך זיך אָפּשטעלן אויף אייניקע היסטאָרישע פאַקטאָרן, וועלכע האָבן דעם פּויליש־יידישן ציבור געמאַכט אימונער קעגן דער אַסימילאַציע, ווידערשטאַנד־פעאיקער און שטאַנדהאַפטיקער.

5) די השפּעה פון דער ירושה

די נאַציאָנאַל־רעליגיעזע ירושה פונעם פּוילישן יידנטום האָט נישט ווייניק מיטגעהאָלפן, אז דער דאָזיקער יידישער קיבוץ זאָל שוואַכער צע־שפּאָלטן ווערן פון די אַסימיליר־טענדענצן פונעם 19טן יאָרהונדערט; אז דער דאָזיקער קיבוץ זאָל לענגער און טיפער איינהאַלטן זיין געשלאָסענעם אָרגאַניזירטן נאַציאָנאַלן כאַראַקטער.

הונדערטער יאָרן האָט דאָס פּוילישע יידנטום געלעבט א נאַציאָנאַל־אָרגאַניזירט אויטאָנאָם לעבן. יידן האָבן אין א סך לענדער געהאַט אויטאָנאָמע רעליגיעזע קהילות, אָבער אין ערגעץ זענען זיי נישט געווען אַזוי ברייט אָרגאַניזירט און אַזוי צענטראַליזירט אין ראַיאָנען און אַל־מלוכהשע פאַרבאַנדן און אין ערגעץ זענען זיי נישט געווען באַלאָדן מיט אַזעלכע ברייטע סאָציאַל־פינאַנציעלע און קולטור־רעליגיעזע פונקציעס, ווי אין פּוילן. שוין דאָס אַליין, וואָס די אויטאָנאָמיע אין פּוילן האָט אַרומגענומען די יידן פון גאַנצן לאַנד, האָט געהאַט א קאָלאָסאַלע ווירקונג אין זין פון

נאציאנאלער קאנסאלידאציע און נאציאנאלער אחדות־דיסציפלין. די אויטאנאמיע — דער דאזיקער היסטארישער סוראגאט פון א יידישן ארגאניזירטן מלוכהשן לעבן —, האט דא, אין פוילן, דערגרייכט די העכסטע שטופן פון אנטוויקלונג.

יידן אין גלות פילן זיך מער ווי צעשאטענע יחידים, איידער אלס א נאציע. העכסטנס פילט מען זיך ווי א גליד פון דער לאקאלער קהילה. מיר רעדן דא נישט וועגן פארשטעקטע רעשטלעך פון ציבורדיקע רעליגיעזע אדער נאציאנאלע ירושה־געפילן. מיר רעדן דא אויך נישט וועגן קאטאסטראפעס, וועלכע מאכן יעדן יידן פלוצים דערפילן זיין גרופע־צוגעהעריקייט. וויכטיק איז די קאנקרעטע טאג־טעגלעכע אפהענגיקייט פונעם נאציאנאלן כלל, דאס נארמאלע געזונטע צוזאמענהאנג־געפיל, וואס איז א רעזולטאט פון טאג־טעגלעכע געמיינזאמע אינטערעסן, געמיינזאמע איבערלעבונגען, שותפותדיקע ערדישע צילן און שטרעבונגען. די דאזיקע אלע קאנקרעטע טאג־טעגלעכע צוזאמענהאנגען נעמט צו ביים יידן געווענלעך דער פרעמדער שטאט, די פרעמדע שטאט. דער נאציאנאל יידישער צוזאמענהאנג צווישן די גלידער פון דער יידישער באפעלקערונג איז אין נארמאלע צייטן און ביי נארמאלע באדינגונגען נישט מער ווי א צורטשעפעניש, אן אפענדיקס, וואס נאר פאגראמען און שחיטות, רדיפות און נגישות שפייזן אים און מאכן אים וואקסן. צום „גליק" חזרן זיך איבער די דאזיקע פאגראמען און שחיטות, רדיפות און נגישות מיט א היסטארישער געזעצמעסיקייט, ווי זעלטן וועלכע ס'ניט איז דערשיינונג אין דער געשיכטע פון א וועלכן ס'ניט איז פאלק.

אויך די יידישע אויטאנאמיע אין פוילן האט נישט געקאנט פארבייטן דעם יידן די טעריטאריע אדער מלוכה, וועלכע שאפן יענע נארמאלע און געזונטע צוזאמענהאנג־געפילן און קיבוץ־עמאציעס, וועגן וועלכע מיר האבן נאר וואס גערעדט. זי איז אבער געווען פון אזא ברייטן פארנעם און פון אזא לאנגער עקזיסטענץ, פון אזא קאנקרעטן און פארשידנארטיקן לעבעדיקן טאג־טעגלעכן אינהאלט און דעריבער פון אזא קאנקרעטער אינטענסיווער השפעה, אז זי האט געלאזט א סך טיפערע שפורן אין דער נשמה פונעם פוילישן יידנטום, ווי אין וועלכן ס'נישט איז אנדערן לאנד.

פארמאגנדיק ברייטע אדמיניסטראטיוו־גערילכטלעכע, סאציאל־עקא־

נאָמישע, פינאַנציעל־פיסקאַלע און רעליגיעז־קולטורעלע דערציערישע פונקציעס, האָבן די אויטאָנאָמע אָרגאַנען דערצויגן אינעם פוילישן יידנטום א טיפערן באַוווּסטזיין פון צוגעבונדנקייט צום כלל, ווי ביי יידן פון אַנדערע לענדער; א טיפערן געפיל פון התחיבותן צום כלל, פון חוב צו זאָרגן פאַרן כלל און צו טראָגן דעם עול פון כלל־קיום; הכלל טיפערע און געזונטערע נאַציאָנאַלע צוזאַמענהאַנגס־געפילן, ווי נאָר אינערציע־ירושה אָדער קאַטאַסטראָפע־אויפטרייסלונגען.

געגוג צו דערמאָנען נאָר די נעץ פון בילדונגס־אינסטיטוציעס, פון עלעמענטאַרע תלמוד־תורות ביז די העכסטע ישיבות, וועלכע זענען געווען א חיוב און זענען אויסגעהאַלטן געוואָרן פון לאָקאַלע אָדער צענטראַלע אָרגאַנען פון דער אויטאָנאָמיע, כדי צו באַקומען א פאָרשטעלונג וועגן דעם גרויסן איינפלוס, וואָס די דאָזיקע אָרגאַנען האָבן געמוזט האָבן אויף דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג. די צענטראַלע אָרגאַנען פון דער אויטאָנאָמיע האָבן געשטיצט די גרינדונג פון דרוקערייען אין קראָקע און לובלין, ווייל אַלס פריוואַטע אונטערנעמונגען האָבן זיי זיך נישט געלוינט; די זעלבע אויטאָנאָמע אָרגאַנען האָבן אויסגעהאַלטן א גאַנצן שטאַב פאָלקס־מגידים און פאָלקס־דרשנים, וועלכע פלעגן אַרומפאָרן און פאַרשפרייטן תורה און יידיש וויסן אין דער מאַסע און אויך געלערנט זי מדות טובות. נישט נאָר האָבן די דאָזיקע אויטאָנאָמע אָרגאַנען געשטיצט איינצלנע מחברים, זיי זאָלן קאָנען אַרויסגעבן זייערע ספרים, נאָר מען האָט אַרויפגעלייגט א חוב אויף יעדער קהילה צו קויפן א געוויסע צאָל גמרות, אָפּהענגיק פון דער צאָל משפחות אין דער קהילה. די בתי מדרשים זענען געווען מחויב צו האָבן א געוויסע צאָל ספרים, וועלכע זאָלן זיין צוגענגלעך פאַר יעדן, וואָס קומט נאָר אַריין אין בית המדרש. א קהילה פון 50 באַלעבאַטים איז געווען מחויב אויסצוהאַלטן 30 בחורים. די ישיבות זענען אויסגעהאַלטן געוואָרן פון קהל, דערביי איז געווען א געזעץ, אַז מען דאַרף אויסהאַלטן דעם ראש הישיבה אַזוי, אַז ער זאָל נישט האָבן קיינע מאַטעריעלע זאָרגן און זאָל קאָנען מיט א רואיקן קאָפּ אָנפירן מיט דער ישיבה און לערנען תורה „טאָג און נאַכט” (יומם ולילה).

די דאָזיקע ברייט־פאַרצווייגטע דערציאונגס־סיסטעם נישט נאָר פאַר קינדער, נאָר אויך פאַר דערוואַקסענע, פון וועלכער רעשטלעך זענען נאָך

געווען קאנטיק אין פוילישן יידנטום אפילו אין די גאר לעצטע יארן, אנ־געפירט פון עפנטלעך־אנערקענטע ארגאנען, האט פונקציאנירט הונדערטער יארן און האט געלאזט טיפע שפורן אין דער נשמה פונעם פוילישן יידנ־טום; שפורן פון נאציאנאלער ארגאניזירטקייט און פאראנטווארטלעכקייט, פון נאציאנאלער טריישאפט און באוווסטזיין, פון נאציאנאלער איבערגע־בנקייט און מסירת נפש. נאציאנאלע דערציאונג איז בכלל און ביי א לאנד־לאז און שטאטלאז פאלק גאנץ באזונדערס דער וויכטיקסטער און וויר־קנדיקסטער פאקטאר פון נאציאנאלן באוווסטזיין. ביז וואנען ביי יידן האט געהערשט די אלטע אייגענע און טיף־נאציאנאלע דערציאונגס־סיסטעם, איז נישט געווען קיין סימן פון אסימילאציע. די איזאלירטע אייגענע ביל־דונגס־סיסטעם האט געשאפן יענע הויכע נאציאנאלע קולטור־מחיצה צווישן ייד און נישט־ייד, וועלכע איז א „קאנדיציא סינע קווא נאן" פאר אן אייגענער נאציאנאלער קולטור. פאלט די דאזיקע קולטור־מחיצה, מעגן אפילו אלע איבעריקע פאקטארן, וועלכע האלטן די יידישע באפעלקערונג אפגעזונדערט פון דער ארומיקער נישט־יידישער וועלט, בלייבן און ווירקן, זייער איינפלוס פארלירט די נאציאנאלע שעפערישקייט און פרוכפערקייט.

6) דער קריזיס

צוויי הויפט־פאקטארן, באדינגטע איינער פונעם אנדערן און דער־גאנצטע איינער דורך דעם אנדערן, האבן אין די לעצטע עטלעכע צענדליק יארן געמאכט טיפע שפאלטן און גאנצע לעכער אין דער רוימלעך־עקאנא־מישער גאנצקייט ווי אויך אין דער נאציאנאל־קולטורעלער שעפערישקייט פונעם פוילישן יידנטום — די קאפיטאליסטישע דיפערענציאציע פון איין זייט און דער צעפאל פון דער אייגענער יידישער געירשנטער בילדונגס־סיסטעם פון דער צווייטער זייט.

די קאפיטאליסטישע אנטוויקלונג פון די לעצטע 70—80 יאר האט צעשפאלטן דאס פוילישע יידנטום און ארויסגעריסן טיילן פון דעם פריער געשלאסענעם קיבוץ. ס'איז אויפגעקומען א יידישע גרויס־בורזשואזיע, וועלכע האט געשאפן די ערשטע בענק אין פוילן, וועלכע האט געבויט די ערשטע באנען אין פוילן, וועלכע האט די ערשטע פארבונדן דעם פוי־

לישן מארק נישט נאָר מיטן רוסישן, נאָר אויך מיטן אינטערנאַציאָנאַלן — אָט די דאָזיקע בורזשואַזיע איז די ערשטע צייט אויפֿגענומען געוואָרן מיט פֿרייד און נחת. זי איז שוין אינעם ערשטן דור אָפּגעריסן געוואָרן פֿונעם יידישן עקאָנאָמישן אָרגאַניזם און איז גאָר גיך סאָציאַל און קולטורעל אַריינגעוואַקסן געוואָרן אין דער אַרומיקער פּוילישער סביבה. ס'איז געלעגן אין דער נאַטור פֿון דער זאַך. צו פֿאַראַנטוואָרטלעך, צו פּראָנטאַל, צו הויך איז געווען די עקאָנאָמישע ראָלע פֿונעם דאָזיקן יידישן שיכט — באַנקוועזן, אייזנבאַן־בוי, צוקער־ און טאַבאַק־פֿאַבריקאַציע וכדומה — אַז זיי זאָלן געווען נישט שטרעבן צו טראָגן די פֿיזיאָנאָמיע פֿון דער מערהייט פֿון דער באַפֿעלקערונג. בפֿרט נאָך, אַז דעמאָלט האָט נאָך געהערשט דער ליבעראַליזם און עמאַנסיפּאַציע האָט מען געהאָפֿט צו פֿאַרדינען דורך אַסימילאַציע.

פּאַראַלעל און טיילווייז אַלס רעזולטאַט פֿון דער ערשטער דערשיינונג האָט אָנגעהויבן אויפֿקומען אַ יידישע פּראָפֿעסיאָנעלע אינטעליגענץ, וועלכע האָט פֿון לכתחילה אָן געבויט אירע פּערספּעקטיוון און אירע אַמביציעס נישט אויף דער איינזייטיקער און שמאָלער עקאָנאָמיק פֿונעם יידישן געטאָ, נאָר אויף די וואַקסנדיקע און שטייגנדיקע נויטן און באַדערפֿענישן פֿונעם גאַנצן לאַנד, אַלזאָ אין דער ערשטער ריי פֿון דער פּוילישער מערהייט. אויך די דאָזיקע גרופּע איז צום אָנהייב באַגעגנט געוואָרן פֿון דער יונגער פּוילישער געזעלשאַפֿט מיט סימפּאַטיע און פֿריינטשאַפֿט. די דאָזיקע בײדע נייע גרופּעס, די רייכסטע, די שטאַרקסטע, האָבן די ערשטע גענומען פּרעדיקן מאָדערנע וועלטלעכע בילדונג — דאָס האָט דעמאָלט געהייסן אַ ריס מיט דער יידישער בילדונג, וועלכע איז געווען שטרענג־רעליגיעז און דורך און דורך קאָנסערוואַטיוו. דאָס האָט אויך געהייסן אַ ריס מיט דער גאַנצער יידישער וועלט, ווייל וועלטלעכע בילדונג האָט דעמאָלט געהייסן לאַנד־שפּראַך, לאַנד־קולטור, לאַנד־נוסח.

דער אויפֿקום פֿון די נאָר וואָס כאַראַקטעריזירטע צוויי גרופּעס קאָן גערעכנט ווערן נאָך פֿון ערשטן פֿערטל פֿון פֿאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, אָבער אַ מער אָדער ווייניקער מאַסן־כאַראַקטער, אַ גראַד פֿון אַ דערשיינונג, וואָס איז געווען ביכולת צו צעטרייסלען און אַ ריר טון דאָס פֿאַרגליווערטע יידישע לעבן פֿונעם טויטן פּונקט, האָט זי דערגרייכט ערשט

נאָך די 60־יאָרן פונעם 19טן יאָרהונדערט, ווען די קאַפּיטאַליסטישע אַנט־וויקלונג האָט גענומען שלאָגן ברייטע וואָרצלען אין פּוילן.

די גרעסטע מערהייט פונעם פּוילישן יידנטום איז טאַקע ווייטער געבליבן רוימלעך און עקאָנאָמיש איזאָלירט און האָט דורכגעמאַכט די קאַפּיטאַליסטישע דיפערענציאַציע אין די אייגענע געטאָ־ראַמען, אין די גרענעצן פון דער היסטאָריש־אויסקריסטאַליזירטער אייגענער עקאָנאָמישער סביבה. די איינזייטיקע איינפאַרביקע יידישע האַנדל־ און שענק־סביבה פון 18טן יאָרהונדערט איז דיפערענצירט און צעגלידערט געוואָרן און ס׳זענען אויפגעקומען נייע סאָציאַלע שיכטן און קלאַסן: ס׳איז אויפגע־קומען א יידישע מיטל־בורזשואַזיע, ס׳איז אויפגעקומען א פּראָלעטאַריאַט, וואָס האָט שוין געהאַט א סך ווייניקער מעגלעכקייטן אריבערצושפּרינגען אין שיכט פון באַלעבאַטים. די אַלטע קלאַסן האָבן באַקומען א מאָדער־נעם פּנים און האָבן זיך צוגעפּאַסט צו די פאָדערונגען פון דער נייער צייט. דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען אין דער גרעסטער מאָס אין די ראַמען פון דער אייגענער יידישער סביבה, אָבער די העכער דערמאָנטע אויבערשטע שיכטן, קליין אין צאָל, זענען אָבער געווען שטאַרק אין ווירקונג, אין צו־ציען צו זיך די סימפּאַטיעס און שטרעבונגען פון א סך ברייטערע קרייזן. זיי האָבן רעוואָלוציאָניזירט דאָס יידישע לעבן, געריסן פון דעם שטיקער, געטריבן עס פונעם אייגענעם צום פרעמדן, פונעם געטאָ צו דער ארומי־קער וועלט.

די גראַוויטירונג צו די העכערע צוויי קלאַסן האָט פאַרכאַפּט נישט נאָר די יידישע מיטל־בורזשואַזיע, וועלכע האָט געקאָנט טרוימען וועגן דערהויבן ווערן צו דער העכערער מדרגה, נאָר א סך ברייטערע שיכטן. דערשפּרינגען צו דער גרויס־בורזשואַזיע איז אָפט געווען אוממעגלעך, אָבער ס׳איז געווען א סך גרינגער דערלויפן ביז ווערן א דאָקטאָר אָדער אַן אַדוואָקאַט. און דאָס האָט דאָך געהייסן לערנען און ווייקן אין דער פרעמדער שפּראַך און אין דער פרעמדער קולטור.

חוץ די אַלע אויסגערעכנטע מאָמענטן האָט שטאַרק געווירקט דאָס אויפקומען פון דער גרויסער שטאָט; מיט איר צוזאַמען איז אויפגעקומען א נייער טיפּ קונה. מיט דער גרויס־שטאָט קומט אויף דער נ א צ י אָ נ א ־ל ע ר קונה — דער אינטעליגענט, דער באַאַמטער, אפילו דער דורכשניט־

לעבער מענטש פון דער גרויס־שטאָט איז פיל נאַציאָנאַלער פונעם דאָרף־מענטש. די שול, די צייטונג, דער טעאַטער, די לעצטע יאָרן אויך דער קינאָ און דער ראַדיאָ — דאָס זענען אַלץ שטאַרק נאַציאָנאַליזירנדיקע פאַקטאָרן, ווען זיי שטעלן זיך אפילו נישט אזעלכע צילן. נאַציאָנאַליזירנדיקע פאַר דער מערהייט הייסט דענאַציאָנאַליזירנדיקע פאַר דער מינדערהייט. ווער ס'וויל האָבן דעם דאָזיקן נייעם טיפּ קונה, מוז מער אָדער ווייניקער זיין ענלעך צו אים — מיט דער שפּראַך, מיט די מאַנירן, מיט דעם גאַנצן אויסזען, שוין אָפּגערעדט פון דעם, וואָס ער מוז זיך צופּאַסן צו זיי מיט די רו־טעג און זיך אָפּזאָגן פון שבת און יום טוב. דער יידישער קרעמער פון א צענטראַלער גאַס אין א גרויסער שטאָט האָט געמוזט גאָר אנדערש אויסזען ווי דער קרעמער אין שטעטל אָדער אין דאָרף, ווּ מען האָט געהאַט צו טון מיטן דאָרפישן קונה. זייענדיק נאָך אין געטאָ, האָט דער יידישער קרעמער אָדער דער בעסערער בעל־מלאכה געטרוימט וועגן ארויסכאַפּן זיך פון די יידישע שמאָלע געסלעך און עפענען א געשעפט אָדער א ווארשטאט אין צענטראַלן טייל שטאָט, ווּ די פּערספּעקטיוון זענען פיל גרעסער. און מען האָט נאָך זיצנדיק אין געטאָ זיך גענומען גרייטן מיטן לשון און מיטן אויסזען צו א פּלאַץ אויפן נייעם מאַרק, וואָס האָט געהאַלטן אין וואַקסן — אויפן מאַרק פון דעם שטאָט־צענטער. און האָט מען נישט געהאַט קיין האָפענונג אליין צו עפענען א קראָם אויף א צענטראַלער גאַס פון שטאָט, האָט מען כאָטש גענומען גרייטן די קינדער צו א לעבן נישט אין געטאָ, נאָר אין די צענטראַלע גאַסן. און דאָס האָט געמיינט רעדן מיטן קינד פּויליש. מען האָט אָנגעהויבן מאַכן א קנייטש אינעם שבת און יום־טוב. ווער מיט א גרינג האַרץ און ווער מיט א ווייטיק אין האַרצן, אָבער אפילו אויף נאַלעווקעס אין ווארשע האָט מען שוין די לעצטע צייט געזען שבת אָפענע יידישע קראָמען.

איינצייטיק האָט גענומען וואַקסן דער פּוילישער קאָנקורענט מיט אינטענסיווערע טעמפּן — פון די קליינע פּוילישע שפּייז־קרעמלעך זענען אויסגעוואַקסן גרויסע קאָלאָניאַל־געשעפטן און די קינדער פון די רייכע פּוילישע קאָלאָניאַל־קרעמער האָבן שוין גענומען גרינדן גאַלאַנטעריי און טעקסטיל־קראָמען. קינדער פון פּוילישע פּויערים, פון מער פאַרמעגלעכע, און אויך קינדער פון קוואַליפיצירטע פּוילישע ארבעטער זענען שוין נישט

געגאנגען אלע אין די פאבריקן — מען האט שוין געהאט שטאטישע ביל־דונג און מען האט באקומען העכערע אפעטיטן, העכערע השגות. א טייל איז געגאנגען אויף באאמטן־שטעלעס און א גרויסער טייל האט געצויגן צו מלאכה און האנדל. פוילישע עלעמענטן האבן זיך ארייַנגעריסן אבסא־לוט אין אלע צווייגן פון האנדל און האנטווערק — אין די צוויי צווייגן, פון וועלכע דער ערשטער איז פון יידן באשאפן און אנטוויקלט געווארן. און כאטש דער פוילישער עלעמענט איז נאך צענדליקער יארן געבליבן אין דער מינדערהייט אין די דאזיקע ביידע ווירטשאפט־צווייגן, האט ער זיך אבער פון סאמע אנהייב געפילט ווי דער באלעבאס, ווי דער בר־מיצרא־דיקער, דער בילעכערער. פון סאמע אנהייב האט ער דערקלערט א קאמף דעם ייד, וועלכער האט „פארכאפט" דעם האנדל און אויך די מלאכה. דער גאנצער יידישער כמעט זעלבשטענדיקער עקאנאמישער בנין האט גע־נומען זיך שאקלען און טרייסלען.

דער רוב יידן זענען טאקע געבליבן ווייטער אין געטא און האבן געגומען שאפן פארטיידיקונגס־פאזיציעס, ווי אייגענע קרעדיט־קאסעס, ביליקע קרעדיטן פאר נויטבאדערפטיקע, אבער די סיטואציע האט זיך אלץ מער און מער געענדערט. די יידישע וואג אין די שטעט האט גענומען פאלן — דער צושטראם פון נישט־יידישע עלעמענטן האט גענומען איבער־יאגן דעם צושטראם פון יידן פון די קליינע שטעטלעך. אין די לעצטע צוואנ־ציק יאר, ווען די פאליאקן האבן באקומען די פאליטישע מאכט אין די הענט, האבן זיי זי גאר ברייט אויסגענוצט פארן עקאנאמישן קאמף. מען האט מיט אלע כשרע און טריפה מיטלען געצויגן און געשלעפט פאליאקן אין די שטעט אריין, כדי אפצוווישן דעם יידישן כאראקטער פון די דאזיקע ערטער און זיי צוגעבן א פוילישן פנים. מען האט געשטרעבט צו פאלא־ניזירן נישט נאר די שטעט פונעם פוילישן ראיאן, נאר אויך פון אוקראַי־נישן און ווייסרוסישן. געארבעט האט אין דער ריכטונג נישט נאר די רעגירונג, נאר אויך די פוילישע געזעלשאפט — אין פויזן איז געגרינדעט געווארן א געזעלשאפט, וועלכע האט געגעבן ביליקע קרעדיטן און אויך סובסידיעס פאליאקן, וועלכע האבן אויסגעוואנדערט אין די אוקראינישע און ווייסרוסישע דיסטריקטן.

כאָטש יידן זענען נאָך אַלץ געבליבן אַ מערהייט אין אַ סך בראַנ־זשעס פון האנדל און אין אַ סך צווייגן פון האַנטווערק, האָבן זיי פונ־דעסטוועגן געמוזט זיך מער צופּאַסן צו דער באַפעלקערונג־מערהייט, פון וועלכער ס׳זענען אַרויסגעקומען די שטאַרקערע קאָנקורענטן. מעג אויף דריי יידישע קראָמען שטיין נאָר איין פּוילישע קראָם — די לעצטע איז די שטאַרקערע און זי דיקטירט איר נאַציאָנאַלן רצון. בפרט נאָך אַז די דאָזיקע איינע פּוילישע קראָם שטייט נישט רואיק און וואַרט נישט אויפן קונה און גרייט זיך נישט קאָנקורירן מיט קוואַליטעט פון סחורות אָדער מיט ביליקע פּרייזן — ניין, די פּוילישע קראָם שרייט אויף אַלע קולות, אַז זי איז די באַזע פון דער פּוילישער מלוכה, אַז זי איז די רעטערין פון דער פּוילישקייט פונעם לאַנד און זי אַפּעלירט צו אַלע אמתע פּאַטריאָטן, זיי זאָלן נישט פאַרשוועכן זייער געוויסן מיט קויפן ביי אַ ייד. ביי אַזאַ לאַגע איז נאַטירלעך, אַז ביים יידישן מיטל־קלאַס, וואָס איז אפילו אין זיין מערהייט נאָך געזעסן אין געטאָ, האָט זיך געמוזט באַוויזן אַ טענ־דענץ זיך צופּאַסן מיט דער שפּראַך און מיטן אויסזען צו דער מערהייט, האָפנדיק, אַז אויף אַזאַ אופן וועט זיך אפשר איינגעבן זיך אויסבאַהאַלטן און זיך ראַטעווען פון די פּאַטריאָטישע קלעפּ, וועלכע האָבן זיך גענומען שיטן אויף זיין קאָפּ.

די אַלע נאָר וואָס אָנגעמערקטע פּראָצעסן, וועלכע האָבן אין לעצטן פערטל פון 19טן יאָרהונדערט שוין אָנגענומען גאַנץ קלאָרע קאָנטורן און האָבן אָנגעזאָגט אַ נייע עפּאָכע אינעם לעבן און שיקזאַל פון פּוילישן יידנ־טום, האָבן אינעם אויפגעלעבטן פּוילן אָנגענומען די געפערלעכסטע פאָר־מען. ס׳וואָלט געווען צום לאַכן, ווען מען וואָלט נישט באַדאַרפט אמת וויינען — וואָס מער די אָפּענסיווע פון די אויפגעקומענע פּוילישע האַנדל־עלעמענטן האָט אָנגענומען שאַרפערע פאָרמען און דער אַרויסשטויס־פּראָצעס מיט אַלע מיטלען, פון רעגירונג־קרעדיטן פּוילישע קרעמער ביז פּיקעטן און שלעגערייען ביי יידישע קראָמען, איז געוואָרן דראָענדיקער און דראָענדיקער, אַלץ מער האָט די יידישע געטאָ פאַרלאָרן איר נאַציאָ־נאַלן פּנים, אַלץ מער האָט מען גענומען זיך צופּאַסן צו דער אַרומיקער פּוי־לישער וועלט. יעדער יחיד האָט אַלץ נאָך געהאָפט, אַז אים וועט זיך איינ־געבן אויף אַזאַ אופן צו ראַטעווען זיינע פּאָזיציעס. די אַסימילאַציע האָט

דאָ אָנגענומען די טראַגישסטע פאָרמען — זי האָט נישט געהאַט קיינע אילוזיעס פון ווירקלעכע עמאַנסיפּאַציע, פון איינגעגלידערט ווערן אין דער אַרומיקער פּוילישער געזעלשאַפט, פון בילדונג און הומאַניטעט, ווי דאָס איז געווען אין מערב־אייראָפּע. דאָס איז געווען אַן אַסימילאַציע נישט אויפן רוף פון דער אַרומיקער נישט־יידישער וועלט, וועלכע זאָגט צו פריי־הייט און גלייכהייט פאַר דעם אַסימילאַציע־קרבן — דאָס איז געווען אַן אַסימילאַציע פון פּחד, פון שרעק, אונטערגעטריבן מיט דער בייטש פון די אַרומיקע נישט־יידישע קאָנקורענטן, וועלכע האָבן געשריען גוואַלד, אַז דער אַסימילירטער ייד איז זיי נאָך ווייניקער סימפּאַטיש ווי דער באָרד־און פּאות־ייד.

האָט זיך אין אויפגעלעבטן פּוילן געשאַפן זייער אַ פּריקרע און נאָך מער טרויעריקע לאַגע — ס'זענען געבליבן די רוימלעכע און סאָציאַל־עקאָנאָמישע און געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע מחיצות צווישן יידן און נישט־יידן. די מחיצות זענען נאָך געשטיגן, ווייל די אַטמאָספער אויסער די ווענט פון געטאָ איז געוואָרן אָנגעלאָדן מיט אַזאַ פאַרביטערטער שנאה, אַז אַ סך פון די עלעמענטן, וועלכע האָבן פריער זיך אַריינגעריסן אין די נישט־יידישע קוואַרטאַלן, האָבן געמוזט זיך אומקערן אין געטאָ. אָבער די קולטור־מחיצות האָבן גענומען צו ביסלעך אומפאַלן. די געטאָ האָט פאַרלוירן איר אַמאָליקע גאַנצקייט און פעסטקייט און דערמיט האָט זי אָנגעהויבן פאַרלירן אויך איר שעפערישקייט און איר אייגנאַרטיקן זאַפט. די געטאָ איז נישט בטל געוואָרן ווי אין מערב־אייראָפּע נאָך דער עמאַנ־סיפּאַציע, נאָר זי איז אויפגעריסן געוואָרן פון אינעווייניק. מען האָט דאָ נישט פאַרביטן די גאַנצע יידישע קולטור אויף אַ גאַנצע פרעמדע קולטור, נאָר ס'האָט זיך אָנגעהויבן שאַפן אַ מין סינטעז צווישן אייגענער און פרעמדער קולטור.

ביזן אָנהייב פון 19טן יאָרהונדערט האָבן מסתמא 99 פּראָצענט פון אַלע יידישע קינדער אין דער גאָרער וועלט באַקומען אַ רעליגיעז־נאַ־ציאָנאַלע דערציאונג. די רעליגיעזע מחיצה־וואַנט צווישן ייד און נישט־ייד איז געווען אַזוי הויך און דיק, אַז ווען יידן האָבן איבערגענומען אַ שפּראַך ביי דער אַרומיקער באַפעלקערונג אין פּראָצעס פון אויסערלעכער צופּאַסונג צו דער פרעמדער סביבה, פלעגן זיי די איבערגענומענע פרעמדע

שפּראַך אין דער היים אָנפּילן מיט אַזוי פיל רעליגיעז־נאַציאָנאַלן אינהאַלט, אַז זי פּלעג פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ יידישן דיאַלעקט. דאָס איבערנעמען די פּרעמדע אַרומיקע שפּראַך האָט קיינמאָל נישט באַטייט קיין איבערנע־מען די אַרומיקע פּרעמדע קולטור, ווייל דאָס איז מעגלעך געווען נאָר ביי שמד, ביי פאַרלאָזן אינגאַנצן דאָס אייגענע פאָלק. די גייסטיקע שפּיצן פונעם יידנטום זענען תמיד געווען אין קאָנטאַקט מיט די גייסטיקע שטרע־מונגען אין דער אַרומיקער וועלט, אָבער זיי זענען געבליבן תמיד מיט זייערע וואָרצלען אינעם יידנטום און גאָר זעלטן אַריבערגעשפּרייזט די דערלויבטע פונעם רעליגיעזן יידנטום גרענעצן. דער טיפּ ייד, וואָס איז בלב ונפש אַריינגעוואַקסן אין דער אַרומיקער פּרעמדער שפּראַך און קולטור, וואָס באַהערשט אויסשליסלעך די פּרעמדע שפּראַך און טרוימט און חלומט אויסשליסלעך די טרוימען און חלומות פונעם פּרעמדן פאָלק, און בלייבט דאָך פאָרמעל אַ ייד — אָט דער דאָזיקער נישט־נאָרמאַלער טיפּ ייד איז אַ קינד פון דער וועלטלעכער עפּאָכע פון 19טן יאָרהונדערט.

דאָס פּוילישע יידנטום, נישט געקוקט אויף זיין לאַנגן אויפהאַלט אין דאָזיקן לאַנד, נישט געקוקט דערויף, וואָס ס'איז זייער אינטים צו־נויפגעוואַקסן געוואָרן מיט דער פּוילישער לאַנדשאַפט; נישט געקוקט דע־רויף, וואָס ס'איז תמיד געווען באַשעפטיקט מיט פּרנסות, וועלכע האָבן עס געבראַכט אין טאָג־טעגלעכן קאָנטאַקט מיט דער אַרומיקער באַפעל־קערונג; נישט געאַכט דערויף, וואָס אַ גאַנץ דריטל האָט הונדערטער יאָרן געלעבט אין דאָרף צו צוויי און דריי פאַמיליעס אין אַ ים פון פּוילישער אָדער אוקראַינישער באַפעלקערונג — נישט געקוקט אויף דעם אַלעם, האָט עס געבאָוועט און אַנטוויקלט דעם מיטגעבראַכטן פון דייטשלאַנד דיאַלעקט און אים פאַרוואַנדלט אין אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך. ערשט אויפן באָדן פון היסטאָרישן פּוילן איז דער דאָזיקער דיאַלעקט אויסגעוואַקסן אין יענעם נאַציאָנאַלן אינסטרומענט, וואָס האָט אין דער לעצטער עפּאָכע געשפּילט אַזאַ קאָלאָסאַלע ראָלע אין דער יידישער קולטור־אַנטוויקלונג.

מיטן אַריינטרעטן פון ערשטן יידישן קינד אין אַ פּרעמדע שול הייבט זיך אייגנטלעך אָן אין יעדן לאַנד די אמתע אַסימילאַציע. דורך דער שול ווערט דאָס יידישע קינד באַהעפט צו דער פּרעמדער שפּראַך שוין נישט נאָר אויסערלעך, געשעפטלעך, נאָר אינטים און גייסטיק. אין די סאַמע

יונגע אויפנעמערישע יאָרן ווערט דאָס יידישע קינד אריינגעצויגן אין דער ספערע פון דער פרעמדער קולטור, וועלכע באַצויבערט און פאַרכשופט גראַדע די פעאיקערע, די באַרופענערע, די פון גאָט געבענטשטע מיט אַן איידעלער נשמה און מיט אַ רייכער פאַנטאַזיע.

אין פוילן האָט זיך דער דאָזיקער אסימילאַציע־פּראָצעס אָנגעהויבן נאָך אָנהייב 19טן יאָרהונדערט. אדאַנק דעם, וואָס פוילן איז געווען צע־ריסן צווישן דריי מלוכות (דייטשלאַנד, עסטרייך און רוסלאַנד) און אונ־טערגעוואָרפן צוויי פרעמדע שפּראַכן און קולטורן (דייטש און רוסיש) האָט די אסימילאַציע נישט געקאָנט אַזוי גיך באַקומען אַ גרויסן איינפלוס איבער דער יידישער באַפעלקערונג. אין פּויזן האָט די דייטשע שפּראַך, די העכערע און הערשנדיקע, באַקומען די מאַכט איבער דער יידישער באַ־פעלקערונג, וועלכע האָט אויך אין איר גרויסער מערהייט איבערגעוואַנ־דערט קיין דייטשלאַנד. אין עסטרייך ווידער האָט די דייטשע שפּראַך קאָנ־קורירט מיט דער פּוילישער, אָבער די לעצטע האָט גובר געווען. אין רו־סיש־פּוילן איז נישט געווען קיין פאָלק־שול, נישט קיין פּוילישע און נישט קיין רוסישע, און צוליב דעם איז די ווירקונג פון דער אסימילאַציע בכלל דאָרטן געווען שוואַך.

נאָר אפילו ביי די דאָזיקע שווערע און שטערנדיקע באַדינגונגען האָט זיך דער אסימילאַציע איינגעגעבן אָפּרייסן אַ גאָר גרויסן טייל פון דער יידישער אינטעליגענץ, וועלכע האָט זיך אינגאַנצן אריינגעגאָסן אין דער פּוילישער קולטור און איז געוואָרן אָרגאַניש פאַרוואַקסן מיט איר. אויפן דאָזיקן באָדן זענען אויסגעוואַקסן גאָר באַדייטנדיקע פּוילישע פּאָעטן און בעלעטריסטן, שוין אָפּגערעדט פון וויסנשאַפטלער אויף אַלע געביטן, וועל־כע האָבן פאַרנומען די ערשטע רייען אין דער פּוילישער ליטעראַטור. גענוג אָנצורופן דעם יידישן דיכטער טובים, וועלכער ווערט גערעכנט פאַרן גרעסטן פּוילישן דיכטער, און דעם בעלעטריסט וויטלין, וועמענס ווערק ווערן אַרויסגעגעבן אין אַמעריקע. קלענערע יידישע דיכטער און נאָווע־ליסטן זענען געווען אַ סך אין דער פּוילישער ליטעראַטור.

פּאַראַלעל אָבער מיט דער דאָזיקער אסימילירטער אינטעליגענץ האָט די יידישע געטאָ געגעבן אַ פּרץ, אַן אַש, אַ נאָמבערג, אַן אַפּאַטאָשו, אַ זינגער, אַ סעגאַלאָוויטש און צענדליקע אַנדערע שריפטשטעלער פון גאַנץ

גרויסער וואָג. ס'איז אויך געשאפן געוואָרן א נעץ פון נאציאָנאלע קולטור אינסטיטוציעס, וועלכע וואָלטן געווען א שטאָלץ ביי יעדן פאָלק אין זיין אייגענעם לאנד.

טראגיש ביז גאָר איז געוואָרן די לאגע דווקא אינעם זעלבשטענדיקן אויפגעלעבטן פוילן.

אדאנק דעם וווּקס פון די פוילישע מיטעלע קלאסן און פונעם שארפ־סטן אנטיסעמיטיזם האָט די געטאָ גענומען נאָך מער וואקסן. די איזאָ־לירטקייט אליין איז געוואקסן. נישט געקוקט דערויף איז געגאנגען די שפראך־ און קולטור־אסימילאציע מיט א שנעלערן טעמפּ. די דאָזיקע אסימילאציע האָט נישט געהאט גאָר נישט געמיינזאמעס מיט דער מערב־אייראָפּעאישער פון 19טן יאָרהונדערט, ווייל וועגן ארייננוואקסן אין דער פוילישער קולטור האָט שוין מער קיין רייד נישט געקאָנט זיין. צו שטארק איז געוואָרן דער צוריקשטויס פון דער פוילישער געזעלשאפט. די אט־מאָספער ארום איז געוואָרן אזא פארסמטע, אז דאָס געניאלסטע יידישע קינד, מעג עס ווי קאָנען די פוילישע שפראך, וואָלט נישט געקאָנט אויס־וואקסן אלס א פוילישער דיכטער, ווי טובים צוריק מיט 30 אָדער 40 יאָר. די דאָזיקע אויבערפלעכלעכע אסימילאציע איז אָבער געווען גאנץ גענוג אויף אָנהייבן צו צעשטערן די גאנצקייט פונעם יידישן קולטור־בנין, אויף אָפּצושוואכן דעם שאפונגס־שווּנג פונעם ריין־יידישן פליגל, וואָס האָט געהאלטן ערשט אין צעוויקלען זיינע שאפונגס־כוחות.

ווי האָט דאָס געקאָנט טרעפן ביי פארשטארקטער רוימלעכער און סאָציאל־געזעלשאפטלעכער איזאָלאציע?

ראשית, ווייל די מאָדערנע פארמען פון קולטור שפרינגען אריבער די העכסטע מחיצות און רייסן זיך אריין אין די ארומגעצוימטסטע און אָפּגעזונדערטסטע יידישע הייזער. דער ראדיאָ, דער גראַמאָפאָן, דאָס קינאָ — דאָס אַלץ אסימילירט. אָבער א פיל גרעסערע ראָלע האָט געשפּילט די אייגנארטיקע יעזואיטישע שול־פּאָליטיק פון דער פוילישער רעגירונג. פון איין זייט האָבן די יידישע קינדער געמוזט באזוכן אן עלעמענטארע שול און דאָס איז געווען גאָר אָפט די פוילישע פאָלק־שול. אמת, דאָס פוילישע יידנטום האָט געשאפן א גרויסע נעץ נאציאָנאלע שולן מיט יידיש און העברעאיש אלס לימוד־שפראך. קרוב צו 200 טויזנט יידישע קינדער,

ארום 40 פּראָצענט פון אַלע קינדער אין שול־עלטער, האָבן באזוכט די דאָזיקע שולן און זענען געבליבן אויף אזא אופן איזאָלירט פון דער פרעמ־דער קינדער־סביבה און פון איר אסימיליר־השפּעה. געווים האָט מען אין די דאָזיקע יידישע שולן געמוזט לערנען אַלע פּוילישע לימודים און אויך די אַלגעמיינע קעגנשטאנדן. די פּוילישע רעגירונג האָט אַלץ מער געצוווּנגען צו פאַרגרעסערן די ווירקונג פון דער פּוילישער שפּראַך אין די דאָזיקע יידישע שולן, דאָך האָט אין פּוילן באקומען א יידישע דער־ציאונג אזא הויכער פּראָצענט יידישע קינדער, ווי אין קיין שום לאַנד אין דער וועלט. דאָס פּוילישע אָרימע יידנטום האָט אויסגעגעבן יאָרלעך ארום 20 מיליאָן זלאָטעס אויף יידישע דערציאונג, כמעט אזוי פיל ווי דאָס רייכע אמעריקאנער יידנטום, כאָטש דאָס לעצטע איז אנדערהאלבן מאָל גרעסער אין צאָל.

אַלע הבטחות פון דער פּוילישער רעגירונג און אַלע התחיבותן צו געבן די מינדערהייטן און אין דעם כּלל אויך יידן א נאציאָנאַלע שול אין דער מוטער־שפּראַך זענען פּאַקטיש אויסגעלאַכט געוואָרן פון אַלע פּוי־לישע רעגירונגען, וועלכע האָבן גערודפט די שולן פון די מיעוטים און גאנץ באזונדערס די יידישע שולן. די עלעמענטאַרע בילדונג פון א גרויסן פּראָצענט יידישע קינדער אין דער פּוילישער שפּראַך איז שוין געווען גע־נוג אויף אונטערצוגראָבן די יסודות פון דער אַליינהערשאַפט פון דער יידישער שפּראַך, ווי דאָס איז געווען צוריק ערשט מיט א פּאָר צענדליק יאָר. די טראַגעדיע איז נאָך באַשטאַנען אין דעם, וואָס די זעלבע פּוילישע מאכט, וועלכע האָט געשלעפּט יידישע קינדער אין די עלעמענטאַרע שולן, האָט פאַרשפּאַרט פאַר זיי די טירן פון די מיטל־שולן און פון די אוניווער־סיטעטן. די אסימילירטע יידישע יוגנט איז דעריבער געבליבן שטעקן קרח מכאן ומכאן.

דאָך מוז מען פעסטשטעלן, אז דאָס פּוילישע יידנטום איז געווען די שטאַרקסטע פעסטונג פון אַלע אונדזערע נאַציאָנאַלע ווערטן — ארום 58 פּראָצענט פּוילישע יידן האָבן נאָך געלעבט אין דער פּראָווינץ, וווּ דער יידישער לעבנס־שטייגער, ווי שבת און יום טוב, האָט נאָך געהערשט אויף גאנצע הונדערט פּראָצענט; וווּ די לעבעדיקע יידישע שפּראַך און די מאָדערנע העברעאישע שפּראַך האָבן באגייסטערט די גאנצע יידישע

יוגנט; ווו די נאציאָנאַלע באַוועגונג אין אַלע אירע געשטאַלטן האָט באַ־הערשט די מוחות פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג. און אפילו אין די גרעסערע שטעט איז נאָך אויך די טראַדיציע הן בנוגע שבת און יום טוב און הן בנוגע יידיש געוועזן געוועזן שטאַרק. דער פּוילישער ייד האָט זיך נישט אַזוי גיך אונטערגעגעבן — ער האָט אַרויסגעוויזן אַ ווונ־דערבאַרע עקשנות אפילו אין די קליידער. זיין שטאַרקער רצון צו זיין אַנדערש, נישט בטל ווערן אין דער אַרומיקער באַפעלקערונג אפילו אויי־סערלעך, מאַניפעסטירן אויף שריט און טריט זיין צוגעהעריקייט צו אַ באַזונדערן פאָלק — אָט די דאָזיקע ירושה־שטריכן זענען נאָך געווען גאַנץ שטאַרק אפילו ביים גרויס־שטאָטישן פּוילישן יידנטום. גרויסע טיילן פון אַזעלכע שטעט ווי וואַרשע און לאָדזש האָבן אויסגעזען אַזוי יידיש, ווי קיין שום קוואַרטאַל אין וועלכער ס׳נישט איז אַנדערער שטאָט אין דער וועלט מיט אַ גרויסער מאַסע יידן. די לאַנגע שוואַרצע קאַפּאָטע, וואָס האָט אַזוי שרייענדיק אויסגעטיילט די יידישע באַפעלקערונג און ווי מיט אַ כיוון דעמאָנסטרירט די גרייטקייט צו ליידן פאַר זיין אַ ייד — דער דאָזיקער טראַדיציאָנעלער בגד איז געווען טייער נישט נאָר דעם אַלטן דור, נאָר אויך אַ גרויסן טייל פון דער יוגנט, וואָס האָט בשום אופן נישט געקאָנט פאַרשעמט ווערן אין פאַרגלייך מיט דער מאָדערן געקליידעטער יידישער יוגנט אפילו אין פרט פון אַלגעמיינער בילדונג, שוין אָפּגערעדט פון יידישע קענ־טעניש. דאָס פּוילישע יידנטום האָט ערשט געהאַלטן אין סאַמע אָנהייב פון קאַמף פאַר אייגענע לעבענס־פאָרמען אין אַ סביבה, וואָס וויל דענאַ־ציאָנאַליזירן, נאָר נישט אַסימילירן. און דאָס פּוילישע יידנטום איז לויט זיינע טראַדיציעס און לויט זיין נאַציאָנאַלער עקשנות און טריישאַפט גע־ווען דאָס באַרופנסטע אויף אויסצואַרבעטן אַזעלכע מעטאָדן פון נאַציאָ־נאַלן לעבן אין גלות און דינען אַלס ביישפּיל פאַר אַלע איבעריקע פילע יידישע קיבוצים.

מיר שרייבן אַלץ אין לשון עבר — וועט דאָס פּוילישע יידנטום טאַקע שוין בלייבן נאָר אַן עבר אין דער יידישער געשיכטע? דאָ שטעלן מיר אַ פּונקט. זאָל די געשיכטע, די דאָזיקע קאַפּריזנע גורל־שפּילערין, געבן אַ תשובה...

II

די זעלבסטמאָרד־מגפה ביי די פּוילישע יידן

א טיפע פאַרצווייפלונג האָט ארומגעכאַפּט די פּוילישע יידן פון אַלע קלאַסן אָן אויסנאַם, כאָטש אין זייער א פאַרשידענער מאָס. אַלע יידן אין פּוילן זענען אריינגעפאַלן אין א שוואַרצער מרה שחורה. אָט די דאָזיקע פאַרצווייפלונג מאַכט אָן א חורבן, וואָס איז אפשר שרעקלעכער פון א פּאָגראָם אָדער פון אַן אַנדער איינמאָליקן גרויסן אומגליק.

שוין צוריק מיט א פּאָר יאָר האָב איך באַשריבן די דאָזיקע פאַר־צווייפלונג און האָב געמיינט, אַז וויטער קאָן עס אַזוי נישט גיין און ס'מוז קומען אָן איבערברוך. אָבער מיינע לעצטע באַזוכן אין פּוילן האָבן מיר געוויזן, אַז די פאַרצווייפלונג פאַרכאַפּט נאָך ברייטער און טיפער, פאַר־סמט אַלץ מער און מער נשמות, וויקלט איין אין טרויער און מרה שחורה אַלץ ברייטערע מאַסן, רייסט אויס און וואַרצלט אויס דעם גלויבן אין א בעסערע צוקונפט ביי אַלץ ברייטערע קרייזן. ממש א שוידער כאַפּט אָן ביים צוקוקן דעם דאָזיקן האָפענונגסלאָזן צושטאַנד, ביים זען, ווי מיליאָ־נען מענטשן לעבן אָן האָפענונגען, אָן גלויבן אין בעסערע טעג, אָן קאַמף כמעט פאַר א בעסערער צוקונפט.

דאָס כאַראַקטעריסטישע פון דער דאָזיקער פאַרצווייפלונג איז, ערשטנס, וואָס זי איז א יאוש פון א גאַנצן פאָלק, צווייטנס, וואָס זי שטייגט א סך אריבער דעם פאַקטישן עקאָנאָמישן חורבן, וואָס רופט זי ארויס. ס'איז נישטאָ אַזא מאָס, מיט וועלכער מען קאָן מעסטן די פאַר־העלטעניש צווישן עקאָנאָמישן חורבן און דער פאַרצווייפלונג, וואָס ער האָט ארויסגערופן. אָבער אין מיינע פילע שמועסן מיט פּוילישע יידן האָבן זיי מיר מודה געווען, אַז די פאַרצווייפלונג איז אין א גרויסער מאָס א רעזולטאַט פון דער שרעק פאַרן מאָרגנדיקן טאָג, פון פילן, אַז דער באָדן גליטשט זיך ארויס פון אונטער די פיס, פון א מורא פאַר ערגערע טעג,

וועלכע מוזן אומבאדינגט קומען, פון פארלירן דעם גלויבן, אז עס קאָן אמאָל ווערן בעסער.

דער דאָזיקער קראנקער נשמה־צושטאנד איז געווים א רעזולטאט פון א שווערן קריזיס, וועלכן אלע אייראָפּעאישע יידן לעבן איבער, אין א באזונדערס שארפער פאָרם די פּוילישע יידן. אָט דער נשמה־צושטאנד נעמט אוועק דעם מוט און שוואכט אָפּ דעם עקאָנאָמישן קאמף פון די יידן.

דער קלאָרסטער אויסערלעכער סימן פון דער דאָזיקער קרענק איז געווים די זעלבסטמאָרד־מגפה, וועלכע איז א סך טראגישער און שרעקלע־כער לויט אירע פאָרמען און לויט דעם, וואָסערע קרייזן זי פארכאפּט, ווי מיט איר גרויס. וואָרום אין בערלין איז דער פּראָצענט זעלבסמערדער ביי יידן דריי מאָל העכער, ווי אין ווארשע, און אין ווין איז ער צוויי מיט א האלבן מאָל העכער. אָבער מען קאָן אבסאָלוט נישט פארגלייכן די דאָזיקע זעלבסטמאָרדן צווישן זיך.

א בערלינער יידישער סוחר, וואָס באגייט זעלבסטמאָרד, האָט היג־טער זיך אן אנדער פאמיליע־געשיכטע און גאָר אַן אנדער אייגענע פאר־גאנגענהייט. אָפטמאָל איז דאָס אן איינציקער זון, און שוין דער פאָטער אָדער די מוטער האָט געפירט א גרויס־שטאָטישן לעבן. דער פאָטער האָט געדאווונט איין מאָל אָדער דריי מאָל אין יאָר. אָפטמאָל איז דאָס א מענטש מיט העכערער בילדונג, וואָס האָט דורכגעמאכט א סטודענטישן לעבן אין דייטשלאנד, מיט שלעגערייען, מיט ביר אָן א שיעור, מיט געוויסע קראנק־הייטן און מיט באשטימטע רעזולטאטן פון אזעלכע חולאתן. דער מענטש האָט אָפט גאָר קיין פאמיליע נישט אָדער העכסטנס איין קינד. ער האָט גאָר קיין פאָלק נישט אָדער העכסטנס שענקט ער א נדבה דעם קרן היסוד. ער האָט גאָר קיין גאָט נישט אָדער העכסטנס מאכט ער אים א וויזיט איין מאָל אין יאָר און איז יוצא. אזא מענטש האָט כמעט גאָר נישט קיין צוגעבונדנקייטן פון פאמיליע, געמיינדע, פאָלק, מלוכה, אלענפאלס זייער שוואכע. הכלל, ער איז אָפטמאָל א מענטש זייער אן איינזאמער, א מענטש, וואָס שטייט אליין, אָן קיין שום צוגעבונדנקייט צו א פאמיליע אָדער א פאָלק, — א צוגעבונדנקייט, וואָס גיט צו מוט און קראפט צום לעבן.

און גראָד אין דער הינזיכט איז דאָך דער פּוילישער ייד ממש אַן אידעאַל. דער סוחר, וואָס ווארפט זיך פון פינפטן שטאָק, זאָגט דאָך פריער

אָפּ ווידוי. ער קומט פון א פאמיליע, ווו ער איז געווען דער פינפטער אָדער דער זעקסטער; ווו פרומקייט, גלויבן, צוגעבונדנקייט צום בית־המדרש, צום רבינס שטיבל, צום יידישן פאָלק, צו דער קהילה, צו דער משפחה, צום גאנצן יידישן ארום זענען געווען נאטירלעכע זאכן. ער אליין, דער זעלבסטמערדער, האָט זיינע יונגע יאָרן פארבראכט אין בית־המדרש אָדער ישיבה, און איז אָפט נאָך אויך א גוטער פאמיליע־מענטש, וואָס האָט א כאָפּטע קינדער אין שטוב. דאָס ווייב איז טאַקע באמת זיין איינציקע אשת חיל, און יעדעס קינד איז ביי אים איינגעבאקן אין הארצן ביזן מקריב זיין זיך פאר אים. ער איז א גליד פון דער קהילה און פון זיין פאָלק. הכלל, ער איז א מענטש, וואָס האָט גאנץ געניג צוגעבונדנקייט און גאנץ שטארקע רעליגיעזע אָדער נאציאָנאלע געפילן און איבערצייגונגען. אזא מענטש ווייסט זייער גוט, אז ער פארלירט מיטן זעלבסטמאָרד עולם הבא, און פארלירן עולם הבא איז פאר אים גאָר נישט קיין קליינקייט, און דאָך גייט ער דערויף.

דעריבער מיינען מיר, אז די יידישע זעלבסטמאָרדן אין פוילן זענען גאָר פון אן אנדער כאראקטער. זיי שרייען, אז נישט דער איינצלנער איז קראנק, אָפּגעריסן, האָפענונגסלאָז, פאראיינזאמט און פארצווייפלט, נאָר דער כלל איז קראנק, דאָס פאָלק. דער ציבור איז ארויסגעריסן פון זיין באָדן, דער גאנצער קאָלעקטיוו, דאָס גאנצע פאָלק איז פאריאושט און האָט פאר־לוירן די האָפענונגען אין א מעגלעכקייט פון בעסערע צייטן. דעריבער פילט מען אזוי שטארק, אז הינטער די פלייצעס פון יעדן יידישן זעלבסט־מערדער אין פוילן שטייען צענדליקע אָדער אפשר הונדערטער זעלבסט־מאָרד־קאנדידאטן. ווייניקער טויט־מוטיקע, אָבער נישט ווייניקער פאר־סמטע פון זעלבסטמאָרד־גיפט, פון דעם געדאנק אומצוקערן דעם רבונו של עולם דעם בילעט, ווייל נאָר בעל כרחך אתה חי, נאָר איבערגעוואלט לעבט מען, אָן חשק, אָן אפעטיט, אָן גלויבן און אָן קאמף.

אין קיין שום לאנד, דוכט זיך, זענען יידן נישט אזוי אָפּגעטיילט און אָפּגעזונדערט פון דער ארומיקער מערהייט־געזעלשאפט, ווי אין פוילן. אין קיין שום לאנד פילן זיי זיך נישט אזוי איינזאם אין זייער ראנגלען זיך פאר זייער עקזיסטענץ, ווי אין פוילן. אין קאמף ממש פאר די איינ־פאכסטע סאָציאלע, געזעלשאפטלעכע רעכט, ווי ארבעטן אין א מלוכה־

פאבריק, ביי אייזנבאנען, אין א מאגיסטראט, ביי רייניקן די גאסן, אָנגע־שטעלט ווערן אין א מלוכה־ביורא, זענען די יידן אבסאָלוט אליין און האָבן נישט קיין שום אקטיווע הילף פון קיין שום פוילישן צד.

אין די שווערסטע און טראגישסטע צייטן אין צארישן רוסלאנד, ווי בשעתן ביילים־פּראָצעס, בשעת די פּאָגראָמען, בשעת די רדיפות אויף די מלחמה־פראָנטן, האָבן מיר זיך דאָך קיינמאָל נישט געפילט אָפּהענדיק און נישט ארייננגעפאלן אין פארצווייפלונג, ווייל מיר האָבן געפילט, אז די מערהייט פון דער אינטעליגענץ, די אָרגאניזירטע ארבעטער און א טייל פון די באוווסטזיניקע פויערים זענען פאר אונדז און מיט אונדז און מיטן גאנצן הארצן. דאָ, אין פוילן, גייט אָן יאָרן א שטילער, אָבער סיסטעמאַ־טישער פּאָגראָם פון דער מלוכה־מאכט קעגן א גאנץ פאָלק, אָן אונטער־שיד פון קלאס. און קיינער פון דער ארומיקער פוילישער וועלט איז נישט מיט אונדז און אפילו נישט פאר אונדז. וואָרום ווי טרויעריק דאָס זאָל נישט זיין, אָבער מען מוז זאָגן, אז חוץ געציילטע אויסנאמען זענען אפילו די אָרגאניזירטע פוילישע ארבעטער ווייט פון אקטיוו פארטיידיקן אונדזע־רע איינפאכע רעכט אויף ארבעט. געוויס זענען פאראן אויסערלעכע באַ־דינגונגען, וועלכע האָבן געבראכט צו דער דאָזיקער טראגישער אָפּגערי־סנקייט ביי די פוילישע יידן פון דער ארומיקער מערהייט. אָבער אונדז אינטערעסירן דאָס מאָל נישט די אורזאכן, נאָר די רעזולטאטן און זייער איינפלוס אויף דער יידישער געזעלשאפט.

די פוילישע יידן זענען פּאָליטיש אבסאָלוט אָפּגעטיילט און אָפּגע־זונדערט פון דער ארומיקער פוילישער וועלט — און נישט קיין געמיינ־זאמע פארטייען און נישט קיין שותפותדיקע איינצלנע פּאָליטישע טוער ווארפן דאָ נישט אריבער קיין בריקן צווישן יידן און נישט־יידן. אזעלכע פאלן, ווי אין אמאָליקן רוסלאנד, אז א ייד זאָל אין איין צייט זיין א פּי־רער פון אָן אלגעמיין־מלוכהשער פארטיי און אן אָפּענער אקטיווער יידי־שער פּאָליטישער און געזעלשאפטלעכער טוער (ווי דער רוסישער ייד ווי־נאווער און אנדערע) אָדער ווי אין דער סאָציאליסטישער באוועגונג, ווו מען האָט געארבעט אי אין „בונד", אי אין דער רוסישער סאָציאל־דע־מאָקראטיע, אי ביי די סיימאָווצעס, אי ביי די ס. ר. (די רוסישע פארטיי סאָציאליסטן־רעוואָלוציאָנערן), אזעלכע פאלן זענען אין פוילן פשוט נישט

מעגלעך. כדי צו קענען פארנעמען א פלאץ אין א פוילישער פאליטישער פארטיי, אדער ליטעראַרישער חברה, מוז דער ייד נישט נאר זיין איינגאנצן אסימילירט, אינגאנצן אפגעריסן פון יידן, ריין פון יעדן חשד אין יידישע נאציאנאלע געפילן, נאר ער מוז נאך אויך זיין פויליש־שאוויניסטיש־פאטריאטיש און יידיש־פארדעטעריש, אויב נישט פאקטיש דורך שמד, איז כאטש פסיכאלאגיש לויט זיינע אנטי־יידישע שטימונגען, לויט זיין ווידערווילן, אנטיפאטיע צו יידן און צו זייערע לעבנס־פארמען.

דעריבער שאפן זיך נישט קיין נשמה־בריקן צווישן דער יידישער און פוילישער געזעלשאפט, ווייל ביז וואנען אין דעם יידן שלאגט נאך א יידישער אדער, וועט ער אפילו אויף דער שוועל פון א פוילישער געזעלשאפטלעכער אינסטיטוציע נישט צוגעלאזן ווערן. איז ער אבער יא אריינגעשפרונגען אין דער פוילישער געזעלשאפט, איז נישט נאר פארברענט ער אלע יידישע בריקן הינטער זיך, נאר ער סטאַרעט זיך צו פארטיפן און פארברייטערן דעם אפגרונט, וואס טיילט אים אפ פון יידן, און אויף אזא אופן פארטיפט ער אויך נאך מער דעם תהום, וואס ליגט צווישן דער יידישער און פוילישער געזעלשאפט.

דער רעזולטאט איז אן איינזאמע, פארלאזענע יידישע מאסע, וואס ראנגלט זיך פאר איר עקזיסטענץ אין א סביבה, ווו ס'זענען דא א סך אקטיווע און אויך גאר ווייניק אפילו נישט אקטיווע גוטע פריינט. און ס'איז קיין חידוש נישט, וואס די דאזיקע מאסע איז אזוי פארצווייפלט און געפאלן ביי זיך. געוויס, געווים זענען די הויפט־אורזאכן פון די זעלבסטמאָרדן דער עקאנאמישער קריזיס, די באנקראטן, די ירידה, די פאראָרימונג פון א סך פארמעגלעכע מענטשן, די ארבעטסלאזיקייט, די עקאנאמישע האפענונגסלאזיקייט און אזוי ווייטער. אבער מען מוז זיך דאך פארטראכטן איבער דעם פאקט, וואס די זעלבסטמאָרד־מגפה בושעוועט א סך שטארקער צווישן די, וואס האבן מ ו ר א פארן קומענדן דלות, ווי צווישן די, וואס לעבן אין דלות יארן און דורות. זי קומט פאר א סך מער צווישן די, וואס האבן מ ו ר א צו פארלירן, ווי צווישן די, וואס האבן נישט וואס צו פארלירן. ס'איז דעריבער נישט גענוג פעסטצושטעלן דעם עקאנאמישן קריזיס, אדער מאטעריעלע דחקות און דערמיט דערקלערן די זעלבסטמאָרד־מגפה. מען מוז שטודירן די געזעלשאפט, וואס איז גע־

טראָפּן פון דער מגפה. די באזונדערע קלאסן, וואָס האָבן געליטן, און דע־מאָלט שטעלט זיך ארויס, אז נישט יעדער קריזיס און יעדע אָרימקייט טרייבן צו זעלבסטמאָרדן. נאָר ביי א געוויסן קראנקן נשמה־צושטאנד, וואָס מאכט די גאנצע געזעלשאפט אָדער באזונדערע טיילן אירע גרייט צו ווערן א קרבן פון א באשטימטער מגפה, נאָר דעמאָלט באקומען די זעלבסטמאָרדן יענע „איבער נאָרמאלע" קראפט, וועלכע ווערט אָנגערופן מגפה. און דעמאָלט ערשט ווערט קלאָר, פאר וואָס פארשידענע טיילן פון איין און דער זעלבער געזעלשאפט ווערן אין א פארשידענער מאָס פאר־כאפט פון דער מגפה.

די טעגלעכע כראָניק פון די יידישע זעלבסטמאָרדן אין פוילן מאָלט אזא שוידער־בילד פונעם נשמה־צושטאנד פון די יידישע מאסן, אז ס'איז בדאי איין מאָל זיי צונויפנעמען און זיי פאראייביקן. אונדזערע קינדער און קינדס־קינדער וועלן אין די דאָזיקע צייטונגס־נאָטיצן געפינען א צייט־שפיגל, דערהערן א בת־קול פון א צייט א שווערער, פון אן איבערברוך־צייט.

לאָמיר לאָזן רעדן די דאָזיקע נאָטיצן:

„זייער א שווערן איינדרוק האָט אין די ווארשעווער יידישע סוחרי־שע קרייזן נעכטן געמאכט די ידיעה וועגן דעם זעלבסטמאָרד פון אלטן אָנגעזעענעם יידישן קוילן־סוחר אין ווארשע, סטאַניסלאַוו פּינקוס, א שוואָ־גער פון פּראָפעסאָר שמעון אשכנזי.

דער זעלבסטמערדער איז געוועזן דער אייגנטימער פון איינער פון די עלטסטע און גרעסטע יידישע קוילן־פירמעס, וועלכע האָט עקזיסטירט צענדליקער יאָרן. ער האָט פארנומען א פּרעכטיקע ניין־צימער־דירה אויף מארשאלקאָווסקע, 130.

נעכטן ארום 12 פארמיטאָג איז ה' פּינקוס ארויס פון זיין ביוראָ, וווּ עס האָבן געארבעט איניקע אָנגעשטעלטע. אריינקומענדיק אין זיין וווינונג, האָט ער דערקלערט, אז ער גייט זיך מאכן א וואנע. דערנאָך איז ער גלייך אריין אין באָד־צימער און פארשלאָסן די טיר הינטער זיך.

ווען די שטוב־מענטשן האָבן דערזען, אז פּינקוס זאמט זיך צו־לאנג אין באָד־צימער, זענען זיי צוגעקומען צו דער טיר פון צימער, דערשפּי־

רנדיק א ריח פון גאז, האבן זיי אויפגעריסן די טיר און געטראפן פינקוסן ליגן אין דער וואנע א טויטן.

דער זעלבסטמערדער איז אלט געווען 72 יאר און האט איבערגע־לאזט א פרוי מיט דריי קינדער. איין זון פון אומגעקומענעם איז אן אינ־זשעניער, דער צווייטער א פראפעסאר. ווי מען גיט איבער, האט ער זיך גענומען דאס לעבן צוליב דעם שווערן עקאנאמישן קריזיס, וואס ער האט לעצטנס דורכגעמאכט און צוליב דעם פולשטענדיקן שטילשטאנד אין דער קוילן־בראנזשע, ווו דער זעלבסטמערדער האט געשפילט א גרויסע ראלע".

(„היינט", ווארשע, 7. מערץ 1930).

„נעכטן, זעקס פארנאכט, איז אין דער מוראנאווער געגנט בליץ־שנעל דורכגעפלויגן א ידיעה וועגן א שוידערלעכן זעלבסטמארד פון אן אלטן יידן.

ווען אונדזער מיטארבעטער איז צוגעקומען צום ארט פון אומגליק, האט זיך דארטן געמטן חושך. ארייניצוקומען אין גרויסן הויף אויף מו־ראנאווסקע 38 איז געווען שווער. א ריזיקער עולם האט געשטראמט אין הויף אריין.

דארט אין א ווינקל איז געלעגן דער טויטער קערפער פון אן א ל ט ן ג ר ײ ז ־ ג ר א ע ן יידן מיט א לאנגער ווייסער בארד. דאס פנים געל ווי וואקס, דער שארבן צעשפאלטן. דורך דעם פארהאקטן מויל האט געזעצט א ווייסע פינע. אין א צווייטן ווינקל איז געזעסן א בלאנדע פרוי אין מיט־טעלן עלטער, שרעקלעך געשריען און זיך געהאקט קאפ אן דער וואנט — דאס איז די פרוי פון זעלבסטמערדער.

צווישן פארזאמלטן עולם קומען פאר אומבאשרייבלעכע סצענעס: מען וויינט, מען ברעכט די הענט; אייניקע פרויען פאלן חלשות. יעדע מינוט דערהערט זיך פון אן אנדער ווינקל א ניי יאמערלעך געשריי — דאס זענען די ק י נ ד ע ר פון זעלבסטמערדער, וועלכע קומען זיך ביס־לעכווייז צונויף צום ארט, ווו זייער פאטער האט אויף אזא שרעקלעכן אופן פארענדיקט אלע זיינע חשבונות מיטן לעבן.

דער זעלבסטמערדער איז געווען דער 53יעריקער שמעון לאטער. מיט עטלעכע יאר צוריק איז ער געווען איינער פון די גרעסטע און רייכ־

סטע סוחרים פון לעדער. ער האָט געהאט א גרויס געשעפט אויף פראנ־
ציסקאנער גאס 30. די לעצטע יאָרן האָט עס אים אָבער אָנגעהויבן גיין
מיט דער פוטער אראָפ. ער איז נישט געווען אימשטאנד צו צאָלן זיינע
חובות. די שלעכטע געשעפטן האָבן לאָטערן רואינירט נישט נאָר מא־
טעריעל, נאָר אויך פיזיש — ער איז ערנסט קראנק געוואָרן אויף די נערוון.

נעכטן איז ער ארויס פון שטוב גאנץ פרי. די פרוי איז אים כסדר
נאָכגעגאנגען. ער איז אוועק אויף נאלעווקעס. דאָרט איז ער אריינגעגאנ־
גען אין פארשידענע הויפן, ווו ער האָט מיט די אויגן געמאָסטן די הויך
פון די הייזער. דאָס האָט זיך געצויגן שעהן־לאנג. פון נאלעווקעס איז ער
אוועק אויף מוראנאָווסקע. דאָרט האָט זיך איבערגעחזרט דאָס זעלביקע —
פון איין הויף ארויס, אין צווייטן אריין.

אין הויף נומער 38 איז ער געווען אין פארלויף פון טאָג עטלעכע
מאָל. דאָס לעצטע מאָל איז ער שנעל אריינגעלאָפן אין הויף און האָט זיך
געלאָזט גיין אויף די טרעפ פון ערשטן בנין נעבן טויער. די פרוי איז נאָך
אים ארויף אויף די טרעפ און האָט פארצווייפלט נאָכגעשריען: „שמעון,
וואוהין גייסטו? וואָס ווילסטו טון?" ער האָט אָבער נישט געענטפערט און
געלאָפן ווייטער שנעל.

אויפן פערטן שטאָק האָט זיך פרוי לאָטער אָפּגעשטעלט און געזוכט
איר מאן. זי האָט געמיינט, אז ער איז אריין ערגעץ אין א וואוינונג, ווייל
דאָס איז שוין געווען דער לעצטער שטאָק. דער מאן איז אָבער ארויף נאָך
א האלבן שטאָק העכער מיט די טרעפ, וואָס פירן צום בוידעם. דאָרטן האָט
ער זיך דורכן פענסטער ארויסגעוואָרפן אויפן הויף. די פרוי האָט דורכן
פענסטער אויפן פערטן שטאָק געזען פליען דעם קערפער פון איר מאן
ארונטער. איר געשריי האָט זיך צונויפגעמישט מיטן קלאַפּ פון קערפער
אויפן שטיינערנעם ברוק".

(„נייע פאָלקסצייטונג", נ. 146, ווארשע, 24. יוני 1913).

„אין די ווארשעווער סוחרישע קרייזן האָט זיך נעכטן בליץ־שנעל
פארשפרייט די ידיעה, אז דער באקאנטער פאבריקאנט און סוחר חיים
לעסער איז באנאנגען זעלבסטמאָרד.

לעסער האָט געוווינט אויף גראניטשנע 3, ווו ער האָט פארנומען

א שיינע, רחבותדיקע דירה. פון מאָנטאָג אָן האָבן די שכנים דערשפּירט, אַז אויף די טרעפּ פּילט זיך א שטאַרקער ריח פון גאַז. אזוי ווי לעסערס פרוי מיטן קינד ווײַלן איצט אין רומעניע, זענען די שכנים געווען זיכער, אַז אין דער וווינונג איז קיינער נישטאָ און ס׳איז דאָרט קאַליע געוואָרן די גאַז־איינריכטונג. מען האָט געמאָלדן אין גאַז־אַנשטאַלט. מ׳האָט גערופן פּאָליציי און מען האָט אויפגעריסן די טיר פון לעסערס וווינונג. פאַר די אויגן פון די שכנים האָט זיך אַנטפּלעקט א שוידערלעך בילד: לעסער איז געלעגן אָן שום סמנים פון לעבן. דאָס גאַז־קישקעלע איז אים געווען ארומגעוויקלט ארום האלדז, כדי עס זאָל זיך נישט ארויסגליטשן פון מויל, אין וועלכן ער האָט געהאלטן איין עק. דער גאַז־קראַן איז געווען אינגאַנצן אויפגעדרייט. דער דאָקטאָר האָט פעסטגעשטעלט, אַז לעסער איז שוין דריי טעג טויט.

חיים לעסער איז בסך־הכל אַלט געווען 32 יאָר און איז געווען באַקאַנט אַלס ערלעכער און פעאיקער פאַבריקאַנט און סוחר. דער שווערער קריזיס האָט אָבער אים שטאַרק געטראָפן, און ער איז געווען אין געפאַר פון באַנקראָט. ער האָט אָבער, ווייזט אויס, נישט געוואָלט וואַרטן אויף דעם אומגליק און זיך גענומען דאָס לעבן".

(„היינט", נ. 188, 13. יולי 1931).

„אויף נאָוואָליפּיע 40 געפינט זיך דניאל עדעלבוימס פאַבריק פון אייזנוואַרג. די פאַבריק האָט אין פאַרלויף פון אַ לענגערער צייט באַשעפטיקט 12 ארבעטער. צוליבן קריזיס זענען די געשעפטן אַוועק זייער שלעכט. יענע וואָך איז ער נישט געווען אימשטאַנד אויסצוצאָלן די שכירות זיינע ארבעטער. ער האָט זיך די זאַך שטאַרק גענומען צום הארצן און איז ארייַנגעפאַלן אין א מרה־שחורה.

דאָנערשטיק פרי איז ער ארויס פון זיין וווינונג אויף נאָוואָליפּיע 40 און איז אַוועק אין פאַבריק אריין, וואָס געפינט זיך אין זעלבן הויף אין א קעלער. זענענדיק, אַז דער פאָטער קומט נישט צו פרישטיק, איז דער זון אראָפּ אין קעלער און דערזען א שוידערלעך בילד: דער פאָטער זיינער איז געהאנגען אויף א שטריק, וואָס איז געווען פאַרפעסטיקט צו א מאַשין.

דער זון האָט געמאַכט א גערואַלד. מען האָט באַלד גערופן א דאָקטאָר, וועלכער האָט פעסטגעשטעלט דעם טויט.

דער טראַגיש־אומגעקומענער פאַבריקאַנט איז אַלט געווען 55 יאָר און האָט איבערגעלאָזט א פרוי מיט א זון".

(„היינט", נ. 190, 16. יולי 1931).

„אין הויז נומער 74 לעשנאָ עקזיסטירט שוין א 30 יאָר א פּודעלעך־פאַבריק, וואָס געהערט צו צוויי שותפים, ישראל וואַנדהיילער און זיין איידעם בראָניסלאַוו האַלפּערסאָן. די פאַבריק האָט אַמאָל געאַרבעט זייער גוט. לעצטנס, צוליבן שרעקלעכן קריזיס, האָבן דאָרטן געאַרבעט נאָר צוויי אַרבעטער. די געשעפטן זענען געגאַנגען זייער שלעכט און האַלפּערסאָן איז די לעצטע צייט געווען שלעכט געשטימט. פרייטיק 6 פאַרנאַכט האָט האַלפּערסאָן גענומען זיין צוויי־יעריק איינציק קינד און איז אַוועק מיט אים אין פאַבריק. דאָ האָט ער געגעבן דעם אַרבעטער, שמחה זשעלאַנקע, א גרויסן קאַסטן און געהייסן אָפּטראָגן צו זיין מוטער. ווען מען האָט נעעפנט דעם קאַסטן, האָט מען דאָרטן געפונען א פּאָרטפעל מיט פאַרשיי־דענע דאָקומענטן, א וועקסל אויף 300 זלאָטעס און א בריוו, אין וועלכן ס'שטייט געשריבן:

„מאַמע! נעם זיך נישט שטאַרק צום האַרצן דאָס, וואָס דו וועסט באַלד זיך דערוויסן. מיט יאַשען קען איך זיך נישט צעשיידן, דערפאַר נעם איך אים מיט זיך, כדי אים נישט איבערלאָזן אויף הפקר".

מען האָט זיך באַלד געוואָרפן זוכן דעם פאָטער מיטן קינד. א גאַנצע נאַכט האָט מען געזוכט און ערשט פאַרטאָג האָט דער וועכטער געעפנט די פאַבריק, ווו מען האָט דערזען א שרעקלעך בילד: ביי דער שוועל איז געלעגן דאָס טויטע קערפּערל פון קינד אין א קאַלוזשע בלוט. ביי זיינע פיסלעך איז געלעגן דער טויטער פאָטער, האַלטנדיק איינגעקוועטשט אין האַנט א בראַונינג. דאָס קינד איז געשטאָרבן פון א קויל, וואָס ס'האָט באַ־קומען אין בייכעלע; דער פאָטער האָט זיך אַריינגעשאָסן א קויל אין מויל אַריין.

ווי די פאַמיליע דערקלערט, איז נאָך דעם לעצטן טאָג דער זעלבסט־מערדער געווען גאַנץ נאָרמאַל. דאָנערשטיק נאָך איז ער מיט דער פרוי,

שוועסטער, מוטער און קליינעם יאשען געזעסן אין דער צוקערניע פון סטודניע. פון דארטן זענען זיי נאך געפארן אין דער צוקערניע פון ראַקאווסקי, אויף באגאטעלא, ווו זיי האבן פארבראכט ביז שפעט אין אוונט".

(„פאלקסצייטונג", נ. 116, 5. מאי 1931).

„א יידישע פרוי פון א יאר 50, א מוטער פון פיר דערוואקסענע טעכטער, צוויי מיידלעך און צוויי אויסגעגעבענע, האט אויף א שווידערלעכן אופן געמאכט א סוף צו איר לעבן. דאס איז געווען נעכטן א פערטל צו צוועלף ביי טאג. דער הויף אויף מוראנאווסקא 6 איז געווען פול מיט מענטשן, וועלכע זענען געגאנגען הין און צוריק, פארמוטנע אין זייערע געשעפטן. פלוצים האט זיך דערהערט א מוראדיקער קלאפ און אויפן אספאלט איז געבליבן ליגן א צעשמעטערטע אין א קאלוזשע בלוט די 50יאריקע מרים מאנסקא, די פרוי פון געוועזענעם רייכן לעדער־סוחר אהרן שלמה מאנסקא, וועלכער פארנעמט א דירה פון דריי צימערן מיט א קיך".

די אורזאך פונעם טויט איז ווי געוויינלעך, דער מאן איז געווען רייך, פארלוירן דאס געלט, געפאלן און געפאלן. דער דלות האט זיך געריסן אין שטוב. די פרוי האט נישט אויסגעהאלטן און געטון דאס, וואס ס'טוען הונדערטער פון איר גראד.

(„היינט", נ. 158, 9. יולי 1931).

„די שכנים פון קראכמאלנע 30 זענען פריימיק פרי אויפגערודערט געווארן פון א שווידערלעכער סצענע, וואס זיי האבן דערזען אין הויף: אויפן ברוק איז געלעגן אין בלויזע וועש און שום סמנים פון לעבן דער 70יאריקער אליעזר ראזנבוים. ווי ס'איז פעסטגעשטעלט געווארן, האט ער זיך ביינאכט אראפגעווארפן פון פענסטער אויפן ברוק, זיך צעשמעטערט דעם שארבן און געשטארבן. אין צימער ביי אים האט מען געפונען אפן דעם סידור ביי ווידוי. די אורזאך פון זעלבסטמארד זאל זיין דאס, וואס ער האט נישט געוואלט פאלן צו לאסט אויף זיינע קינדער".

(„היינט", נ. 197, 24. אויגוסט 1931).

דאס איז אלץ פון ווארשעווער לעבן — אין דער פראווינץ איז נישט בעסער.

„דאָס יידישע לובלין איז שבת אויפגעציטערט געוואָרן פון אַן אויר־סערנגעוועגלעכן זעלבסטמאָרד. שמעיה ווייסבראָדט, א לובלינער חסיד, 56 יאָר, א תבואה־סוחר, האָט תמיד געשמט פאר א פארמעגלעכן יידן. די טעג איז זיין פרוי און קינדער אוועקגעפאָרן אויף א זומער־וווינונג צו איר פאָטער און ער איז געבליבן אליין. אין די לעצטע עטלעכע טעג האָט ער כסדר געדעדט פאר זיינע נאָענטע, אז ער פילט דאָס דער סוף דערנענטערט זיך. היינטיקע וואָך האָט ער דערקלערט, אז ער ווייסט אויף זיכער, אז שבת וועט ער שוין נישט לעבן. מיטוואָך אוונט האָט ער געבעטן זיינעם א באַקאַנטן, שמעון מארכעווקע, ער זאָל מיט אים ארויפגיין אין שטוב, ווייל ער וויל אָנשרייבן א צוואה. אין שטוב האָט ווייסבראָדט זיך פאר אים אויסגערעדט דאָס הארץ, אז זיין גאַנץ פארמעגן באַטרעפט נאָך 129 זלאָטעס, און אז ס'קומט אים ביי איינעם א חוב פון 355 זלאָטעס. יענער וויל אים דאָס געלט נישט אָפּגעבן. ער הונגערט, ד ע ר מ אָ ר ג ן וועט פאר אים אומבאַדינגט נאָך ערגער ווערן. צו וואָס זאָל ער זיך ארומדרייען אויף דער וועלט? ער האָט דעריבער געגומען שרייבן א צוואה און ער בעט, מען זאָל אים מקבר זיין ווי אַן אמתן יידן. אויף מארכעווקען האָט די סצענע געמאכט א שטאַרקן איינדרוק, נאָכמער דערפאַר, וואָס ווייס־בראָדט האָט אים פּלוצים א פרעג געגעבן:

„שבת מוז איך גיין אויף יענער וועלט. אליין זיך מאכן דעם טויט און נאָך אום שבת איז באמת אַן עבירה. וואָס זשע טוט מען, אז עמעץ זאָל מיך דערהרגענען? איך וואָלט אים דעם לעצטן גראָשן אוועקגעגעבן".

מארכעווקע האָט גענומען היטן ווייסבראָדטן און זיך באַמיט אָפּ־צונעמען די 355 זלאָטעס ביים בעל־חוב. דאָס געלט האָט ער ווייסבראָדטן אָפּגעגעבן. דאָנערשטיק און פרייטיק האָט ווייסבראָדט מער נישט איבער־געחזרט קיין שלעכטע ווערטער. פרייטאָג־צו־נאכט איז ער געקומען דאַווענען ווי געוויינלעך. שבת אינדערפרי איז ער אין שטיבל נישט געקומען. מאר־כעווקע איז געוואָרן אומרואיק. אגב האָט ער אים פרייטיק צוגעזאָגט א ספרל. ער איז גלייך פון שטיבל אוועק צו ווייסבראָדטן אין שטוב. די טיר איז געווען פארשלאָסן. מארכעווקע האָט געעפנט א פענסטער און דורכן פענסטער אריינגעלאָזט א בחור זען וואָס אין שטוב טוט זיך. דער בחור איז אריין אין וווינונג און אויסגעשריען, אז קיינער איז אין שטוב נישטאָ,

בלויז א יידיש היטל מיט א פונאנדערגעווארפענעם טלית ליגן אויפן טיש.
מארכעווקע האט געהייסן דעם בחור א קוק טון אין שלאף־צימער. דאס
יינגל איז צוגעלאפן צוריק צום פענסטער מיט א שרעקלעכער בהלה:
„עפעס עמעץ שטייט ווי א טויטער!"

מארכעווקע איז שנעל אריבערגעשפרונגען דאס פענסטער, אריינ־
געלאפן אין שלאף־צימער און דערזען א שרעקלעך בילד. נעבן בעט איז
געשטאנען א הענגער פאר מלבושים. אויף דעם דאזיקן הענגער האט ווייס־
בראדט געמאכט א פעטלע פון זיין גארטל און זיך אויפגעהאנגען. מאר־
כעווקע האט אים דערזען כמעט ווי אין א שטייענדיקער פאזע. א בענקל
איז געלעגן אומגעווארפן, קענטיק, אז דער זעלבסטמערדער האט אין דער
לעצטער מינוט זיך נאך געפרווט ראטעווען, אבער דאס האט זיך אים
נישט איינגעגעבן. מארכעווקע האט געמאכט א שרעקלעכן געשריי און
געפאלן חלשות. שכנים זענען אריין. מען האט דעם זעלבסטמערדער אראפ־
געכאפט פון דער תליה, אים אוועקגעלייגט אין בעט, גענומען ראטעווען,
מען האט גערופן אן אמבולאנס, אבער אלץ איז שוין געווען צו שפעט.
אלע סמנים, דאס טליתל, דער גארטל און דאס סידורל באווייזן, אז שמעון
ווייסבראדט האט פריער אפגעדאוונט און דערנאך א סוף געמאכט צו זיין
לעבן".

(„פרימארגן", ריגע, 15. יולי 1931).

און אט איז א קליינע קארעספאנדענץ פון ביאליסטאק:

„אין פארלויף פון יענער וואך האט זיך ביאליסטאק געפונען אונ־
טערן איינדרוק פון א זעלבסטמארד־מגפה. נאך היינטווארפן זיך אין די
אויגן די מעלדונגען פון פארשידענע געזעלשאפטן, ווי „עונג שבת" אדער
פון דער קולטור־געזעלשאפט, וועלכע ארדענען איין אזוי גערופענע שמו־
עסן אויף דער טעמע: „די זעלבסטמארד־מגפה".

און באמת, ס'וועט נישט זיין קיין איבערטרייבונג, ווען מ'וועט
זאגן, אז אזא וואך האט נאך ביאליסטאק נישט איבערגעלעבט. דער ער־
שטער זעלבסטמארד, פון וועלכן ביאליסטאק איז אויפגעטרייסלט געווארן,
איז פארגעקומען זונטאג. דעם זעלבסטמארד איז באגאנגען א באקאנטער
ביאליסטאקער סוחר, וועלכער האט געהאט זיין געשעפט אין צענטער

פון שטאָט, און האָט נאָך געהאַנדלט מיט אויסלענדיש געלט. ער איז געווען א געזונטער, א פרישער, סך־הכל 42 יאָר אַלט. פּלוצלינג איז ער נעלם געוואָרן פון געשעפט, און ווען מען איז געקומען אין שטוב א קוק טון וואָס ער טוט דאָרטן, האָט מען אים געפונען הענגען אויף א האַנטעך שוין אָן סימנים פון לעבן. אויף דעם שפּיגל האָט מען נאָר געפונען א שטיקל פּאַפּיר מיט א בלייפעדער. ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, האָט ער פאַרן טויט געהאַט בדעה איבערצולאָזן א צעטעלע, נאָר פּלוצלינג האָט זיין בן־יחידל אָנגעקלאַפּט אין טיר, און מורא האָבנדיק, טאָמער וועט מען אים שטערן, האָט ער שוין אויף גיך אָפּגעטון דאָס שטיקל אַרבעט. נישט באַוויזנדיק איבערצולאָזן א צוואה.

דער רושם וואָס דער זעלבסטמאָרד האָט געמאַכט איז נישט צו באַשרייבן. נאָר מען האָט נאָך נישט באַוויזן זיך צו באַרואיקן, איז שוין אויף מאָרגן פאָרגעקומען א צווייטער זעלבסטמאָרד, וועלכער איז געווען נאָך גרויזאַמער ווי דער ערשטער.

א באַקאַנטע ביאַליסטאָקער כלל־טוערקע, א פּערזאָן, וועלכע איז א לאַנגע צייט געווען די פירערין פון דער געזעלשאַפט פאַר יתומים־פאַרזאָרגונג, האָט אין מיטן העלן טאָג, אין צענטער שטאָט, טאַקע פון איר אייגן הויז, זיך אַראָפּגעוואָרפן פון דריטן שטאָק און איז צעשמעטערט געוואָרן.

דער דאָזיקער פרישער זעלבסטמאָרד האָט ווידער געטראָפן ביאַליסטאָק ווי א דונער, ווייל ווער האָט עס נישט געקאַנט די פרוי בערטאַ ראָזענטאַל, וועלכע מען האָט ערשט נישט לאַנג באַגעגנט אין פאַרשידענע אינסטיטוציעס?

חברה־קדישא האָט גערופן א ספּעציעלע זיצונג. עס איז געווען א מיינונג, אז מהיום והלאה זאָל מען נישט איינאָרדענען פאַר זעלבסטמערדער קיין לויות, נאָר מען זאָל זיי באַגראָבן ביינאַכט הינטער דעם פּאַרקאַן און אָן תכריכים.

די מיינונג האָט אָבער דאָס מאָל נישט געהאַט קיין אָנהענגער. פאַר דער דאָזיקער זעלבסטמערדערין האָט מען נאָך דערלויבט איינצואָרדענען א לויה, וועלכע איז טאַקע געווען זייער א גרויסע. די פּני פון שטאָט האָבן זי באַגלייט צו דער אייביקער רו.

אָבער עס איז קוים אַוועק איין מעת־לעת און עס האָט שוין פּאַ־

סירט א נייער שוידערלעכער זעלבסטמארד. א יונג מיידל, א געוועזענע גימנאזיע־שילערין, לעצטנס אן אנגעשטעלטע אין א שיך־געשעפט, איז אוועק צו דער באן און פון באן־דאך אראפגעווארפן זיך אויף די רעלסן.

דאס זענען אלץ זעלבסטמארדן פון פערזאנען, וועלכע זענען גוט באקאנט אין שטאט. איצט גייט א גאנצע רייע זעלבסטמארדן פון נישט באקאנטע, וועלכע זענען אויך פארגעקומען אין פארלויף פון דער זעלביקער וואך: א בחור, וואס איז פארמשפט געווארן צו א יאר טורמע, האט אין געריכט אויסגעטרונקן א פלעשל קארבאל און גלייך געשטארבן.

די דאזיקע זעלבסטמארדן האבן ארויסגערופן אין שטאט א מורא־דיקע פאניק. זעלבסטמארד איז געווארן די טעמע פון טאג. זיי האבן ממש אנגעווארפן א פחד אויף דער באפעלקערונג. און נאך אפילו איצט, אויב א קינד פארשפעטיקט צו קומען אהיים, לויפט שוין די מאמע עס זוכן, מורא האבנדיק, טאמער האט עפעס פאסירט".

(„פרימארגן", 12. יוני 1931).

און אט איז ווילנע:

„בליץ שנעל האט זיך נעכטן פארשפרייט אין שטאט די ידיעה וועגן דעם זעלבסטמארד פון איינעם פון די באלעבאטים פון קראם פון קינדער־קליידער אויף דייטשער גאס, אהרן שטערן. שטערן איז געקומען אין דער־פרי אין קראם, זיך אוועקגעשטעלט אויף א טיש און גענומען אין מויל אריין א גאז־רערל. ער האט אזוי איינגעאטעמט דעם גאז און דערשטיקט געווארן.

שטערן איז אמאל געוועזן אין ווילנע אן אנגעזעענער טוער אין דער פארטיי ס. ס. (ציוניסטן־סאציאליסטן). שפעטער האט ער זיך מיט פאלי־טיק קנאפ פארנומען.

לעצטנס זענען די געשעפטן זייער שלעכט אוועק. די וועקסלען זענען געגאנגען צו פראטעסט און אויך די שטייער־אינספעקטארן האבן נישט געלאזט צורו. דאס אלץ האט אים געטריבן צו זעלבסטמארד".

(„ווילנער טאג", 26. יוני 1930).

דאס בלוט ווערט פארגליווערט אין די אדערן, לייענענדיק אט די דאזיקע ממש היסטארישע דאקומענטן וועגן יידישן מיטל־קלאס, וואס

שטעלט צו דעם רוב זעלבסטמערדער. מיר האָבן נישט געבראכט אפילו קיין צענט־חלק פון דעם מאטעריאל, וואָס מיר האָבן אָנגעזאמלט אין איין יאָר, אָבער גענוג! דאָס בילד איז קלאָר! קיין סך פירושים זענען נישט נויטיק. נאָר אייניקע באמערקונגען. פון די געבראכטע נאָטיצן איז קלאָר, אז ביי אלע אויסגערעכנטע זעלבסטמערדער איז נאָך נישט געווען קיין רייד וועגן הונגער. די מורא פארן אומפארמיידלעכן הונגער האָט גע־טריבן צום סוף. דער נישט־גלויבן אין א מעגלעכקייט אויסצומיידן דעם קומענדיקן הונגער האָט די מענטשן געמאכט מוטלאָז און פארצווייפלט.

און ס'איז כאראקטעריסטיש אין דער הינזיכט דער בריוו, וואָס איז געווען פארעפנטלעכט אין א ביאליסטאָקער צייטונג באלד נאָך די אויבן באשריבענע זעלבסטמאָרדן. דער בריוו איז אונטערגעשריבן פון א „קאנ־דידאט" אויף זעלבסטמערדער און לייענט זיך אזוי:

„הער רעדאקטאָר! „ויעמוד בין המתים והחיים ותעצר המגפה". מיט די ווערטער הייב איך אָן מיין בריוו און פארלאנג פון אייך, אז איר זאָלט אויפהייבן אייער שטים, אז איר זאָלט שרייען, איר זאָלט מאכן א ליארם, אז די מגפה פון זעלבסטמאָרדן זאָל אויפהערן. דעקלאסירטע, פאר־אָרימטע יידן, מענטשן, וואָס וואָלטן זיך געשעצט גליקלעך, ווען זיי וואָלטן געווען אין אזא לאגע ווי די פרוי ראָזענטאל, זאָגן זיך, אז אויב אזעלכע מענטשן האָבן זיך געקענט אנטשליסן אויף אזא שריט, וואָס איז שוין ווערט מיין לעבן?

„עס ליגט דער חוב אויף די רבנים, אויף דער פרעסע און אויף דער גאנצער ביאליסטאָקער געזעלשאפט, אָנצונעמען מיטלען איינצוהאלטן די מגפה. אין דער צייטונג דארף וואָס ווייניקער דערמאָנט ווערן וועגן זעלבסט־מערדער. מען דארף אויפהייבן די שטימונג, ווייזן, אז די וועלט גייט נאָך נישט אונטער און זען, אז דער עולם זאָל זיין אביסל אָפּטימיסטישער.

די רבנים דארפן האלטן דרשות אין די בתי מדרשים, דרוקן קול קוראס, אויפרופן. איינגנטלעך וואָלט מען געדארפט גרינדן א רעטונגס־קאָמיטעט פאר קאנדידאטן אויף זעלבסטמאָרד".

מיר האלטן זיך אָפּ פון פירושים — די פאקטן רעדן קלאָרע דבורים.

III

יידן פאלן אין גאס חלשות פון הונגער

איך האָב נישט קיין מאמען!
איך האָב נישט קיין טאטן!
איך בין הונגעריק!
איך בין באָרוויס!
יידן! גיט מיר ארבעט!
יידן! גיט מיר ארבעט!

אין א ווארשעווער הויף, וואָס זעט אויס ווי א שמאָלער קאסטן מיט הויכע ווענטלעך, שטייט א לאנגער בחור אויף דינע פיס־שטעקלעך, מיט אראָפּגעלאָזטע דארע הענט־שטעקלעך און שרייט — שרייט, ווי ער וואָלט פון די געדערים געריסן שטיקער און געוואָרפן אין די הויכע טויבע שטיינערנע ווענט. ער ווערט מיד, רוט זיך אָפּ א פּאָר סעקונדעס, כאפּט איבער דעם אָטעם, ציט אויס זיין דינעם האלדז און שליידערט ווידער ארויס פון די טיפענישן פון זיין איינגעפאלענעם בויך די געשרייען:

איך האָב נישט קיין מאמען!
איך האָב נישט קיין טאטן!
איך בין הונגעריק!
איך בין באָרוויס!
יידן! יידן! גיט מיר ארבעט!
יידן! גיט מיר א נדבה!
האָט רחמנות!! האָט רחמנות!!

עטלעכע מינוט האָט ער געשריען צו די טויבע ווענט פונעם שמאָלן קאסטן, און קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופן. איך האָב דעם יונגן

מאַן באַגלייט אַ שטיק גאַס און האָב נישט געקאָנט זיך אָפּרייסן פון אים. און עד היום פאַרפאָלגן מיך זיינע געדערים־אויסגעשרייען; עד היום זע איך זיינע ברענענדיקע אויפגעריסטע אויגן. די דאָזיקע דאַרע אויסגע־טרוקנטע פיגור, די דאָזיקע פאַרצווייפלונגס־געשרייען אָן רעזולטאַט און אָן גלויבן אין אַ וועלכן ס'נישט איז רעזולטאַט, דאָס אויסגעמאַטערטע פאַרחלשטע פּנים מיט די צוויי אויפגעריסטע לעכער, וואָס זוכן עפּעס ווי אין דער פינסטער — אָט דאָס דאָזיקע בילד איז נישט ווילנדיק אויס־געוואַקסן אין מיינע אויגן צו אַ סימבאָלישער געשטאַלט פון פּוילישן יידנטום.

פינף טעג האָב איך איצט נאָך פאַרבראַכט אין וואַרשע; פון זיי דריי טעג, ווען אין לעמבערג איז געגאַנגען דער פּאָגראָם; אין וואַרשע האָט מען געשלאָגן יידישע סטודענטן אין אוניווערסיטעט און אין טעכ־ניקום; אין די גאַסן האָט מען נעפילט יענעם אָנגעלאָדענעם פּסיכישן צו־שטאַנד, ווען יידן וואַרטן אויף אַ פּאָגראָם; אין די צייטונגען זענען אויף די ערשטע זייטן דערציילט געוואָרן, ווי די פּאָגראָם־כוואַליעס צעגיסן זיך און פאַרפלייצן די גאַסן פון קראָקע, טשענסטאָכאָוו, ווילנע, לובלין און דראָען פאַרפלייצן גאַנץ פּוילן — און מענטשן־יידן זענען געוואָרן שטי־לער, שווייגנדיקער, אָנגעשטרענגט־קאָנצענטרירט און ווי פ א ר ש ע מ ט. פ א ר ש ע מ ט פאַר דער אייגענער שוואַכקייט, הילפלאָזיקייט, מידקייט, פאַר דעם נאַרישן אומגעלומפּערטן גורל פון תמיד געשלאָגן צו ווערן...

איך בין די לעצטע יאָרן געווען עטלעכע מאָל אין פּוילן; איך האָב ממש מיט די הענט אָנגעטאַפּט, ווי די דריי מיליאָן יידן ווערן דערשטיקט, דערוואָרגן, אָבער קיינמאָל האָט מיך נישט אַרומגעכאַפּט אַזאַ אומעט, אַזאַ צער, ווי דאָס מאָל; קיינמאָל איז מיך נישט באַפאַלן אַזאַ מרה שחורה, אַזאַ באַדערפעניש צו לויפן אין די גאַסן פון יידישע שטעט פון דער גאָ־רער וועלט און שרייען „געוואַלד! ראַטעוועט!“, ווי דאָס מאָל. און נישט מחמת איך בין געווען אין די פּאָגראָם־טעג. נאָך פאָרן פּאָגראָם, אַרומ־דרייענדיק זיך איבער די יידישע גאַסן אָן אַ ציל און אָן אַ צוועק; אַריינ־קוקנדיק אין די פאַרזאָרגטע פּנימער פון די פאַרשמאַיעטע לאַנג־קאַפּאָטע־דיקע יידן; באַגעגנדיק זיך מיט די בערד פון צוויי עלטערע יידן, וועלכע זענען געווען איינגעשפּאַנט אין אַ וואָגן קוילן און האָבן זיך געבויגן אין

דרייען, שלעפּנדיק דעם שווערן וואָגן; באַגעגענענדיק זיך מיט די בענקענדיקע אויגן פון דער הילפלאָזער ווי פאַריתומטער יוגנט — נאָך פאַרן פּאָגראָם, האָבן מיך בּשוט די גאַסן פון וואַרשע אַריינגעוואָרפן אין אַ שוואַרצער מרה שחורה, פון וועלכער איך קאָן זיך נישט באַפרייען עד היום.

איז דאָס מיין פערזענלעכער איינדרוק אַזאַ? בין איך אפשר נשמה־קראַנק און זע שטאַרק שוואַרץ און פיל פאַרצווייפלונג און הילפלאָזיקייט דאָרטן, וווּ ס׳איז נאָר פאַראַן געוועגלעכע אָרימקייט און דלות, ווי ביי אַלע פעלקער? ליידער, ליידער איז דאָס נישט אַזוי. ליידער, בין איך נישט נשמה־קראַנק און וואָלט בעסער, אַ סך בעסער געוואָלט זען ליכטיקע שטראַלן, האָפענונגספולע פּנימער — איך האָב זיי אָבער נישט געטראָפן; געזוכט און נישט געפונען.

לאָמיר ברענגען פאַקטן און מיר וועלן פאַרשטיין דעם צושטאַנד פון פּוילישן יידנטום, און מיר וועלן דערפילן דעם טראַגעדיע־צער זיינעם.

„אין טויער פון הויז טוואַרדאַ 3 איז פּלוצים אַוועקגעפאַלן חלשות דער טרעגער ברוך שטיקגאָלד. דער דאָקטאָר פון דער אַרויסגערופענער „גיכער הילף" האָט פעסטגעשטעלט, אַז די סיבה פון שטיקגאָלד׳ס חלשות איז דערשעפּונג פון הונגער („היינט", 6טן אָקטאָבער 1932).

„דער 37יאָריקער אַרבעטסלאָזער מעכאַניק יעקב באָרנשטיין איז זונטיק ביי טאָג געפאַלן חלשות פון הונגער. מען האָט אים אָפּגעמונטערט און אָפּגעפירט אין 3טן קאָמיסאַריאַט" („פאָלקס־צייטונג", 4טן יולי 1932).

„אין אָפּטער גאַסט אין דער „גיכער הילף" איז דער אַרבעטסלאָזער הערמאַן זעלמאַנאָוויטש. מען געפינט אים גאַנץ אָפט אַ פאַרחלשטן פון הונגער אויף דער גאַס. זונטיק ביי טאָג איז זעלמאַנאָוויטש געפונען געוואָרן ליגן אַ פאַרחלשטער פון הונגער אויף קופּערניק־גאַס" („פאָלקס־צייטונג", 4טן יולי 1932).

אַזעלכע זאַכן טרעפן זיך אין וואַרשע און אין לאָדזש, אין ווילנע און אין לעמבערג און אין צענדליקער אַנדערע שטעט פון פּוילן יעדן טאָג. און אויף איינעם, וואָס פאַלט חלשות אין גאַס, זענען דאָך פאַראַן צענד־ליקער, וואָס זענען נישט וויניקער הונגעריק פונעם חלשות־געפאַלענעם, נאָר טראָגן דאָס גרינגער איבער; און ס׳זענען פאַראַן הונדערטער, וועלכע זענען אויף דריי פערטל הונגעריק, און טויזנטער און צענדליקער טויזנ־

טער, וועלכע דערעסן נישט, דארן צו, טרוקענען איין און וועלן אויפשטעלן א דור, וואָס וועט קוים ארבעטס־פעאיק זיין. דעם געפאלענעם אויפן גאס רעגיסטרירט מען און מען מערקט אים — די אין דער שטיל פאסטנדיקע, די אין דער היים דארנדיקע בלייבן נישט באמערקט, אָבער ס'איז גענוג זיך ארומצודרייען א שטיקל צייט אויף די יידישע גאסן פון ווארשע, כדי צו דערזען אין די בלייבע פנימער און אויסגעלאָשענע אויגן הונדערטער קאנדידאטן אויף פאלן חלשות פון הונגער, טויזנטער קאנדידאטן, וואָס לעכצן ממש נאָך א שטיקל ברויט.

פאר די לעצטע צוויי יאָר, וואָס איך בין נישט געווען אין ווארשע, האָט זיך דאָס פנים פון די יידישע גאסן שטארק געביטן — די מענטשן, אָפגעבליאקעוועטער, פארמרה־שחורהטער, אָפגעריסענער, מאָגערער, פארחלשטער. אָט דער דאָזיקער צושטאנד פון פארחלשטקייט איז געווים דאָס כאראקטעריסטישסטע פארן פוילישן יידנטום. ס'איז פארחלשט נישט נאָר אין פיזישן זין פון וואָרט, נאָר אויך אין גייסטיקן זין: פארלאָזן, אָן א טאטן און אָן א מאמען; אָן באוועגונגען, וואָס זאָלן פארכאפן די גרויסע מאסן און זיי געבן מוט און גלויבן אין א בעסערער צוקונפט; אָן צענטראלע גרויסע פירער, וואָס זאָלן זיין א טרייסט פאר די מאסן; אָן צענטראלע אינסטיטוציעס, וואָס זאָלן זיין פאָלקס־אדרעסן פאר די מאסן, וווהין מען ווענדט דאָס געשריי אין אָן עת צרה. דעזאָרגאניזירט, צעריסן און צעברעקלט, פארצווייפלט און פארחלשט. נאָר וועגן דער דאָזיקער טראגעדיע פון פוילישן יידנטום, וואָס איז ווירקלעך אָן א טאטן און אָן א מאמען, וועלן מיר שפּעטער נאָך רעדן. פריער ווילן מיר ברענגען נאָך פאקטן, וואָס ווייזן דעם צושטאנד פון פוילישן יידנטום.

מיר האָבן געזען, ווי מען פאלט אין גאס חלשות, א דערשיינונג, וועגן וועלכער מיר האָבן נישט געלייענט אין קיין ציימונג פון קיין שום פאָלק, כאָטש ס'זענען פאראן 30 מיליאָן ארבעטסלאָזע אין דער וועלט. און אויך די זעלבסטמאָרדן ביי די פוילישע יידן זענען אזעלכע אויסטערלישע, נישט־געוועגלעכע. אָט זענען עטלעכע ביישפילן.

„לעמבערג. אין היגן יידישן קווארטאל איז פאר כל נדרי געשען א שרעקלעכער פאל. די 50יאָריקע בערטא גרינבוים (רעיא 3) האָט פארנאכט זיך אָנגעטון, גענומען א מחזור, געזעגנט זיך מיט די בני בית, אָנגעוווינ־

טשן א גוט יאָר און דאן — אַנשטאָט צו גיין אין שול אריין — איז זי ארויס אויפן באלקאָן און זיך אראָפּגעוואָרפן. זי ליגט אין שפּיטאָל און קיין האָפענונג צו דערהאלטן זי ביים לעבן איז נישטאָ. די סיבה פון איר זעלבסטמאָרד איז די שווערע מאטעריעלע נויט, וואָס זי האָט איבערגעלעבט" („היינט", 12טן אָקטאָבער 1932).

א פרומע יידענע, מיטן מחזור אין די הענט, פאר כל נדרי — ווי פארסמט דארף זיין די אטמאָספער ארום און ארום, ווי קראנק מוז זיין די נשמה פון גאנצן פּוילישן יידנטום, ווי פארצווייפלט און פארחלשט מוז זיין די גאנצע סביבה, ווען אָט אַזאַ מענטש ווארפט זיך אין אזא מאָמענט פון באלקאָן.

און אָט זענען נאָך פאקטן.

„ווילנע. דאָ איז באגאנגען זעלבסטמאָרד דער יידישער געריכטס־אפּליקאנט שמואל קצב. די סיבה איז דאָס, וואָס קצב איז באזייטיקט געוואָרן פון געריכט אונטערן חשד פון אנטי־מלוכהשער טעטיקייט. ער איז געווען ארעסטירט. דער חשד האָט זיך ארויסגעוויזן אלס נישט ריכטיק. אין געריכט איז ער שוין אָבער נישט אָנגענומען געוואָרן („פרימאָרגן" 1932 נ. 258).

אלזאָ, א יונגער מאן, וואָס האָט געענדיקט יורידישן פאקולטעט, וואָס האָט זיך געגרייט ווערן אַן אדוואָקאט, ווערט פארדעכטיקט אין קאָמוניזם און ארעסטירט. דוכט זיך נישטאָ פון וואָס ארייננפאלן אין פארצווייפלונג. עס שטעלט זיך ארויס, אז דער חשד איז געווען אן אומזיסטער, אָבער דאָס איז אין פוילן — אפילו איין פּראָצענט חשד איז שוין גענוג אויף דיר אָפּשניידן דעם וועג צו א פרנסה, ריכטיקער אפילו גאָר אָן א חשד איז מען אויך גרייט אוועקלייגן בערג מיט שטיינער אויפן וועג פון א יידישן אינטעליגענט און שוין אוודאי און ווען ס'פאלט אויף דיר א פלעק פון פּאָליטישער אָפּאָזיציע. ווערט דער יונגערמאן דערווייטערט פון געריכט — מאכט ער שוין א סוף צו זיין לעבן! ווו זענען די יונגע כוחות, יונגע אמביציעס, יונגע עקשנות, יונגע האָפענונגען? ווו איז דער צולהכעיס־געפיל, וואָס שפּילט ביי יוגנט אזא גרויסע ראָלע? ווו איז שנאה און האס און צאָרן צום שונא, וואָס לייגט דיר שטיינער אויפן וועג? דאָס אלץ גיט דאָך געווענלעך א זין

און אָטעם דעם לעבן, שאַפט פליגל און ענערגיע און טרייבט ווי מיט בייטשן צו לעבן, אַרבעטן, ווירקן און קעמפן — אָבער ביים יידישן יונגנמאַן אין פוילן הערשט א מדבר אין דער נשמה; וויסט און פוסט איז אין זיין מוח און פאַרסמט און פאַרגיפטעט איז ער אינגאַנצן. אין א פאַרחלשטן נשמה־צושטאַנד שלעפּט ער זיך אַרום און שלעפּט דעם וואָגן און ביים ערשטן שווערן נסיון גיט ער גאָר אָפּ די קאַרטע דעם רבונו של עולם און אַנטלויפט פון דער וועלט.

כדי צו פאַרשטיין די פּסיכאָלאָגיע פונעם דאָזיקן יונגן יידישן זעלבסטמערדער, מוז מען זיך אַריינטראַכטן אין דער לאַגע פון יידישן אינטעליגענט אין פוילן און נישט נאָר פון אינטעליגענט, נאָר פון דער יידישער יוגנט בכלל.

אָט דערציילט א יידישער יונגערמאַן זיינע שבעה מדורי גיהנום, וואָס ער איז דורכגעגאַנגען גאָר אין אָנהייב, ביים מאַכן די ערשטע טריט אין לעבן. ער לערנט זיך אין א טעכנישער שול אין וואַרשע. פון די פוילישע קאָלעגן־סטודענטן, פאַרשטייט זיך, האָט ער גענוג צו ליידן — נישט נאָר ער ווערט באַיקאָטירט, נאָר ער ווערט פאַרפאָלגט מיט זידל־ווערטער און אַמאָל אויך מיט ערגערס. אָבער אויך פון די פּראָפעסאָרן קומט אים אָפּט אויס צו הערן, אז יידן דאַרפן האַנדלען און נישט לערנען טעכניק. ער בייסט די ציין, שלינגט אַראָפּ אַלע באַליידיקונגען און שטודירט. פאַרן ענדיקן מוז מען פּראַקטיצירן צוויי חדשים אין א פאַבריק; אַנדערש ווערט מען נישט צוגעלאָזן צום דיפּלאָם־עקזאַמען. האָט דער דירעקטאָר פאַרגעסן אינעם יידישן סטודענט און ער איז געבליבן אָן אָן אָרט, וווּ צו אַרבעטן. דער יידישער יונגערמאַן הייבט אָן אַרומלויפן פון דירעקטאָר צום פאַרוואַלטער און צוריק און דערשלאָגט זיך ענדלעך, אז דער דירעקטאָר קלינגט אָן אין דער מלוכהשער אויטאָמאָביל־פאַבריק און מען איז דאָרטן מסכים צולאָזן א פּראַקטיקאַנט. דער יידישער יונגערמאַן איז גליקלעך און מאָרגן פרי לויפט ער מיט שמחה אין דער פאַבריק. ער ווערט זייער פיין אויפגענומען און מען גיט אים אויספילן אַן אַנקעטע־בויגן. ער איז ערלעך און שרייבט זיין יידישן נאָמען און זיין יידישן גלויבן. דער סעקרעטאַר נעמט צו דעם בויגן, לייענט איבער — און גלייך בייט זיך די גאַנצע באַציאונג. דער סעקרעטאַר איז שוין קאַלט ווי אייז, ער דאַרף

נאָך רעדן מיטן דירעקטאָר פון פאַבריק, זאָל ער קומען מאָרגן. אויף מאָרגן לאָזט שוין דער שווייצאַר גאָר נישט אַריין. דער סטודענט לויפט צוריק אין טעכניקום, בעט, פאָדערט, טענהט — ענטפערט אים דער דירעקטאָר, אַז די פאַבריק וויל נישט קיין יידן און ער קאָן גאָר נישט העלפן; ער קאָן זיך נישט קריגן מיטן פאַבריק־דירעקטאָר צוליב אַ יידישן סטודענט. דער סטודענט קאָן דאָך אָבער אָן פּראַקטיקע נישט מאַכן דעם עקזאַמען. דורך פּראָטעקציעס דערשלאָגט זיך דער סטודענט, אַז מען לאָזט אים פּראַקטיצירן אין די שטאָטישע אויטאָבוס־וואַרשטאַטן און ער גיט אָפּ דעם עקזאַמען. צענדליקע פּוילישע סטודענטן, וואָס האָבן צוזאַמען מיטן יידן דעם עקזאַמען אָפּגעגעבן, האָבן באַלד באַקומען אַרבעט. דער ייד דרייט זיך אַרום מיטן דיפּלאָם און וווּ ער קלאַפּט אָן — אָן אָפּזאָג. נאָך אַ סך חדשים אַרומלויפן, דורך אַ סך פּראָטעקציעס און בקשות דערשלאָגט ער זיך, אַז מען נעמט אים צו אין די טראַמוויי־וואַרשטאַטן ווי אַ פּשוטן אַרבעטער. ער איז גרייט אויף אַלץ אַבי אַרבעטן, אַבי נישט אַרומגיין ליידיק, אַבי עפּעס אָנהייבן פאַרדינען. דאַרף מען האָבן אַ צייגניש פון אַ שטאָטישן דאָקטאָר, אַז מען איז געזונט. און דער שטאָטישער דאָקטאָר רעכנט אויס אין צייגניש אַ צעטל פון אַזעלכע קרענק, פון וועלכע דער יונגערמאַן האָט קיינמאָל נישט געהערט. דער געענדיקטער אינזשעניער איז ווידער אויפן גאַס, ווידער אָן אַרבעט, ווידער אָן אַ האָפענונג ווו ס'נישט איז זיך אָנצושפּאַרן. אין די אייגענע טראַמוויי־וואַרשטאַטן איז ער שפּעטער אָנגענומען געוואָרן אויף ציטוויליקע אַרבעט און פיזישער כוח האָט ביי אים געקלעקט — נאָר ווו נעמט מען מוט, כדי נישט פאַרלירן זיך, נישט פאַרלירן דעם גלויבן אין זיך און זיך נישט וואַרפן פונעם באַלקאָן פון פינפטן שטאָק?

מיר האָבן די דאָזיקע מעשה דערציילט גאַנץ אויספירלעך, מחמת זי איז טיפּיש, אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג; אָט אַזאַ איז דער גורל פון דער גאַנצער יידישער אינטעליגענץ אין פּוילן און נישט נאָר פון דער אינטעליגענץ.

אָט איז אַ פּעקל פאַקטן, וואָס שרייען ממש צום הימל:

אין ראָוונער מאַגיסטראַט האָט מען געקירצט די צאָל באַאַמטע. פון 20 יידישע באַאַמטע האָט מען אָפּגעזאָגט 14, אַלזאָ מער פון צוויי דריטל;

פון 192 נישט־יידישע האָט מען אָפּגעזאָגט 40, אַלזאָ נאָר א פינפטל; אין ראָוונע מאכן די יידן אוים די מערהייט — 75% — פון דער באַפעל־קערונג; צווישן די מאגיסטראט־באאמטע האָבן זיי פריער אויסגעמאכט נ יי ן פּראָצענט און נאָך דער רעדוקציע קוים פ י ר פּראָצענט.

אין אָטוואָצקער מאגיסטראט האָט מען אָפּגעזאָגט כמעט אַלע יידי־שע באאמטע, כאָטש מען האָט צוגענומען איייניקע נייע נישט־יידישע באאמטע.

אין גראָדנער מלוכהשער טאבאק־פאבריק, געוועזענער שערעשעוו־סקי־פאבריק, ווו הונדערטער יידן האָבן צענדליקער יאָרן זייער גאנץ גע־זונט אוועקגעלייגט, האָט מען שוין באלד אויסגערוויכערט אַלע יידן. נישט לאַנג האָט מען אָפּגעזאָגט 12 יידישע מעכאניקער, פון וועלכע עטלעכע האָבן געארבעט מער פון דרייסיק יאָר אין דער דאָזיקער פאבריק. נאָך א סך לויפענישן פון א פארטרעטער פון ביוראָ פאר רעכט אויף ארבעט, נאָך א סך בקשות און קלאָגן ביי דער דירעקציע האָט מען זיך דערשלאָגן, אז מען האָט א יי ן יידישן מעכאניקער — א 54יאָריקן ייד — צוריק צוגע־לאָזט אויף ארבעט, אָבער נאָר אויף ש וו א ר ץ ־ א ר ב ע ט און נישט לויט זיין פאך.

אז מיר האלטן שוין ביים טאבאק, איז כדאי צוצוגעבן פאָלגנדעס. איידער מען האָט איינגעפירט אין פוילן טאבאק־מאָנאָפּאָל, איז דער טאַ־באַק־האַנדל געווען כמעט אינגאנצן אין יידישע הענט. נאָר יידישע הורט־געשעפטן זענען געווען אכט הונדערט. מיטן איינפירן מאָנאָפּאָל האָט מען באדארפט באקומען קאָנצעסיעס אויף האנדלען מיט טאבאק. האָט מען יידן כמעט נישט געגעבן קיין קאָנצעסיעס — פון 800 יידישע הורט־טאָווניקעס זענען קוים געבליבן 30. נישט לאַנג האָט מען ביי די דרייסיק אויך צוגענומען די קאָנצעסיעס און אויף אזא אופן ארויסגעריסן ביי יידן א ווירטשאפטס־צווייג, וואָס איז פריער געווען אינגאנצן אין יידישע הענט: די טאבאק־פאבריקאנטן, די טאבאק־ארבעטער, די טאבאק־אָנגע־שטעלטע, די טאבאק־הענדלער, אַלע זענען געווען יידן. איצט איז כמעט ק יי ן ז כ ר נ י ש ט ג ע ב ל י ב ן — די מלוכה האָט איבערגענומען דעם גאנצן צווייג אין אירע הענט און פון דער מלוכה טאָרן יידן קיין הנאה נישט האָבן.

אָט דער פּרינציפּ, אַז יידן דאַרפן צאָלן דער מלוכה שטייערן, פאַר פּאַטענטן, אַנדערע פאַרשידענע אָפּצאָלונגען, אָבער זיי טאָרן נישט געניסן פון דער מלוכה, זיי טאָרן נישט נאָר נישט צוגעלאָזן ווערן צו דער פאַרוואַלטונג, צום באַאַמטן־אַפּאַראַט, וואָס פירט אָן מיט דער מלוכה, נאָר זיי טאָרן אויך נישט אַרבעטן אויף די מלוכהשע פאַבריקן, זיי טאָרן נישט קערן די שטאָטישע גאַסן, זיי טאָרן נישט זיין קיין טרעגער אויף די אייזנבאַנען — אָט דער דאָזיקער ה ו נ ג ע ר ־ פ ּ ר י נ צ י פ ּ לגבי דריי מיליאָן יידן ווערט דורכגעפירט קאָנסעקווענטער, גרויזאַמער, הונדערטפּראָצענטיקער, ווי יעדער אַנדערער מלוכה־פּרינציפּ. אין אַ סך פראַגן גייט מען אויף קאָמפּראָמיסן, אָבער נישט אין פּרט פון געבן יידן פּרנסה, נישט אין פּרט פון נאָכלאָזן דאָס שטריקל אויפן יידישן האַלדז, נישט אין פּרט פון לאָזן אויפקומען די קלענסטע האָפענונג אין הארץ פון יידן, אַז ער וועט אַמאָל ווערן גלייכבאַרעכטיקט.

ג ל ײ כ ב אַ ר ע כ ט י ק ט ע — די פּוילישע רעגירונג שלעפּט באַלד אַרויס די קאָנסטיטוציע און צעוויקלט זי פאַר דער גאַנצער וועלט און טייטלט אויף די פּסוקים, ווו ס׳שטייט קלאָר און פּשוט אָנגעשריבן, אַז אַלע בירגער זענען גלייך. און באמת — יידן זענען טאַקע בירגער, ווי אַלע בירגער, אָבער נישט אויף טראָגן פּעקלעך אויף די אייזנבאַנען, און נישט אויף אַרבעטן אין אַ מלוכהשער טאַבאַק־פאַבריק, און נישט ביים מעסטן און האַקן אַ מלוכהשן וואַלד, און נישט ביים פאַרקויפן מלוכהשן צוקער אָדער טאַבאַק, אָדער זאַלץ און נאַפט, און אַוודאי און אַוודאי נישט ביים איינמאָנען שטייערן ביי דער באַפעלקערונג, און אויך נישט ביים לערנען מיט קינדער, אפילו נישט ביים לערנען מיט יידישע קינדער אין מלוכהשע שולן. הכלל איין קלייניקייט האָט מען ביי יידן צוגענומען — פ ּ ר נ ס ה — און שווין שרייען זיי, און פאַלן חלשות אין די גאַסן, און וואַרפן זיך פון די העכסטע עטאַזשן פון זייערע הייזער, כדי אַלע ביינער זייערע זאָלן צעשאָטן ווערן, און פאַלן אַריין אין אַ מרה־שחורה, וואָס שרייט פון צענדליקער טויזנטער פּנימער אויף אַלע גאַסן פון אַלע שטעט פון אויפגעלעבטן פּוילן.

מעג די פּוילישע רעגירונג זיך באַרימען, אַז זי האָט אָפּגעשטעלט דעם גאַסן־אַנטיסעמיטיזם — מען רייסט מער נישט קיין בערד און פּאות

און מען וואַרפֿט נישט פֿון די וואַגאָנעס; נאָך איין גרויסן פֿאַרדינסט האָט די איצטיקע רעגירונג — א ייד קאָן זיך קלאָגן אין די צענדליקע קאָנצע־לאַריעס, מען הערט אים אויס, מען נעמט אים אויף גענוג העפֿלעך, אָנ־שטענדיק, מיט א מענטשלעכן „גוט מאָרגן" און מיט א זיסן „זיי געזונט", אָבער אין דעם שטעקט טאַקע דער צ י נ י ז ם פֿון איצטיקן רעזשים, וואָס ער פֿירט דעם יידן צו דער תּליה מיט א שמייכל און געלעכטערל אויפֿן פּנים, וואָס ער פֿאַרציט דעם שטריק אַרום האַלדז, מאַכנדיק בשעת מעשה א מינע, ווי ער וואָלט דעם יידן איינגעלאַדן צו א טאַנץ.

וואָרום וואָס קאָן זיין נאָך צינישער, ווען מען זאָגט אָפּ יידישע לערער פֿון שולן, ווי ס׳לערנען זיך אויסשליסלעך יידישע קינדער? און וואָס קאָן זיין צינישער און גרויזאַמער, ווען מען קלאָגט און מען באַדויערט כּלומרשט, וואָס יידן פֿאַרנעמען זיך צופֿיל מיט האַנדל, און בשעת מעשה שאַפֿט מען א גאַנצע נעץ געזעצן, וואָס דאַרפֿן דערשטיקן דעם יידישן האַנטווערקער און מען טוט אַלץ, אז ביי יידן זאָל נישט אויפֿקומען קיין יונגער דור בעלי־מלאכות? איין ביישפּיל: אין פּוילישן ביודזשעט איז באַשטימט אויף פּראָפֿעסיאָנעלער בילדונג העכער 20 מיליאָן זלאָטעס; פֿון דעם אויף יידישע פּראָפֿעסיאָנעלע שולן ווייניקער פֿון הונדערט טויזנט זלאָטעס, ו ו י י נ י ק ע ר פֿ ו ן א ה א ל ב ן פּ ר אָ צ ע נ ט, באָטש יידן מאַכן אויס העכער א העלפֿט פֿון אַלע האַנטווערקער אין פּוילן און כאָטש דער שטייער פֿון פּאַטענטן, וואָס גייט ספּעציעל אויף פּראָפֿע־סיאָנעלער בילדונג, גייט מינימום אויף א העלפֿט פֿון יידישע קעשענעס.

אַלע פּאַרטרעטער פֿון אויפֿגעלעבטן פּוילן אין די שטעט פֿון דער גרויסער וועלט שרייען, אז יידן האָבן לויט דער קאָנסטיטוציע אַלע רעכט — און זיי זאָגן נישט קיין ליגן!!! איינער א געניאַלער באָטשאַפֿטער פֿון נייעם פּוילן, וואָס האָט זיין זיץ אין לאָנדאָן, אין דער שטאָט, ווו יידן זענען באמת גלייכבאַרעכטיקט, האָט זיך אפֿילו דערלויבט א חוזק, אז די פּוילישע רעגירונג קאָן נישט דערלאָזן, די פּוילישע יידן זאָל גיין נאָך בעסער, וואָרום דעמאָלט וועלן זיך א לאָז טון קיין פּוילן יידן פֿון אַלע עקן וועלט.

יידן זענען אין פּוילן גלייכבאַרעכטיקט — א הייליקער אמת, וואָס שטייט אין דער הייליקער קאָנסטיטוציע, אָנגענומען אין א הייליקן מאָ־

מענט פון לעבן פון פוילישן פאלק, אין מאמענט פון באפרייאונג פון יאך, וואס האט 150 יאר געדריקט דאס פוילישע פאלק. און אט זענען געגאנגען צו די עקזאמענעס אויפן מעדיצינישן פאקולטעט 350 יידן און 150 קריסטן. האבן פון 150 קריסטן אויסגעהאלטן 100 — צוויי דריטל; און פון 350 יידן האבן אויסגעהאלטן 20 — ווייניקער פון זעקס פראצענט. און אין דענטיסטן־אינסטיטוט זענען געגאנגען צום עקזאמען 350 יידן און 200 קריסטן. האבן פון די 200 קריסטן אויסגעהאלטן 96 — קרוב צו א העלפט; און פון די 350 יידן גאנצע 18 — קרוב פינף פראצענט.

מען קאן, פארשטייט זיך, נישט מאכן דערפאר שולדיק די פוילישע רעגירונג — יידן האבן דאך אלע רעכט; אי זיי האבן גראבע קעפ און פאלן דורך ביי די עקזאמענעס, זענען זיי דאך אליין שולדיק...

און צו דעם אלעם, אז איר וועט נאך צוגעבן פאלגנדיקן בריוו פון א יידישן סטודענט, וועט אייך ווערן איינגאנצן קלאר, פאר וואס פוילישע יידן זענען אזוי געפאלן, אזוי דערשלאגן, אזוי פארחלשט:

„מיט עטלעכע טעג צוריק, ווען איך בין געגאנגען אין גאס מיט א פרוי, האט מען מיר אראפגעוואָרפן דאס סטודענטישע היטל אין בלאָטע אריין און מען האט מיך שענדלעך אויסגעפאטשט — פאר גארנישט, אייגנטלעך דערפאר, וואס כ׳בין א ייד. איך בין שוין אלט בערך 30 יאר, אבער דאס ערשטע מאל האב איך אין יענעם אומפארגעסלעכן אָוונט דערפילט, אז איך בין א ייד, א ייד, וואס האט פיינט פוילן און פוילישקייט, א חיה, וואס וויל נקמה נעמען".

דער דאָזיקער בריוו איז געווען געדרוקט אין א פוילישן וואכנבלאט. דער אויטאר פונעם בריוו דערציילט ווייטער, אז נאך אלס יינגל איז ער געווען א פרייוויליקער אין דער פוילישער ארמיי, האט אין 1920טן יאר זיך געשלאגן מיט די באלשעוויקעס פאר זיין פויליש פאטערלאנד, איז געווען א הייסער פוילישער פאטריאט, ווייל ער איז דערצויגן געוואָרן אין אן אבסאלוט אסימילירטער פאמיליע, וווּ מען האט אים נישט געוויזן אפילו קיין צורת אות פון יידישן אלף־בית. און ווי אויף צולהכעיס האט דער דאָזיקער פוילישער פאטריאט א מיאוסע יידישע נאז, ווי ער אליין

דריקט זיך אויס, און אויף די גאסן פון דער הויפטשטאָט פון באפרייטן פוילן האָט מען אים דערמאָנט, אז ער איז אברהם אבינוס אן אייניקל.

און וויפל אזעלכע פוילישע פאטריאָטן מיט מיאוסע יידישע נעזער האָט מען די לעצטע יאָרן אין די אוניווערסיטעטן פון באפרייטן פוילן דערמאָנט, מיט שטעקנס און מיט מעסערס דערמאָנט, אז זיי זענען יידן! און דאָ זענען מיר צוגעקומען צו די לעמבערגער געשעענישן.

וואָס איז צו לערנען פון די דאָזיקע געשעענישן?

ראשית, אז די ברייטע מאסן פון פוילישן פאָלק, שוין אָפּגערעדט פון די ארבעטער, בלייבן פונדעסטוועגן קאַלט צו פּאָגראָם־רופן. איז גע־ווים א גרויסע טרייסט, א גרויסע נחמה. איך וויל זיך נישט נארן; איך ווייס זייער גוט, ווי טיף ס'זיצט אין די פוילישע מאסן דער אנטיסעמי־טישער גיפט, און ס'איז נישט צו מוחל זיין די פוילישע סאָציאַליסטן, וואָס זיי טוען גאָר נישט אויף אויפקלערן די מאסן, אויף אויסוואָרצלען דעם אנטיסעמיטישן סם. פארקערט נאָך, מיט זייער טאקטיק פון האלטן זיך פון דער ווייטנס פון דער יידישער ארבעטער־באוועגונג; מיט זייער מורא אָפן און אָפּטער ארויסטרעטן פאר אמתער און ערלעכער גלייכבא־רעכטיקונג פון די יידן שטארקן זיי אליין דעם אנטיסעמיטיזם אין די אר־בעטער־מאסן, לאָזן זיי וואקסן יענע שלאנג, וואָס וועט אמאָל מיט איר גיפט באדאנקען די פוילישע סאָציאַליסטן פאר זייערע זינד. אָבער דער פאקט איז א פאקט — אי פאראיאָרן, אי היינטיקס יאָר, ווען די כוליגאַ־נישע אקאדעמיקער, בנים פון פּריצים און פאבריקאנטן, פון גלחים און הויכע באאמטע, זענען ארומגעלאָפן מיט שטעקנס און מעסערס און גע־זוכט יידישע קעפּ אויף שפּאלטן און גערופן די מאסן זיך נוקם צו זיין אין יידן, זענען די הונגעריקע און פארצווייפלטע מאסן געבליבן רואיק און נישט צוגעלייגט זייער האנט צו דער כוליגאניש־פאטריאָטישער אר־בעט. דאָס באווייזט, אז די פוילישע מאסן שטייען פּאָליטיש א סך הע־כער, ווי אין אוקראינע און ווייס־רוסלאנד, ווו אויף ראבעווען און שלאָגן יידן האָבן זיך תמיד געפונען גענוג בעלנים.

צווייטנס, לערנען אונדז די לעצטע לעמבערגער געשעענישן, אז די מאכט האָט געוואָלט, בפירוש געוואָלט א יידישן פּאָגראָם. זייער ריכטיק האָט דער „פאָרווערטס" געשריבן נאָך אין די טעג פון פּאָ־

גראַם, אַז וואָלטן די קאָמוניסטן געפּרוּווט נאָר מאַכן אַ דעמאָנסטראַציע, וואָלטן די אוקראַאינער געהאַט די עצה נאָר דורכטראָגן עטלעכע נאַציאָנאַלע פֿאָנען איבער די גאַסן פֿון לעמבערג — און די לעמבערגער פּאָליציי וואָלט געווען גענוג שטאַרק און גענוג אַנטשלאָסן אויף באַלד צו ליקווידירן אַזעלכע אַנטי־פּאַטריאָטישע אַרויסטרעטונגען. ווייזט אויס, אַז שלאָגן עטלעכע הונדערט ייִדן איז נישט אַזאַ אַנטי־פּאַטריאָטישע אַרויסטרעטונג, אַז מען זאָל דאַרפֿן באַלד מאָביליזירן אַלע פּאָליציי־כּוחות; לעבער אין קעפּ פֿון עטלעכע הונדערט ייִדן זענען נישט אַזאַ סכּנה פֿאַרן פֿאָטערלאַנד, אַז מען זאָל זיך כאַפּן שיסן אָדער כאָטש אָפּגיסן מיט קאַלטע וואַסער פֿון די פֿייערלעש־קישקעס די מעסער־ און שטעקנס־פּאַטריאָטן. וואָרום אַלע אין לעמבערג גלייבן, אַז ס׳וואָלט געווען גענוג אַרויסשיקן די פֿייער־לעשער און לאָזן אין די עטלעכע הונדערט כוליגאַנעס־סטודענטן אַ גוטן שטראָם קאַלטע וואַסער, און די פּאָגראָם־שׂרפֿה וואָלט געווען פֿאַרלאָשן. ייִדישע דעפּוטאַציעס זענען געלאָפֿן דריי מאָל אַ טאָג צום וואָיעוואָדע, האָבן אים דערציילט שרעקלעכע זאַכן, געבראַכט פֿאַקטן פֿון הונדערטער פֿאַרוואונדעטע ייִדן — און דער באַלעבאָס פֿון שטאָט איז געבליבן קאַלט, האָט אַלע מאָל אונטערגעשטראָכן, אַז דאָך ליגט טויט אַ פּאָליאַק און דעריבער, דעריבער — דער אויספֿיר איז געווען קלאָר: מען מוז לאָזן די פּריצישע און גלחישע בנים נעמען נקמה פֿאַר זייער קאָלעגע, וואָס איז דערהרגעט געוואָרן אין אַ געשלעג פֿאַר אַ פּראָסטיטוטקע; מען מוז זיי לאָזן זיך אָנהוליען און זיך אָנזעטיקן מיט ייִדישן בלוט. פֿאַר וואָס מוז מען דאָס? דערויף זענען פֿאַראַן פֿאַרשידענע פּירושים. אייניקע זאָגן, אַז אַפֿילו אין די וואַרשעווער הויכע ספֿערן האָט מען געהאַלטן, אַז מען מוז לאָזן די סטודענטן אָפּקילן זייערע געבליטן, כּדי עס זאָל בלייבן ווייניקער היץ אויף צו קעמפֿן קעגן דער רעגירונג; אַנדערע מיינען, אַז דער וואָיעוואָדע איז פּערזענלעך אַזוי געקניפּט און געבונדן מיט די אַלע כוליגאַנישע סטודענטן און מיט זייערע פֿאַמיליעס, אַז ס׳וואָלט אים אויסגעקומען אַרויסטרעטן קעגן גאָר, גאָר אייגענע מענטשן און דעריבער איז ער געווען אַזוי ווייך און סטודענטן־פֿריינטלעך.

נאָר ווי די מעשׂה זאָל נישט זיין — אין אויפֿגעלעבטן באַפֿרייטן

פוילן קומען פאַר פּאָגראָמען, נישט אַזעלכע, ווי אין צאַרישן רוסלאַנד, אָבער דאָך פּאָגראָמען מיט הונדערטער פאַרוווּנדעטע.

און וואָס האָבן יידן געטון? אויך אין דעם פּרט איז דאָ אַ נחמה: אין יידישן קוואַרטאַל פון לעמבערג איז געווען רואיק! פאַר וואָס? ווייל די פּריצישע בנימלעך האָבן פּשוט מורא געהאַט גיין אין יידישן קוואַרטאַל, ווּ די יידישע טרעגער, קצבים און סתם יידישע אַרבעטער וואָלטן זיי אַריינגעלייגט, אַז ס'וואָלט זיך זיי איבערגעגלוסט. אַ גרויסע נחמה! אַ טרייסט, וואָס פרישט אַזוי אָפּ, וואָס מאַכט גיכער לויפן דאָס בלוט אין אונדזערע אָדערן און פילט אָן דאָס האַרץ מיט אומבאַשרייבלעכער פרייד. די גרעסטע צאָל קרבנות זענען געווען אין די גאַסן, ווּ יידן זענען אַ מינדערהייט, ווּ יידן זענען געטראָפן געוואָרן איינצלנע און צעשלאָגן געוואָרן.

איז די מורא פון די געבילדעטע כוליגאַנעס פאַר די יידישע טרעגער און קצבים געווים אַ גרויסע טרייסט. אָבער אין וואָס האָט זיך אויסגעדרוקט דער אָ ר ג אַ נ י ז י ר ט ע ר ווילן פון דער יידישער באַפעלקערונג? דער אָ ר ג אַ נ י ז י ר ט ע ר פּראָטעסט? דער אָ ר ג אַ נ י ז י ר ט ע ר קאַמף קעגן די כוליגאַנעס? א י ן ג אָ ר נ י ט! לחלוטין אין גאָר נישט! אויב נישט רעכענען די דעפּוטאַציעס, וואָס זענען געלאָפן עטלעכע מאָל אין טאָג צום וואָיעוואָדע. זענען מיר געוווינט געוואָרן אויך אין אַמאָליקן צאַרישן רוסלאַנד, אַז יידישע באַלעבאַטישע דעפּוטאַציעס פלעגן לויפן צו די גובערנאַטאָרן און בעטן רחמים און פאָדערן יושר. אָבער פאַראַלעל מיט די דאָזיקע רחמים־בעטער און יושר־פאָדערער פלעגן זיין אַנדערע קרעפטן, אַנדערע כוחות, וואָס האָבן גערעדט מיט אַ מער ווירדיקן לשון, מיט אַ שפּראַך פון רעוואָלווערן און באָמבעס. דער תירוץ, אַז די זעלבסט־שוץ וואָלט געווען נאָך מער אויפגערייצט די נישט־יידישע באַפעלקערונג; אַז אַ יידישע זעלבסט־שוץ וואָלט דער מאַכט געווען געהאָלפן איבערדרייען דעם גאַנצן פּאָגראָם אין אַן אַנטי־קריסטלעכן פּאָגראָם מצד יידן — די דאָזיקע ביידע תירוצים האָט מען תמיד געהערט אויך אין רוסלאַנד. און די טענות זענען אפשר ריכטיקע, אפשר אמתע — אַ יידישע זעלבסט־שוץ ברענגט אפשר צו מער יידישע קרבנות, ווי באַהאַלטן זיך אין די קעלערס און פאַרשטעקן זיך אויף די בוידעמערס; יידישע רעוואָלווערן קאָסטן אונדז געווים טייער, זייער טייער — און דאָך האָט מען

זיך נישט אָפּגעזאָגט פון די דאָזיקע קרבנות! ווייל מען האָט געפילט און פאַרשטאַנען, אַז די דאָזיקע קרבנות זענען באַלזאַם פאַר דער יידישער נשמה, זענען דער איינציקער מענטשלעך ווירדיקער און נאַציאָנאַל־דער־לאָזבאַרער ענטפער אויף פּאָגראָמען!

די זעלבסט־שוץ פלעג סטיכיש אויסוואַקסן; פלעג נישט זיין אַ רעזולטאַט פון קאַלטע חשבונות און ניכטערע אויסרעכענונגען, נאָר אַ סטיכישער אויפרייס פון די מאַסן, וועלכן די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען פלעגן אָרגאַניזירן און אָנפירן מיט אים. איצט פעלן ביידע פאַקטאָרן.

ווייל דאָס פוילישע יידנטום איז פאַרחלשט, דערשלאָגן, פאַרצווייפלט, דעזאָרגאַניזירט און צעבראָכן. געוויס דאַרף מען מאַכן אַ חילוק צווישן דעם יידישן אַרבעטער־קלאַס און יידישן בירגערטום — ביים ערשטן טליעט נאָך אַ פונק, צאַנקט נאָך דאָס ליכטל, אָבער די אַלגעמיינע פאַר־צווייפלונג און דערשלאָגנקייט לעשען אויך דעם דאָזיקן פונק, שטיקן אויך דעם אַרבעטער־מוט.

דאָס בילד האָט זיך באַקומען זייער אַ שוואַרץ, זייער אַ טרייסטלאָז, זייער אַ האָפענונגסלאָז, אָבער איין גאָט ווייסט דעם אמת, אַז נישט איך בין שולדיק — דער שפּיגל קאָן נאָר ווייזן דאָס, וואָס מען שטעלט אַנט־קעגן אים אַוועק. און טראַכט מען זיך נאָך אַריין אין דער פּאָליטישער שרפה, מיט וועלכער אַ גרויסער טייל פון פוילישן יידנטום איז אַרומ־גערינגלט, מוז ווערן נאָך טרויעריקער אויפן האַרצן. מיר מיינען די שרפה, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט מזרח־גאַליציע, וואָלין און מינסקער־ווילנער ראַ־יאָן. יאָ, דאָרטן איז אַן אמתע שרפה און מעג מען שיטן נאָך מער הונ־דערטער פּויערים, מעג מען פאַרניכטן נאָך מער צענדליקע דערפער — דערמיט וועט מען די נאַציאָנאַלע שרפה פון די אוקראַינער און וייס־רוסן נישט פאַרלעשן. דערמיט צעבלאָזט מען נאָך מער דאָס פייער און ס׳וועט מוזן קומען אַ מאָמענט, ווען דער קאַמף וועט אָננעמען די פאָרמען פון אַן אָפענער מלחמה און פון אָפענע אויפשטאַנדן. וועלן זיך גיסן טייכן בלוט פון פּאָליאַקן, אוקראַינער, ווייסרוסן און רוסן און אַלע וועלן וויסן פאַר וואָס און צוליב וואָס. ס׳איז אָבער אויך געוויס, אַז יידיש בלוט וועט זיך גיסן מער פון אַלעמענס, כאָטש קיינער וועט נישט וויסן פאַר וואָס

און צוליב וואָס. יידיש בלוט וועט פארגאָסן ווערן פון אלע צדדים, ווייל מיט יידן איז קיינער נישט און קעגן יידן זענען אלע.

איך קאָן זיך דאָ נישט אָפּשטעלן אויף דעם נאַציאָנאַלן פּלאָנטער, וואָס האָט זיך געשאפן אויף די דערמאָנטע נאציאָנאלע גרעניצן — איך מוז נאָר זאָגן, אז ס'איז א טראגישע איראָניע פון שיקזאל, וואָס יידן, די פארלאָזנסטע שטיף־קינדער פון דער נייער פּוילישער מלוכה, די שטיף־קינדער, וואָס ווערן געשמיסן מיט אלע בייטשן פונעם אויפגעלעבטן פּוילן, אָט די דאָזיקע פארפאָלגטע און געפּלאָגטע שטיף־קינדער זענען די טרעגער פון דער פּוילישער קולטור אין די אוקראַינישע און ווייסרוסישע געגענטן; גראָבן אליין פאר זיך א גרוב, צעבלאָזן אליין א שנאה קעגן זיך, וואָס אירע רעזולטאטן מוזן זיין פאטאלע, מוזן זיין גרוויזאם־בלוטיקע.

און אויב אין די פּוילישע געגענטן זענען יידן איזאָלירט פון דער פּוילישער געזעלשאפט אין אלע אירע שיכטן און שטרעמונגען; אויב דאָרטן איז נישטאָ קיין איין פּוילישע פּארטיי, קיין איין פּאָליטישע שטרע־מונג, וואָס זאָל שטיין אין אן ענגן קאָנטאקט מיט א וועלכן ס'נישט איז קלאס פון יידישן פאָלק, און יידן פילן זיך פאריתומט און פאראיינזאמט, איז אין די אוקראַינישע און ווייסרוסישע געגענטן זענען יידן ארומגע־רינגלט מיט אויפגערייצטע מאסן, וואָס וועלן סוף כל סוף ארויס פון די שטייגן און וועלן זיך אָפּרעכענען מיט זייערע פּלאָגער און פארפאָלגער, מיט מאסן, וואָס באטראכטן יידן, ווי שליחים און אגענטן פון די דאָזיקע פּלאָגער און פארפאָלגער.

אָט אין וואָסער אטמאָספער ס'לעבט דאָס דריי־מיליאָניקע פּוי־לישע יידנטום! אָט ווי טראגיש ס'איז זיין לאגע אין דער ארומיקער וועלט און ווי פארצווייפלט זיין פּסיכישער צושטאנד איז! און דעריבער איז קיין חידוש נישט, וואָס מען גייט ארום איבער די הויפן און מען שרייט:

איך האָב נישט קיין מאמען!
איך האָב נישט קיין טאַטן!
איך בין הונגעריק!
איך בין באָרוויס!

IV

אַ פֿאַרפֿלייצונג פֿון וועקסעלעך

אַ פּאָר שעה נאָך מיין קומען קיין וואַרשע בין איך אַריין אין אַ קאַפֿע אָפּעסן. דאָ איז מיין ערשטע באַגעגעניש געווען מיט צוויי „שדכנים" פֿון אַ גאָר נייעם סאָרט, וועלכע האָבן מיך גלייך אַריינגעוואָרפֿן אין דער גערדיקטער, מרה־שחורהדיקער שטימונג, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט אַלע פּוילישע יידן.

דאָס זענען געווען צוויי יידן פֿון קיעוו. אַמאָל זענען ביידע געווען גאַנץ רייך. זיי זענען רואינירט געוואָרן אַ ביסל פֿון די פּאָגראָמען און אַ סך פֿון די באָלשעוויקעס. אין יאָר 1920 זענען זיי אַנטלאָפֿן פֿון רוסלאַנד נאַקעט און באָרוועס. איינער פֿון זיי האָט אויפֿן וועג פֿאַרלוירן זיין פֿרוי, וועלכע האָט נישט אויסגעהאַלטן די פּיין און ליידן פֿון גנבענען די גרענעץ און האָט געמאַכט אַ סוף צו איר לעבן, שוין זייענדיק אויף ד ע ר זייט גרענעץ.

מיין באַקאַנטשאַפֿט מיט די דאָזיקע יידן איז פֿאָרגעקומען אין צייט פֿון די פּאָגראָמען אין קיעוו, ווען מיר האָבן צוזאַמען „דעזשורעט", דאָס הייסט, געזעסן גאַנצע נעכט און געוואַרט אויף די פּאָגראָמשטשיקעס, כּדי אויפֿצוהייבן אַ גוואַלד איבער גאַנץ קיעוו, אויפֿוועקן די יידן און אָנוואַרפֿן אַ שרעק אויף די פּאָגראָמשטשיקעס. אַזאַ באַקאַנטשאַפֿט מאַכט מענטשן אַפֿילו פֿון זייער פֿאַרשידענע קלאַסן אָדער לאַגערן גאַנץ נאָענט. עפּעס טראָגן זיי אין זייערע נשמות אַ געמיינזאַמען סוד, וועלכער פֿאַרבינדט זיי אויף אייביק. און איך האָב מיך באמת דערפֿרייט מיט מיינע אַלטע באַקאַנטע.

איין קוק אויף זיי איז געווען גענוג, אַז מ'זאָל דערזען צוויי גאַנץ רואינירטע מענטשן, פֿאַרלוירענע, דערשלאָגענע, האָפֿנונגסלאָזע, קאַנדידאַטן אויף וואַרפֿן זיך פֿון פֿינפֿטן שטאָק, וואָס הייבט אָן ווידער אַריינ־

גיין אין מאָדע אין וואַרשע, ווי צוריק מיט א פּאָר יאָר. זיי האָבן שוין דורכגעמאַכט פאַר די 9 יאָר נע־ונד נישט איין גלגול: געהאַנדלט מיט וואַלוטע, מיט מאַנופאַקטור, געמעקלערט וווינונגען, געפּרוווט זיך שטעלן אויפן מאַרק מיט א ביסל סחורה און די לעצטע צייט זענען זיי וועקסל־„שרכנים".

אין פּוילן צאָלט מען פאַר אַלץ און אַלעמען מיט וועקסלען, אפילו דעם דאָקטאָר און דענטיסט, וועלכע דיסקאָנטירן נאָכדעם די וועקסלען אויף דער גאַס. אכציק פּראָצענט יידישע אַרבעטער באַקומען אויסגעצאָלט מיט וועקסעלעך. איך זאָג „יידישע", ווייל די גויים מיט זייערע געזונטע גויאישע קעפּ פאַרשטייען נישט אַזעלכע קאָמבינאַציעס, ווי א וועקסעלע אויף 20 זלאָטעס (צוויי דאָלאַר מיט א פערטל), מיט וועלכע מ'דאַרף גיין אויף דער בערזע און עס פאַרקויפן פאַר 17 זלאָטעס, אָדער גאָר פאַר 15.

פון דער צווייטער זייט האָט מען מיר נאָך מיט א פּאָר יאָר צוריק אין ביאַליסטאָק דערקלערט, אז די יידישע פאַבריקאַנטן האָבן איבערגע־לעבט דעם קריזיס פון 1924 און 1925 יאָר א דאַנק די קליינע וועקסעלעך, מיט וועלכע זיי האָבן געצאָלט זייערע אַרבעטער און האָבן דערמיט אריינ־געצויגן אין אומלויף א קאַפּיטאַל, וועלכן זיי וואָלטן אַזוי בשום אופן נישט געקאָנט באַקומען. די דייטשע פאַבריקאַנטן האָבן זיך נישט געלאָזט אויף אַזעלכע שפּיצלעך און האָבן א ל ע ב י ז א י י נ ע ם פאַרמאַכט זייערע פאַבריקן. בשעת איך בין געווען מיט א פּאָר יאָר צוריק אין ביאַליסטאָק, זענען אַלע טעקסטיל־פאַבריקן געווען אין יידישע הענט.

מיט וואָס דערקלערט זיך אַזא דערשיינונג, וואָס זעט אויס מסתמא אין די אויגן פון די לעזער ווילד און אומפאַרשטענדלעך?

אין פּוילן איז נישטאָ קיין קאַפּיטאַל אויף פירן די געשעפטן. אויף א באַפעלקערונג פון 30 מיליאָן נפשות זענען סך־הכל פאַראַן אַנדערהאַלב מיליאַרד זלאָטעס, בעת דער מלוכה ביודזשעט באַטרעפט 3 מיליאַרד זלאָ־טעס. קיין הלוואות פון אויסלאַנד קומען נישט אריין. די פּראָדוקציע פון לאַנד איז א קליינע, זעקס מאָל ווייניקער ווי אין דייטשלאַנד, בעת די באַפעלקערונג פון פּוילן איז נאָר צוויי מאָל קלענער. יעדער זלאָטע גייט דורך א סך הענט, און דעריבער צאָלט מען דאָ אַזעלכע משוגענע פּראָ־צענטן, ווי 25 און 30 א יאָר. אפילו גרויסע פירמעס זענען אָפט געצוווּנ־

גען צו דיסקאָנטירן וועקסלען אויף דער פּריוואַטער בערזע און צאָלן אַזעלכע הויכע פּראָצענטן.

דאָס וועקסלען, וואָס יידן האָבן אַזוי שטאַרק אויסגענוצט און עס אַזוי אָפט איבערגעוואָרפן פון איינע הענט אין די אַנדערע, איז געוואָרן אַ מין צווייטע וואַלוטע אין לאַנד. אַ צוגאָב צו דער זלאָטע. מען האָט עס אָבער דערפירט ביז צו דער קרענקלעכסטער און קאָמישסטער פאָרם, ווי צאָלן דעם לערער, דער דינסטמיידל און דעם דאָקטאָר מיט וועקסלען. דער האַנדל מיט וועקסלען איז געוואָרן אַזוי פאַרשפּרייט און האָט אַרומגעכאַפּט אַזאַ גרויסן טייל פון דער באַפעלקערונג, אַז אַרום דעם מסחר איז אויסגעוואַקסן אַ גרויסער קלאַס באַשעפטיקטע. דאָס זענען דיסקאָנטערן, מענטשן, וואָס האָבן אַ ביסל געלט און קאָנען אויסצאָלן פאַרן וועקסלען, אָדער זענען אַזעלכע בטוחים, אַז זיי קאָנען עס פאַרלייגן אין אַ באַנק. עס זענען אויך פאַראַן „שדכנים", אָדער מעקלער, ווי מען רופט אין פאַרשידענע שטעט די, וואָס פירן צונויף אַ וואַנט מיט אַ וואַנט, אָדער אַן אָפּזעצער פון אַ וועקסל און אַ קויפער פון וועקסלען.

אין די קליינע שטעטלעך האָבן די „אַמעריקאַנער", די וואָס באַקומען מאָנאַטלעך 10—15 דאָלער פון זייערע קרובים, געמאַכט זיך אַ פּרנסה פון קויפן וועקסלען. קליין און גרויס האָבן געשריבן וועקסלען. און זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז ביי אַזאַ סיסטעם פון האַנדלען קאָן דאָס קלענסטע ווינטעלע אַ שאָקל טון די גאַנצע געביידע. אַ נייע גזירה, וואָס רואינירט אַ ווירטשאַפטס־צווייג און טויזנטער יידן זעצן אָן; אַ גרויסע בלאָטע אין די אָסיען־חדשים און אַ קליינער פּדיון אין די שטעטלעך, וואָס רופט אַרויס אַ גרעסערע צאָל פּראָטעסטן; דער קלענסטער וואַקל אויפן אויסלענדישן תבואה־מאַרק — הכלל, דער קלענסטער ריר אין דער אָדער יענער וואַנט פון דער פּוילישער עקאָנאָמישער געביידע גיט אַזאַ שטאַרקן טרייסל דעם גאַנצן בנין, אַז אַלע ווענט הייבן אָן צו קנאַקן און ציטערן, און אין לאַנד הייבן אָן געשוואָלן ווערן די פּאָרטפעלן מיט פּראָטעסטירטע וועקסלען, און דער קריזיס איז דאָ.

כדי ס'זאָל זיין נאָך קלאָרער דער פאַפּירענער וועקסל־בנין און זיין ראָלע אין דעם יידישן לעבן, מוז מען צוגעבן, אַז אַמשטאַרקסטן איז דער וועקסל־פּדיון אַנטוויקלט אין די פאַכן, וואָס ליגן כמעט אינגאַנצן אין

יידישע הענט און אין וועלכע דער דאָזיקער מין האנדל איז שוין פאַר דער מלחמה געווען שטאַרק פאַרשפּרייט. איז דאָך שוין פאַר דער מלחמה געווען א כּלל, אַז קיין מאַנופאַקטור־קרעמער שטאַרבט נישט, ביז ער זעצט נישט אָן א פּאָר מאָל. און דער גאַנצער לאָדזשער מאַנופאַקטור־האנדל, וואָס ליגט אויף 90 אָדער נאָך מער פּראָצענט אין יידישע הענט, האָט צו טון נאָר מיט וועקסלען. דער פאַבריקאַנט באָרגט דעם גרויסן סוחר, דער לעצטער — דעם מיטעלן הורטאָווניק, דער הורטאָווניק באָרגט דעם קרע־מער מערסטנטייל פאַרקויפן, באַזונדערס דעם דאָרפישן פּויער, פאַר מזומן. די לעצטע צייט אָבער האָט מען אויך דעם קאָנסומענט אויסגעלערנט שרייבן וועקסלעך. און דער באָרג מיט וועקסלעך האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן.

לאָדזש האָט דערהערט, אַז עס איז פאַראַן אַן אַמעריקאַנער סיס־טעם, וואָס באַשטייט אין געבן אויף ראַטעס און אויף אַזאַ אַרט לייכטער מאַכן דעם קאָנסומענט איינצוקויפן אַזעלכע זאַכן, וועלכע ער קאָן נישט איינקויפן מיט אַמאָל פאַר קאַסע. און עס איז אַוועק א גאַנג אָנוואַרפן סחורה דעם קאָנסומענט. עס איז געגנוג צו זיין א קליין שטיקל צייט אין פּוילן, כּדי באַלד צו דערפילן, אַז פאַר דער קליינער פּוילישער מלוכה איז פאַראַן צופיל יידישע ענערגיע, צופיל יידישע אונטערנעמערישע קראַפט. אַמאָל האָט די דאָזיקע ענערגיע געהאַט אַן אויסוועג: דורך דעם ברייטן און ווייטן רוסלאַנד און אויך דורך עמיגראַציע קיין אַמעריקע. היינט איז זי ווי אין א שטייג איינגעשפּאַרט, פאַרזאַמלט, קאָנצענטרירט אין א באַ־גרענעצטער צאָל בראַנזשעס, וואָס ליגן אין יידישע הענט. און די יידישע ענערגיע האָט גענומען באַאַרבעטן דעם אינעווייניקסטן מאַרק, אים צווינגען צו פאַרברויכן אַזוי פיל סחורה וויפל לאָדזש קאָן פּראָדוצירן, שאַפן א קינסטלעכע קויף־קראַפט ביי דער באַפעלקערונג.

לאָדזש האָט טאַקע גוט געאַרבעט א פּאָר יאָר, נאָר זי האָט באַקומען פאַר דער סחורה גראָבע פּאָרטפעלן מיט וועקסלען, אויף וועלכע ס׳זענען געווען צענדליקער טויזנטער אונטערשריפטן. פאַר אַרבעט קאָן מען צאָלן מיט וועקסלען די יידישע אַרבעטער, אָבער נישט קיין קריסטלעכע. חוץ דעם מוז מען קויפן רוישטאָף אין אויסלאַנד, און פאַר דעם מוז מען אויך צאָלן מיט מזומן געלט. האָט געמוזט קומען א קריזיס, אָבער ביי נאָרמאַלע צייטן וואָלט ער נישט געווען אַזוי שרעקלעך.

האָט אָבער געטראָפן אַן אומגליק, וואָס האָט געמאַכט דעם קריזיס אַלגעמיין מיט אַמאָל אין אַלע בראַנזשעס און דער עיקר אין די בראַנזשעס, אין וועלכע ייִדן זענען מער פאַרטראָטן. דער פּרייז אויף תבואה איז אַזוי שטאַרק געפאַלן, אַז דער פּויער באַקומט פאַר זיין ברויט אַ העלפט פון דעם, וואָס ער פלעגט קריגן פאַראַיאָרן. עס איז דווקא אין פּוילן געווען זייער אַ גוטע געראָטענישׂ היינטיקס יאָר, נאָר די נידעריקע פּרייזן אויף ברויט אויפן אויסלענדישן מאַרק האָבן געבראַכט דערצו, אַז דער פּויער האָט קוים צו דעקן די נויטיקע אויסגאַבן אויף צו פירן ווייטער זיין ווירטשאַפט.

האָט דער פּויער קיין געלט נישט, דערפילט דאָס באַלד דער קליינשטעטלדיקער ייִדישער קרעמער. דער קרעמער גיט דאָס באַלד צו פילן דעם מיטעלן קרעמער דורך די פּראָטעסטירטע וועקסלעך, און ווי דורך אַן עלעקטרישן שטראָם צעטראָגן די פּראָטעסטירטע וועקסלעך די טרויעריקע בשורה ביז צו דעם גרויסן הורטאָווניק און ביז צום פאַבריקאַנט. און גיט זיך נאָר אַ שאָט דער האָגל פון פּראָטעסטן, הערט ער שוין נישט אויף. ווי אַן עפּידעמיע קלעפּט ער אָן אַלץ ברייטערע און ברייטערע קרייזן. אַפילו דער, וואָס קאָן צאָלן, וויל נישט אָפּגעבן דאָס לעצטע ביסל מזומן, וואָס ער פאַרמאָגט. און אַ סך מיסברויכן און צאָלן נישט און מאַכן נאָך חוזק פון די, וואָס מאָנען. בעת איינער אָדער צוויי אין אַ שטעטל זעצן אָן, איז דאָס פאַר זיי אַן אומגליק און אַ בזיון; זעצן אָבער אָן הונדערטער און טויזנטער, ווערט עס שוין אויס בזיון און נאָר אַן אומגליק.

עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ לייכטזיניקע, אַפּילו אַ ציניִשע באַציאונג צו געלט־פאַרפליכטונגען אין געשעפטן. דאָס איז אַ רעזולטאַט פון דעם באַרג וועקסלען, פּראָטעסטירטע וועקסלען, וואָס אונטער אים ווערט דערשטיקט דער ייִדישער האַנדל אין פּוילן.

דער פּוילישער פּריץ לייט געלט אין דער מלוכה־באַנק אָדער אין פּריוואַטע גרויסע בענק, גרויסע סומען אויף לאַנגע טערמינען: איז אַ שווערע צייט, האָט ער צענדליקער גוטע ברידער אין די בענק, וועלכע פירן דורך, אַז דאָס וועקסל זאָל איבערגעשריבן ווערן. פּראָטעסטירטע וועקסלען ביי די דאָזיקע לייט זענען אַ זעלטענע דערשיינונג און טראָגן נישט קיין מאַסן־כאַראַקטער. די שווערע אינדוסטריען, וואָס ליגן אין אַ

גרויסער מאָס אין פּוילישע הענט, ליידן א סך א סך וויניקער פונעם קריזיס.

די קוילן־גרובן פאַרקויפן קוילן קיין אויסלאַנד אָדער דער מלוכה. דער פּדיון ביים אָרטיקן פּריוואַטן קונה מאַכט אויס א קליינעם פּראָצענט פון זייער פּראָדוקציע. די מעטאַל־פאַבריקן אַרבעטן אויך א סך פאַר דער מלוכה — לאָקאָמאָטיוון און וואַגאָנעס; אָדער פאַר די גרויסע פאַבריקאַנטן מאַשינעס. זיי האָבן נישט צו טון, ווי דאָס רוב „יידישע" אינדוסטריען, מיטן מאַסן־געברויכער און מיטן מאַסן־קרעמער. פּראָטעסטן זענען מסתמא ביי זיי פאַראַן, אָבער גרויסע, אויף גרויסע סומען, וועלכע האָבן דאָך מער אויסזיכטן באַצאָלט צו ווערן, ווי הונדערטער טויזנטער יידישע וועקסעלעך אויף קליינע נישטיקע סומען.

מען קאָן רואיק אָננעמען, אַז די גרעסטע מערהייט פּראָטעסטירטע וועקסלען זענען יידישע.

איך האָב זיך אַזוי לאַנג אָפּגעשטעלט אויף דער וועקסל־עפּידעמיע און פּראָטעסט־מגפה, ווייל אין איר אַנטפּלעקט זיך אַמשטאַרקסטן די קרענקלעכקייט און אומנאָרמאַלישקייט פונעם יידישן עקאָנאָמישן לעבן אין פּוילן און דאָס אויפרייסן פון דעם בלאָטער וועט געוויס האָבן א קאָלאָסאַלע ווירקונג אויפן גורל פון יידן אין פּוילן.

די פּוילישע רעגירונג פירט די גאַנצע צייט אַזאַ פּאָליטיק, אַז די „פּוילישע" אינדוסטריען באַקומען אָן אַן ערך מער קרעדיטן, ווי די אַזוי גערופענע „יידישע" אינדוסטריען. זי טענהט די גאַנצע צייט, אַז ס'זענען פאַראַן צופיל פאַרמיטלער אין פּוילן, און דאָס מאַכט טייער די פּוילישע סחורה. איצט וועט זי האָבן גענוג ראיות, אַז עס איז טאַקע אַזוי, און וועט געוויס אָננעמען מיטלען אויף רעגולירן דעם האַנדל אַזוי, אַז יידן זאָלן פאַרלירן זייערע פּרנסות.

אמת, מיר לייקענען גאָר נישט, אַז ס'זענען פאַראַן צופיל יידישע קרעמער און קרעמערלעך, נאָר מיר פאָדערן, אַז די מלוכה זאָל נישט נאָר זאָרגן, אַז עס זאָל ווערן וויניקער פאַרמיטלער, נאָר אויך, אַז זיי זאָלן קאָנען געפינען פּרנסה אין אַנדערע עקאָנאָמישע געביטן. די רעגירונג וועט אָבער האַנדלען ווי אַלע מאָל: אָפּנעמען פּרנסות ביי יידן וועט זי, אָבער געבן יידן אַנדערע פּרנסות וועט זי זיך אָפּזאָגן.

חוץ דער רעגירונג זענען פאראן אָבער נאָך וויכטיקע סיבות, וועלכע ברענגען און מוזן ברענגען דערצו, אז טויזנטער און אפשר הונדערטער טויזנטער יידן וועלן ארויס פון איצטיקן קריזיס אָן ברויט און אָן האָפענונג אויף ברויט.

די גרויסע פאבריקאנטן, דער עיקר די מאנופאקטור־פאבריקאנטן און די גאָר גרויסע און פעסטע סוחרים, וואָס האָבן גרויסע אייגענע קאַפּיטאלן, האָבן באשלאָסן צו רעאָרגאניזירן אזוי דעם פארקויף פון סחורה, אז דער מיטעלער הורט־קרעמער זאָל ארויספאלן. זיי שטרעבן זיך צו שטעלן אין א דירעקטער פארבינדונג מיטן לאחדים־קרעמער, מיטן קליינעם קרעמער, אפילו מיטן דאָרפס־קרעמער.

ווער עס איז באקאנט מיט דער לאגע פונעם יידישן האנדל אין פוילן, ווייסט, אז דווקא אינעם מיטעלן הורט איז דער ייד געווען אַמשטארקסטן, בעת אין לאחדים־געשעפט, ווו מען האָט שוין צו טון דירעקט מיט דער קריסטלעכער מאסע, האָט דער פוילישער קרעמער אָפּגעהאלטן באדייטנדיקע זיגן אין קאָנקורענץ קעגן דעם יידן.

ביים איצטיקן קריזיס האָט זיך ארויסגעשטעלט, אז דער יידישער מיטלקרעמער פארמאָגט כמעט גאָר קיין אייגענעם קאפּיטאל נישט און ארבעט נאָר מיט געבאָרגטע סחורות און געליענע געלטער. פארן פאבריקאנט אָדער גרויסן סוחר איז דעריבער געוואָרן קלאָר, אז ס׳איז א סך וויניקער ריזיקע צו באָרגן דעם קלענערן קרעמער, און ס׳איז אויך בעסער מיט דעם, וואָס עס וועט מאכן ביליקער די סחורה. מען דארף געדענקען, אז געוועלעך גייט דורך אין פוילן א פעקל סחורה פון פאבריקאנט ביזן קאָנסומענט 4 ביז 5 הענט און דאָס מאכט טייער די סחורה.

ס׳וועלן דעריבער אין די נאָענטסטע יאָרן געוויס פאלן גרויסע קרבנות פון יידישע פארמיטלער־קלאסן, חוץ די, וואָס זענען שוין געפאלן, און אזוי שטארק געפאלן, אז זיי וועלן קיין תחית המתים נישט אויפשטיין אפילו נאָכן קריזיס.

מיר האָבן איבערגעלאָזט די דיסקאָנטאָ־„שדכנים" און האָבן דעם לעזער באקענט מיט דעם בארג אש, וואָס איז געוואָרן פון די הונדערטער טויזנטער וועקסלעך, וועלכע זענען דורכגעגאנגען יעדעס דורך צענדליקער יידישע הענט און האָבן געשאפן ביי יידן א פאנטאסטישע פאָרשטע־

לונג פון אמתן האנדל און אמתן ריוח און וואָס זענען ווי אַש צונישט געוואָרן, ווען אַ קליין ווינטעלע האָט נאָר אַ בלאָז געטון.

די דערמאָנטע צוויי „שדכנים" האָבן מיר געגעבן אַזאַ לעבעדיק בילד פון דעם דאָזיקן בארג אַש, אין וועלכן יידן האָבן זיך יאָרן געטאָפּ־טשעט און געגלויבט, אַז זיי דרייען אַ וועלט, ווען אין אמתן האָבן זיי זיך אַליין פאַרדרייט די קעפּ, אַז איך בין אַזש פאַרציטערט געוואָרן. ביז וואַנען דאָס ראָד האָט זיך געדרייט, האָבן זיך יידן מיטגעדרייט, פאַרשיכור־טע און פאַרצויבערטע פון די גרינגע געשעפטן, פון דעם האַנדלען מיט פּאַפּירלעך. פּלוצים האָט געפּלאַצט אַ שטאַנג אין דעם ראָד און דאָס ראָד האָט זיך אָפּגעשטעלט. און דער גאַנצער צויבער איז אַוועק מיטן רויך.

נאָך די ערשטע פּראָטעסטן און באַנקראָטן האָט מען אויפגעהערט ווייטער באָרגן. ווי באַלד אָבער מ׳קאָן נישט באַקומען מער אויף באָרג קיין סחורה, לוינט נישט באַצאָלן פאַר דער פריערדיקער סחורה, ווייל מען וועט דאָך בלייבן מיט ליידיקע פּאַליצעס. האָבן די באַנקראָטן גענומען וואַקסן. האָבן די פאַבריקן נאָך מער אָפּגעשטעלט דאָס געבן סחורה אויף וועקסלען. זענען די באַנקראָטן געוואָרן נאָך אָפטער, און די מורא צו געבן סחורה אויף באָרג — נאָך שטאַרקער.

אָט אַזוי האָט מען געשלעפּט איינער דעם אַנדערן אין תהום אַריין, און מען האָט געשאַפן אַ יאוש־שטימונג און אַ פּאַניק־פאַרצווייפלונג, וועל־כע האָבן נאָך מער פאַרשטאַרקט דעם קריזיס און אים פאַרברייטערט און פאַרשלעפּט אין תהום אַריין אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַט אַ גענוג פעסטן באָדן אונטער די פיס.

דאָס ראָד האָט זיך אָפּגעשטעלט און יידן איז געוואָרן פינסטער אין די אויגן, ווען זיי האָבן דערזען, אַז נאָכן גרויסן טראַסקען און פליען זענען איינע געבליבן ביי די וועקסלען, די אַנדערע — ביי ליידיקע פּאַלי־צעס. און לאָזן נאָך אַמאָל דאָס ראָד אין באַוועגונג איז אוממעגלעך אָן ראַדיקאַלע רעפאָרמען, ביי וועלכע עס מוזן פאַלן אַ סך קרבנות.

פון די וועקסל־„שדכנים", וואָס האָבן שוין באַלד אַ חודש נישט פאַרדינט קיין גראָשן, בין איך אַוועק אויף דער גענשאַ גאַס, אין צענטער פון יידישן מאַנופאַקטור־האַנדל, פון יידישן גרויס־האַנדל, אין ענגן, שמאָלן,

שמוציקן און אייביק־רווישנדן געסל, וואס האט פאר דער מלחמה געהאט אזוי פיל מיליאנערן, אמתע, פעסטע און איינגעפונדעוועטע מיליאנערן.

ס׳איז נאך איצט אויך דאס רייכסטע געסל מכתמא פון יידישן קווארטאל, נאר ווי שטארק עס האט זיך געביטן און ווי שטארק עס האבן זיך געביטן זיינע פארשטייער! נישטא מער די גרויסע פירמעס, וואס האבן געהאנדלט מיט מאנופאקטור־סחורות פון מאסקווער ראיאן.

פון עטלעכע הונדערט־פירמעס, וואס איך האב אויסגערעכנט מיט א פארטרעטער פון א פירמע, וועלכער שטייט אויף זיין ארט שוין פינף און דרייסיק יאר, זענען נאר ניין פירמעס פון פאר דער מלחמה, אלע איבעריקע זענען אויפגעקומענע ערשט נאך דער מלחמה, אויפגעקומענע פון ספעקולאציע אין דער צייט פון מלחמה און נאך דער מלחמה, פון אינפלאציע־קונצן און פון מיליטערישע „פאדריאדן". דאס זענען אויפ־געקומענע און אויך אויפגעבלאזענע, ביי וועלכע מען קאן בשום אופן נישט וויסן, צי זענען זיי טאקע אמתע גבירים, צי נאר צוגעפארבטע אין גבי־רישע פארבן.

ביי זיי טרעפט נישט זעלטן, אז דער פאטער פון דער פאמיליע ווארפט זיך פון פינפטן שטאק און דרייט זיך אויף אזא אופן ארויס פון דעם פלאנטער פון וועקסלען שרייבן און וועקסלען נעמען, בעת זיין פאמיליע פארברענגט ערגעץ אין אויסלאנד אין בעסטן און רייכטן קור־ארט.

עס זענען אונטערגעגאנגען הונדערטער אלטע, סאלידע, פעסטע פיר־מעס. א סך פון זיי זענען געלאפן קיין הוסלאנד און האבן דארטן פאר־ענדיקט זייערע טעג אלס בעטלער אדער אין הקדש. נישט ווייניקער האבן אין ווארשע אליין דורכגעמאכט דעם זעלבן גורל און האבן אויף דער עלטער זיך ארומגעשלעפט אויף דער זעלבער גענשא גאס אפגעריסענע און אפגעשליסענע, נישט דערקענטע פון זייערע אייגענע משרתים, וועלכע האבן זיי געדינגט ביים לעבן. דאס איז זייער אן אינטערעסאנט בלעטל פון יידישער מלחמה־געשיכטע, וואס דארף ערשט אנגעשריבן ווערן.

איינס איז קלאר, אז פאר די לעצטע יארן האט זיך אינגאנצן גע־ביטן דער באשטאנד פון דער יידישער האנדלס־בורזשואזיע. אויף 90% האבן מיר פאר זיך א גאנץ נייעם קלאס, וואס באשטייט מערסטנס פון די געוועזענע משרתים און אנגעשטעלטע פון די זעלבע אונטערגעגאנגענע

פירמעס, ביי וועלכע זיי האָבן געאַרבעט, און זיי האָבן נישט די טראַדי־ציעס און אַמביציעס פון יענע אַלטע פירמעס, און האַלטן מער פון דעם כּלל: כאַפּ אַריין, וואָס דו קאָנסט און וויפל דו קאָנסט, וואָרום גאָט ווייסט, וואָס מאָרגן וועט זיין.

די דאָזיקע נייע נאָך־מלחמהדיקע „מאָראַל" אין דער האַנדלס־וועלט שאַפט אויך די פּאַסיקסטע אַטמאָספערע פאַר אונטערשרייבן לייכט וועקסעלעך, צאָלן הויכע פּראָצענטן, פאַרקויפן סחורה אונטערן פּרייז, אַבי באַקומען מזומנים, נישט נעמען זיך צום האַרצן ביי נישט צאָלן צום טערמין.

איך בין געזעסן ביי מיין באַקאַנטן אין געשעפט אַרום זעקס אַזייגער פאַרנאַכט. דעם גאַנצן טאָג האָט מען נישט געלייזט קיין גראָשן. פאַר דער מלחמה זענען געווען אין געשעפט 22 אָנגעשטעלטע, איצט — נאָר 5. נאָר וואָס צו טון איז נישט געווען. אויף וועקסלען גיט מען נישט און פאַר מזומן קויפט קיינער נישט. דאָס זעלבע האָב איך געטראָפן נאָך אין אַ פּאָר געשעפטן, וועלכע איך האָב באַזוכט.

פאַרשטייט זיך, אַז צווישן די נייגעגרינדעטע פירמעס זענען שוין פאַראַן אויך ראַיעלע, ערנסטע אונטערנעמונגען, וואָס האָבן טאַקע אויך אייגענעם קאַפּיטאַל, אַזעלכע זענען אָבער אין דער מינדערהייט.

אויפן וועג האָב איך זיך אַריינגעכאַפּט צו אַ זייגערמאַכער, כּלומרשט צו פאַרריכטן מיין זייגער. פאַר מיר איז געזעסן אַן איינגעהויקערטער ייד, מיט איינגעפאַלענע באַקן, מיט אויסגעלאָשענע אויגן, וואָס האָט אויסגעזען ביי 55 אָדער 58 יאָר אַלט, און האָט געלייענט אַ צייטונג. פון דעם שמועס איז מיר באַקאַנט געוואָרן, אַז ער איז אַלט נאָר 45 יאָר, האָט שוין דריי טעג נישט פאַרדינט גאָרנישט, נאָר פון אַ צייטונג קאָן ער זיך נישט אָפּזאָגן, ווייל ער וואָלט משוגע געוואָרן פון טראַכטן וועגן פּרנסה און נישט קאָנען צוטראַכטן. באָרגט ער די צייטונג ביים צייטונגס־פאַרקויפער.

זיינע קינדער זענען אין רוסלאַנד, נאָר קיין בריוו האָט ער פון זיי נישט, און ווייסט נישט, צי זיי לעבן צי נישט. „לעבט מען אַליין אין נויט און דחקות, אָן טרייסט און אָן האָפענונגען און מען בעט אויף זיך דעם מלאך־המות, וואָס וויל אויף צו להכעיס נישט קומען" — האָט ער גע־ענדיקט.

הערשל עפשטיין, דער בעל־עגלה
פון דזשיווויעץ

מינדעריעריקע הענדלער מיט
זיסווארג ביים אָטוואָצקער
וואקזאל

א ווארשעווער שוסטער אונטערן
פרייען הימל

הענדלערינס ביי די ווארשעווער
האלעס

(פאָטאָגראפירט דורך מ. קיפּניס)





פונעם מרה־שחורהדיקן זייגערמאכער בין איך אוועק אין דער צענטראלע פון די יידישע געווערקשאַפטן. אויפן וועג בין איך דורכגעגאנגען א גאס, וואָס איז אינגאנצן פארנומען נאָר מיט הוט־געשעפטן און הוט־ווארשטאטן. איך קען די גאס גוט, ווייל פאר דער מלחמה האָב איך דאָרטן געוווינט. אחוץ דעם האָב איך די געשעפטן אָפט באזוכט מיט מיינע קרובים, וועלכע פלעגן קומען פון מיין געבורטסשטאָט קיין ווארשע נאָך סחורה.

אין די געשעפטן פלעגט תמיד קאָכן און זידן. די פּראָווינציעלע קויפער פלעגן מוזן ווארטן לאנג, ביז מען פלעגט זיי ווייזן די סחורה. לויט דעם ווארשעווער מנהג פלעגט דאָס געשעפט זיין זייער קליין און ענג. טיף אין הויף אריין פלעגט זיין דער ווארשטאט, ווו עס פלעגן זיצן א צענדליק מיידלעך און ארבעטן. אין געשעפט גופא פלעגט באדינען דער באלעבאָס, די באלעבאָסטע, די טאָכטער אָדער די זין און נאָך א פּאָר פרעמדע פארקויפערינס ספּעציעלע אויף אויסקלייבן און צופּאסן יעדן קונה די געהעריקע פאסאָנען. די מיידלעך האָבן שוין געוווּסט דעם געשמאק פון קונה פון יעדער רוסישער געגנט. א ייד פון מינסק האָט באקומען גאנץ אנדערע סחורה, ווי א ייד פון כערסאָן.

אין אזא שטייג־געשעפט פלעגן זיך אָנשטאָפּן א צענדליק יידישע פּראָווינציעלע קונים, ליטוואקעס, פּוילישע, ווייסרוסישע, אוקראאינישע, קאווקאזישע און נאָך אנדערע. עס פלעגט זיין א מיש־מאש פון דיאלעקטן און טענער, פון פארשידענע טעמפּעראמענטן און כאראקטערן; איך פלעג אָפט טראכטן, אז דאָ איז דאָך א גלענצנדע לאבאָראטאָריע פאר יידישע געלערנטע און פילאָלאָגן צו שטודירן די פארשידענע יידישע טיפּן און יידישע אויסשפּראכן.

ביז שפּעט אין דער נאכט פלעגן די קונים בלייבן אין די געשעפטן, אָפט ביי פארמאכטע לאָדן און טירן. און מען פלעגט דורך דער טיר פון הויף ארייננלאָזן און ארויסלאָזן. עס איז מיר באזונדערס טשיקאווע געווען צו זען, ווי עס זעט איצט אויס דאָס געסל, וואָס האָט אזוי אמאָל געקאָכט.

איך האָב איצט באזוכט דאָס געסל אמאָל פינף, אין פארשידענע צייטן פון טאָג, און תמיד האָב איך געטראָפן ביי די גלעזערנע טירן שטיין איינס אָדער צוויי יידישע מיידלעך; שטיין לאנג, אָן א ריר צו טון זיך פון אָרט, אָנגעשטרענגט די אויגן, ווי זוכנדיק עמיצן, ווארטנדיק און נישט

דערוואַרטנדיק זיך. אויף זייערע מאַטע, מידע פּנימער, איז געווען אויסגעגאָסן דער גאַנצער טרויער פון דעם אָפּגעשטאָרבענעם גורל.

אַט דאָ האָב איך דערפילט אין איר גאַנצער גרויס די טראַגעדיע פון די טויזנטער און צענדליקער טויזנטער ייִדן, וואָס זענען געווען באַשעפטיקט אין און אַרום דער ייִדישער קליין־אינדוסטריע, וועלכע האָט געאַרבעט פאַרן גרויסן רוסלאַנד און וועלכע איז איצט אָפּגעשניטן פון יענעם מאַרק.

אין דעם טרויער פון די אויגן ביי די פּאָר צענדליק מיידלעך, וואָס שטייען גאַנצע טעג אָנגעשפּאַרט אָן די גלעזערנע טירן און קוקן אַרויס אויף עמיצן, וועלכער קומט נישט, אַט שוין גאַנצע 15 יאָר, קאָן מען איבערלייענען די גאַנצע גרויס פון דער טראַגעדיע פון טויזנטער ייִדישע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע. זיי האָבן פאַרלוירן די אַרבעט אין זייערע פאַכן, זוכן זיי נייע קוואַלן פון פּרנסה און געפינען נישט, און זיי טרעפן אויך די טויערן פון אַלע לענדער פאַרשפּאַרט און פאַרזיגלט פאַר זיך.

נאָך מער פילט מען דאָס אין עמיגראַציע־ביוראָ. איך האָב געטראָפן דאָרטן דרייסיק מענטשן, און אַלע זענען געווען אַרבעטער אָדער בעלי־מלאכות. קיין איין קרעמער אָדער הענדלער האָב איך נישט געטראָפן. דאָס איז נישט, ווייל די לעצטע דאַרפן נישט עמיגרירן, נאָר ווייל זיי איז שווערער צו באַקומען אַ וויזע און שרעקלעכער צו רירן זיך פון אָרט.

עס איז איצטער שוין גאָר קיין צווייפל נישט, אַז די ייִדישע האַנדלס־מענטשן, באַזונדערס די קליינע, זענען אין אַ סך אַ טרויעריקער לאַגע, ווי די בעלי־מלאכות און אַרבעטער. זיי גיבן געוויס אַ גרויסן פּראָצענט עמיגראַנטן, נאָר פריער מאַכן זיי אַליין דורך, אָדער דורך זייערע קינדער, אַ גלגול פון „פּראָדוקטיוויזאַציע". דאָס הייסט, מען לערנט זיך פריער אויס אַ פאַך און נאָכדעם אַנטשליסט מען זיך צו לאָזן אין אַ פרעמד לאַנד. מען איז גרייט צו פאָרן אין עק וועלט, אַבי זיך אַרויסרייסן. מען איז גרייט איינצושטעלן דאָס לעבן, אַבי וואָס גיכער זיך אַריבערצופּעקלען איבערן גרענעץ. אָבער, ליידער, זענען די מעגלעכקייטן טראַגיש־קליין.

קומען טאַקע הונדערטער מענטשן אין עמיגראַציע־ביוראָ און גייען אַוועק פאַרצווייפלטע: דאָ איז אַ קוואָטע און דאָרטן דאַרף מען אַן אַרויס־

פאַדערונג פון קרובים. דאָ מוז מען זיין א לאַנדווירט און דאָרטן דאַרף מען וויזן א גאַנצן בארג מיט געלט, 600 אָדער 700 דאָלער — ביים אראָפּגיין פון שיף. עס פאָרן אַרויס איצט פון פוילן פון 20 ביז 25 טויזנט יידן א יאָר, אומגעפער שוין א פערטל פון דער גאַנצער עמיגראַציע פון פוילן, בעת יידן מאַכן אויס נאָר 10 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג. אָבער דאָס איז א טראָפּן אין ים. דאָס איז אַזא מינימום, וואָס קאָן זייער ווייניק פאַרגרינגערן די יידישע לאַגע אין פוילן.

V

דער נאַציאָנאַלער באָלשעוויזם

צוריק מיט א יאָר דריי איז א יידישער ארבעטער פון שיקאַגאָ גע־פאָרן קיין רוסלאַנד צו גאַסט און אויך זיך צו באַקענען מיטן דאָרטיקן יידישן לעבן. אויף צוריקוועגס האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אין בערלין און האָט מיר דערציילט פאָלגענדיקן פאַקט. איינמאָל איז ער געזעסן מיט אייגענע און באַקאַנטע פון זיין געבורטס־שטעטל און מען האָט גע־שמועסט וועגן דער לאַגע פון די יידן אין רוסלאַנד. פּלוצלינג שפּרינגט אויף א יונגערמאַן, לויפט צו צום אַמעריקאַנער, כאַפּט אים אָן ביי די לאַצן און הייבט אָן שרייען נישט מיט זיין קול: „אוי, אוי, נעמט מיך מיט קיין אַמעריקע, נעמט מיך קיין ניו־יאָרק! כאָטש אויף איין טאָג נעמט מיך קיין ניו־יאָרק! נאָר אויף איין טאָג!"

אויף די פראַגן פון אַלע זייטן, וואָס וועט ער דען מאַכן אין איין טאָג אין ניו־יאָרק, האָט דער יונגערמאַן אויסגעשריען: „איך וועל ארויפ־קריכן אויפן העכסטן מויער פון ניו־יאָרק און א געשריי טון צו אַלע ניו־יאָרקער יידן: „גוואַלד געשריען, פאַרוואָס דערלאָזט איר, אז דריי מיליאָן יידן זאָלן אונטערגיין? פאַרוואָס דערלאָזט איר, אז דריי מיליאָן אייערע ברידער זאָלן אזוי אָפּקומען? פאַרוואָס זייט איר אזוי רואיק און קאַלט, ווען דאָרטן שטאַרבט מען פון הונגער, ווען דאָרטן איז קיין העמד אויפן לייב נישטאָ!"

די געשיכטע האָט זיך מיר דערמאָנט ביי מיין ארויספאָרן איצט איבער פּוילן. אַלע קוקן אויף מיר מיט אזעלכע אויגן, ווי זיי וואָלטן גע־זאָגט צו מיר, אז איך מוז ארויפקריכן אויפן צענטן שטאָק און אזא געשריי טון וועגן דער נויט ביי די פּוילישע יידן, אז אַלע זאָלן אויפגעטרייסלט ווערן, אז די קאַלטבלוטיקסטע זאָלן אויפגעציטערט ווערן.

וועט זיך מיר איינגעבן אזא שטאַרקן געשריי טון? וועט זיך מיר

איינגעבןווירקלעך צו געבן אזא אמת בילד פון עקאנאמישן לעבן פון די ייִדן אין פוילן, אז אונדזערע אמעריקאנער ברידער זאלן ענדלעך זיך א כאפ טון, אז מען האט שטארק געזינדיקט אנטקעגן די פוילישע ייִדן און מען האט זיי צו שטארק פארלאזט?

מיר ווילט זיך אבער נישט, אז מיין געשריי וועגן דער לאגע פון ייִדן אין פוילן זאל נאר אויפוועקן די הערצער פון די אמעריקאנער ייִדן.

מיר ווילט זיך, אז אויך דער קאפ זאל זיין דערביי, אז מיר זאלן איינמאל זיך ערנסט, גאר ערנסט פארטראכטן נישט נאר ווי אנצוקארמענען די הונגעריקע, נאר ווי זיי ארויסצורייסן פון די לעבנס־באדינגונגען, אין וועלכע די צאל הונגעריקע און נאקעטע מוז פון טאג צו טאג וואקסן.

מען מוז דאך מודה זיין, אז ביז אהער האט מען אין אמעריקע זיך זייער גוט און ערנסט פארנומען מיטן שיקזאל פון די רוסישע ייִדן, און מען האט זייער גוט פארשטאנען, אז עס איז נישט גענוג צו שיקן פעקלעך מעל און גרויפן, אדער פעקלעך קליידער און שיך, נאר מען מוז איבערבויען דאס גאנצע עקאנאמישע לעבן פון די רוסישע ייִדן און עס צופאסן צו די נייע באדינגונגען, וועלכע זענען דארט געשאפן געווארן.

דער גרויסער פארדינסט פון די שליחים, פון די דעלעגאטן פון „דזשאינט" און „ארט" באשטייט אין דעם, וואס זיי האבן אזוי פיל און אזוי פיל טויזנטער פאמיליעס קאלאניזירט, באזעצט אויף באדן, און אזוי פיל און אזוי פיל אינדוסטריאליזירט, באזארגט מיט ארבעט אין דער אינדוסטרי. א סך גרעסער איז זייער פארדינסט דערמיט, וואס זיי זענען געווען די איניציאטארן, די אנהייבער, די ערשטע, וועלכע האבן געוויזן די ברייטע וועגן, אויף וועלכע מען דארף גיין, כדי איבערצובויען גרינטלעך דאס ייִדישע עקאנאמישע לעבן.

די דאזיקע שליחים האבן געשטויסן די „יעווסעקן" (ייִדישע קאמוניסטן) און געוועקט די סאוועט־רעגירונג און דערמאנט מיט זייער ארבעט, אז די ייִדישע פראגע איז א מלוכה־פראבלעם, אז די ייִדישע מכה איז א מלוכה־מכה, וועלכע מוז און דארף געהיילט ווערן מיט מלוכה־מיטלען און מיט מלוכה־וועגן. און אויב אין די ערשטע יארן פון דער קאלאניזאציע און אינדוסטריאליזאציע האבן

די מיטלען פון די יידישע געזעלשאפטן אויסגעמאכט נאָר א גרויסן פּראָ־צענט פון די אויסגאבן אויף אזעלכע צוועקן, מאכן זיי שוין איצט אוים זייער א קליינעם פּראָצענט.

איר ווייסט זייער גוט, אז אין פּוילן זענען נאָר אנדערע באדינגונגען, און ביי דער מאכט שטייען נאָר אנדערע קלאסן. דערפון איז אבסאָלוט אָבער נישט געדרונגען, אז מען דארף לאָזן אויף הפקר די דריי מיליאָן פּוילישע יידן און זיך אָפּזאָגן פון יעדער טעטיקייט. פּארקערט, דערפון איז נאָר געדרונגען, אז מען דארף אויסארבעטן אַן א נ ד ע ר פּראָגראם פון ארבעט, אז מען דארף געפינען א נ ד ע ר ע וועגן, כדי דורכצופירן די פּראָגראם, אז מען דארף געפינען א נ ד ע ר ע מעטאָדן, ווי צו צווינגען די פּוילישע רעגירונג פארשטיין, אז מען קען נישט אומבאשטראָפט אוים־ראָטן א מאסע פון מיליאָנען מענטשן.

גענוים איז צו לייזן די עקאָנאָמישע פראגן פון די פּוילישע יידן א סך, א סך שווערער, ווי אין רוסלאנד.

די באָלשעוויקעס האָבן נאציאָנאליזירט, איבערגענומען אין די הענט פון דער רעגירונג אלע פאבריקן. די פּוילישע רעגירונג האָט מאָנאָפּאָלי־זירט די ספּירט־ און טאבאק־פאבריקן, די זאלץ־גרובן און קלייבט זיך ארויפלייגן איר האנט אויך אויף אנדערע אינדוסטריען. די באָלשעוויקעס האָבן די פאבריקאנטן נישט באצאָלט. וועלן מיר זיך נישט זעצן קלאָגן דערויף. די פּוילישע רעגירונג האָט די פאבריקאנטן גוט באצאָלט, און אויך די יידישע פאבריקאנטן. אָבער האָט פאריאָגט אלע יידישע ארבעטער און אָנגעשטעלטע פון די מאָנאָפּאָליזירטע אונטערנעמונגען.

פינף אָדער זעקס יידישע טאבאק־פאבריקאנטן האָבן טאקע באקו־מען פעטע סומען און פירן איצט אנדערע געשעפטן מיט זייער געלט, אָבער די פּאָר טויזנט יידישע ארבעטער און אָנגעשטעלטע, וועלכע זענען צענדלי־קער יאָרן געווען פארנומען ביי די פאבריקן, וועלכע האָבן דער טאבאק־אינדוסטרי אָפּגעגעבן זייערע יונגע יאָרן און זייערע לונגען, זענען גראָב און גרויזאם ארויסגעוואָרפן געוואָרן אויפן גאס. מען האָט זיי כלומרשט אויך באלוינט. אָבער דאָס קען נאָר קלעקן אויף תכריכים און נישט אויף צו מאכן א לעבן.

און אין דער טאבאק־אינדוסטרי אין פּוילן האָבן יידישע ארבעטער

געארבעט מער פון 50 יאר. צענדליקער יארן זענען יידן געווען די מער־הייט אין דער אינדוסטרי. מען קען זאגן, אז די פוילישע טאבאק־אינ־דוסטרי שטייט אויף יידישע ביינער, ווארום א סך הונדערטער יידישע ארבעטער האבן אין אירע פאבריקן באקומען טובערקולאז און זענען פרי געגאנגען פון דער וועלט.

שוין אין יאר 1885 זענען אין ווארשע אין די טאבאק־פאבריקן גע־ווען ארום טויזנט יידישע ארבעטער און קריסטן נאר ווייניק. איצט זענען אין ווארשע פארנומען אין די מלוכהשע טאבאק־פאבריקן 1600 ארבע־טער און קיין איין ייד נישט. אין גאנץ פוילן זענען געווים פארנומען ביי דער דאזיקער אינדוסטרי נישט ווייניקער פון צען טויזנט ארבעטער און אנגעשטעלטע.

צוריק נאך מיט עטלעכע יאר איז דאס געווען א יידישע אינ־דוסטרי. די אנגעשטעלטע זענען כמעט אלע געווען יידן, און די מערסטע ארבעטער אויך יידן. איצט זענען נאר אין גראדנע, אויף דער אמאל בא־ווּסטער שערעשעווסקים טאבאק־פאבריק, געבליבן ביי 300 יידישע אר־בעטער. די פירער פון דער פאבריק, צווישן וועלכע עס איז נישטא קיין איין ייד, טרייבן ארויס אויך דאס לעצטע ביסל יידישע ארבעטער. מען ווארפט ארויס די יידן מיט פארשידנסטע תירוצים, און מען נעמט טאקע באלד צו אויף זייער ארט קריסטן.

איז זיך לייכט פארצושטעלן, ווי דער יידישער ארבעטער קען זיך פילן אויף אזא פאבריק, וווּ ער ווייסט, אז זיינע טעג זענען געציילטע; וווּ ער פילט, אז מען זוכט נאר א תירוץ, כדי אים ארויסצוּווארפן; וווּ מען גיט אים גאנץ אפט צו פילן, אז ער איז אן איבעריקער. נאר די אומ־מענטשלעכע נויט, נאר דער הונגער אין בוכשטעבלעכסטן זין פון ווארט צווינגט דאס דאזיקע ביסל יידישע ארבעטער זיך נאך צו האלטן.

אט דאס הייסט נאציאנאלער באלשעוויזם. טאקע צונע־מען ביים פריוואטן אונטערנעמער, ווי די באלשעוויקעס, אבער אזוי, אז עס זאל זיך אויסלאזן צו די קעפ פון די יידישע ארבעטער און אנגעשטעל־טע. די פאר רייכע פאבריקאנטן, וואס האבן באקומען גרויסע סומען געלט פון דער רעגירונג, וועלן שוין אויסזוכן א פרנסה, אבער די עטלעכע טוי־

זנט יידישע ארבעטער און עטלעכע הונדערט יידישע אָנגעשטעלטע, וואָס איז פון זיי געוואָרן?

אָבער דער נאַציאָנאַלער באָלשעוויזם טרעפט נישט נאָר דעם יידישן פּראָלעטאַריער, דעם ארבעטער, ער איז אויסגעהאַלטן און גייט ווייטער. די טאַבאַק־אינדוסטרי איז א מלוכה־אינדוסטרי און מען קען שוין נישט פריי האנדלען מיט איר, נאָר מען מוז האָבן קאָנצעסיעס פון דער רעגירונג. און ביים געבן קאָנצעסיעס גיט מען ווידער א קוועטש דעם יידן.

אין א שטאָט, ווי פּינסק, למשל, וווּ אלע טאַבאַק־קראָמען זענען געווען יידישע, ווייל בכלל זענען אין יענער שטאָט נישטאָ קיין קריסטלעכע קראָמען, האָט מען פון 26 טאַבאַק־קאָנצעסיעס 10 אָפּגעגעבן צו קריסטן. איז דאָס אין פּינסק, וואָס ליגט ווייט ביים רוסישן גרענעץ, ווו קיין פּאָליאַקן זענען כמעט ווי נישט פאַראַנען, חוץ די אָנגעשיקטע באאמטע, ווו די ווייסרוסן זענען נאָך גאָר, גאָר דאָרפישע און קאָנקורירן נאָך נישט מיט יידן נישט אין האנדל און נישט אין האַנטווערק. אָט אין יענער שטאָט האָט מען אריינגעפירט אין א האנדלס־צווייג, וואָס איז געווען אויסשליסלעך אין יידישע הענט, מער פון א דריטל קריסטן. און אין אמתן פּוילן מאַכט מען עס א סך בעסער. מען וואַרפט צו יידן א פּאָר קאָנצעסיעס, און די מערהייט קאָנצעסיעס גיט מען אָפּ צו אייגענע. אָט אזוי רואינירט מען שוין אויך דעם יידישן קליינעם קרעמער.

זאַלץ איז אויך אין פּוילן מאָנאָפּאָליזירט. און אין דער עכט־יידישער שטאָט פּינסק, וווּ 98 פּראָצענט קראָמען זענען יידישע, זענען אלע 6 זאַלץ־קאָנצעסיעס אין קריסטלעכע הענט, אמת, פאַקטיש זענען פינף פון די זעקס זאַלץ־קאָנצעסיעס אין יידישע הענט, און די קריסטן קומען צום גרייטן, נאָר צום ריווח, צום טיילן די פאַרדינסטן, אָבער דאָס וועט מסתמא נאָר אזוי לאַנג דויערן, ביז די קריסטן וועלן זיך אויסלערנען די מלאכה, און דעמאָלט וועלן זיי ווייזן די יידן די טיר.

און ווייל מיר האַלטן שוין ביי פּינסק, וועלן מיר ברענגען נאָך א פּאָר פאַקטן. די פאַקטן וועלן אונדז גלייך מאַכן קלאָר, ווי מען רינגלט ארום דעם יידן, דער עיקר דעם אָרימען יידן, אָבער אויך דעם מיטעלן קלאַס יידן, און ווי מען שאַפט צו ביסלעך אן ע ק אָ נ אָ מ י ש ן ג ע ט אָ פאַר יידן אין א פּאָליטיש פרייער רעפּובליק.

אין פּינסק, ווי איך האָב שוין געזאָגט, זענען בכלל 98 פּראָצענט קרעמער יידן. און אויך די אינדוסטרי איז כמעט אויסשליסלעך אין יידישע הענט. און נישט נאָר די פאַבריקאַנטן זענען יידן, נאָר אויך די אַרבעטער זענען אין א גאַנץ גרויסער מאָס יידן. דאָס איז אַן אמת יידישע שטאָט, ווי מיר וועלן נאָך שפּעטער דערציילן.

עפנט זיך אין פּינסק אַן אָפּטיילונג פון דער מלוכה־באַנק. וועמען זאָל זי געבן קרעדיטן, אויב נישט יידישע פאַבריקאַנטן, יידישע סוחרים, יידישע קרעמער? לאָזט זיך אויס, מען גיט קרעדיטן נאָר צו פּריצים, ווען אפילו זייערע מאַיאָנטקעס זענען שוין געווען אָנגעלאָדן מיט חובות, און אויך צו קריסטלעכע קאָאָפּעראַטיוון. דערשלאָגט זיך א יידישע קאָאָפּע־ראַטיווע קרעדיט־קאַסע צו קרעדיט, איז ער קליין אין פאַרגלייך מיט די אַרומיקע קריסטלעכע קאָאָפּעראַטיוון.

קען מען מיינען, אַז דער דירעקטאָר פון דער מלוכה־באַנק איז גאָר קעגן געבן קרעדיטן צו סוחרים און קרעמער. עפנט זיך גראָד אין פּינסק א קריסטלעך פּאַפּיר־געשעפט, באַקומט דער קריסט גלייך א גאָר גרויסן קרעדיט. און אין פּינסק איז דאָ א יידיש פּאַפּיר־געשעפט, וואָס איז שוין אַלט 65 יאָר, און דעם דאָזיקן יידן זאָגט מען אָפּ. מוז דער ייד באַקומען געלט פון פּריוואַטע מענטשן און צאָלן 25 אָדער 30 פּראָצענט, בשעת דער פּאָליאַק האָט דאָס געלט פון דער מלוכה־באַנק אויף 10 אָדער 12 פּראָצענט.

און אַז איר וועט נאָך צוגעבן דערצו, אַז דער באַאַמטער, וואָס מאָנט איין שטייערן, איז אויך א פּאָליאַק, און ער האַלט פאַר זיין חוב און פאַר א נאַציאָנאַלער מצווה צו שטעלן דעם יידן וואָס מער שטייערן און איינ־מאָנען זיי מיט דער גרעסטער שטרענגקייט, וועט איר באַקומען א קלאָר בילד, ווי דער ייד איז אין דער פרייער פּוילישער רעפּובליק אַרומגענומען מיט א יי ז ע ר נ ע ר י נ ג ע ן. וואָס שניידן זיך איין אין זיין לייב און מאַכן אים ווונדן א סך מער און א סך געפערלעכערע איידער פּאָליטי־שע באַגרענעצונגען.

אין די נאַפט־גרובן אין גאַליציע זענען געווען עטלעכע הונדערט יידישע אַרבעטער און אויך א סך יידישע אָנגעשטעלטע. זינט עס איז גע־גרינדעט געוואָרן דער „טרעסט״, אין וועלכן די רעגירונג האָט א פעטן חלק, פאַלט די צאָל יידישע אַרבעטער אָן אָן אויפהער. און עס איז גאָר נאָענט

די צייט, ווען די נאַפט־גרובן, אין וועלכע יידן האָבן שווער געאַרבעט עט־לעכע צענדליק יאָר, וועלן ווערן „יידנריין". דער „טרעסט" פירט אויך אַ מלחמה מיט די יידישע נאַפט־סוחרים, און קיין געזונט קומט די לעצטע נישט צו.

ווענן די קאָנצעסיעס אויף בראַנפן האָט מען אַ סך געשריבן, און איך וועל דאָס נישט איבערחזרן. נאָר אָט איז אַ שפּאָגל נייע „גזירה" — אין האַנדל. אין דעם וואַלד־מסחר זענען די יידן כמעט די איינציקע אין פּוילן, זיי זענען די גרויסע סוחרים, וואָס שיקן אַלערליי געהילצן קיין אויסלאַנד. זיי זענען די גרויסע ספּעציאַליסטן ביים האַקן דעם וואַלד, ביים מעסטן דעם וואַלד, ביים אָפּקלייבן און סאָרטירן, ביים אויסאַרבעטן פאַר־שידענע סחורות פון האָלץ.

איז די רעגירונג איצט געקומען אויפן געדאַנק, אַז אירע וועלדער וויל זי מער נישט פאַרקויפן צו קיין פּריוואַטע מענטשן און וועט זיי אַליין באַאַרבעטן. די רעגירונג האָט פון 50 ביז 60 פּראָצענט פון אַלע וועלדער פון לאַנד. חוץ דעם איז די רעגירונג געווען ביז איצט דער בעסטער קונה אויף אויסגעאַרבעטע געהילץ־סחורות. טויזנטער יידישע אָנגעשטעלטע אין די וועלדער האָט מען שוין אָפּגעזאָגט און הונדערטער יידישע קליינע סוח־רימלעך זענען געבליבן אָן ברויט. מיר איז אויסגעקומען צו רעדן מיט אַ יידישן וואַלד־הענדלער. ער האָט זיינע אייגענע 4—5 טויזנט דאָלאַר. אויף זלאָטעס מאַכט עס אויס גאַנצע 40 טויזנט, און אין פּוילן איז דאָס אַ גאַנץ גרויסער קאַפּיטאַל, און דאָך האָט פון די אויגן פון דעם כמעט גביר אַרויסגעקוקט אַזאַ פאַרצווייפלונג, אַזאַ פאַרלוירנקייט, אַז עס האָט אָנגע־כאַפּט אַ גרויס רחמנות. ער האָט די בעסטע דרייסיק יאָר פון לעבן אָפּגע־געבן דעם וואַלד, און איצט, צו עטלעכע און פופציק יאָר, אָנהייבן פון דאָס ניי, אָנהייבן זוכן, ריזיקירן מיטן ביסל אָפּגעשפּאָרט געלט, זיך לאָזן אין אַן אומבאַקאַנטן וועג — אַ שרעק כאַפּט אים אָן. דער מענטש האָט פאַרלוירן זיין מוט און זיין גלויבן אין זיך.

אָבער טויזנט מאָל פאַרצווייפלטער און שרעקלעכער איז די לאַגע פון די יידישע וואַלד־אָנגעשטעלטע, וועלכע האָבן נישט אָפּגעשפּאָרט אַפילו אויף אַ מאָנאַט צו לעבן און וועלכע מוזן איצט אין פּוילן זוכן נייע פּרנ־סות, נייע אַרבעט. און דעריבער איז ביי זיי אַלע אַ שטימונג כאָטש צו

וואַרפן זיך אין ים אריין. זיי זענען אזוי אַפגעלאָזט, פארלוירן, נידערגע־שלאָגן, אז זיי טויגן כמעט צו גאָר נישט.

און פון וואלד האָבן געלעבט פון 20 ביז 25 טויזנט יידישע נפשות. און פון 25 טויזנט נפשות, וואָס האָבן פרנסה, האָבן דאָך אויך פרנסה א פאָר טויזנט יידישע קרעמער און א פּאָר טויזנט בעלי־מלאכות. דאָס לעבן איז דאָך געקניפט און געבונדן, און דער יידישער קרעמער און דער יידישער בעל־מלאכה האָבן דאָך פריער פון אלץ פרנסה פון דער יידישער באפעלקערונג. און ווען טויזנטער יידישע טאבאק־ארבעטער און אָנגע־שטעלטע, טויזנטער יידישע וואלד־הענדלער, הונדערטער זאלץ־ און בראָנפן־פארקויפער פארלירן זייערע פרנסות, מוז עס א שטארקן קלאפ טון אויך איבערן יידישן קרעמער און יידישן בעל־מלאכה.

און איר ווייסט שוין פון די טעלעגראמעס, אז די רעגירונג פּלאַ־נעוועט אריינצונעמען דעם תבואה־פארקויף אין איר מלוכה־ביוראָ, וואָס זאָל זיין דירעקט פארבונדן מיט די פויערים און פויערים־קאָאפעראטיוון און ארויסשטויסן אלע פארמיטלער פון דעם תבואה־מארק. דאָס מוז טרעפן גאָר א סך צענדליקער טויזנטער יידישע משפחות, און עס איז קיין וואונדער נישט, וואָס עס האָט ארויסגערופן אזא פאניק און אזא שרעק אויף דער יידישער גאס.

און שוין איצטער גיט די רעגירונג ארויס פּרעמיעס פאר תבואה־עקספּאָרט. אָבער אין דער רעגירונגס־ביוראָ, וואָס באשטימט די פּרעמיעס, זיצט קיין איין איינציקער ייד נישט אויף 18 מיטגלידער, און פארשטייט זיך, אז די יידישע עקספּאָרטערס מוזן ווארטן אויף דערלויבענישן א סך לענגער איידער נישט־יידישע, און די גרויסע פּריצים גיט מען דעם פּאָרצוג.

און אזוי ווי יידן פילן, אז דער תבואה־האנדל, וועלכער שפייזט גע־וויס דירעקט און אומדירעקט א האלבן מיליאָן יידישע נפשות, גליטשט זיך ארויס פון זייערע הענט, און אזוי ווי נאָך תבואה קען קומען פלאַקס, און מען רעדט שוין שטארק וועגן אָרגאניזירן דעם פלאַקס־פארקויף, און נאָך פלאַקס קען קומען אן אנדער ארטיקל און נאָך אן ארטיקל, איז די יידישע מאסע שטארק איבערגעשראָקן און געפינט זיך ממש אין א היסטערישן צושטאנד.

גיט מען נאָך צו דעם אלגעמיינעם קריזיס, וואָס האָט אויך מער פון

אלץ געטראָפן דעם יידן, און אויף וועלכן מיר וועלן זיך נאָך ווייטער אָפּ־שטעלן, ווערט פארשטענדלעך, פארוואָס די יידן געפינען זיך אין אזא היסטערישן, אומנאטירלעך־נערוועזן, צערודערטן צושטאנד.

די אלע אויסגערעכנטע מאָנאָפּאָלן פון דער רעגירונג זענען, אין תוך גענומען, פּ ר אָ ג ר ע ס י וו ע דערשיינונגען. און וואָלטן זיי געטראָגן נאָר א כאראקטער פון קאמף קעגן דעם פּארמיטלער, וואָלטן מיר נישט געקענט און נישט געטאָרט פּראָטעסטירן קעגן זיי. און וואָלטן זיי געווען נאָר אזא מין קאמף, וואָלטן זיי די יידן גאָר אזוי פיל נישט געשטערט.

די רעגירונג האָט איבערגענומען די טאבאק־אינדוסטרי, וואָלט זי נאָר איבערגעלאָזט די יידישע אָנגעשטעלטע און די יידישע ארבעטער, וואָלטן מיר גאָר נישט געהאט קעגן דעם. און אפילו ביים וואלד־האנדל און ביים תבואה־עקספּאָרט, ווען עס וואָלטן געבליבן די יידן אלס מלוכה־אָנגעשטעלטע, וואָלטן מיר גאָר געדארפט באגריסן די רעגירונגס־מאָנאָפּאָליע. כאָטש א געוויסער פּראָצענט יידן וואָלטן געליטן דערפון.

אָבער אין פּוילן הערשט א נ א צ י אָ נ א ל ע ר ב אָ ל ש ע וו י ז ם און ווי נאָר א צווייג פון דער אינדוסטרי ווערט מאָנאָפּאָליזירט, ווערט ער „יידנריין". נישט דער יידישער פאבריקאנט אָדער גרויסער וואלד־סוחר אָדער גרויסער תבואה־עקספּאָרטער ווערט רואינירט, ווי דאָס איז געווען אין רוסלאנד, נאָר דער יידישער א ר ב ע ט ע ר, דער יידישער אָ נ־ג ע ש ט ע ל ט ע ר, דער יידישער ק ל יי נ ע ר הענדלער און דער יידישער ב ע ל־מ ל א כ ה — אָט די מאסן ווערן ארויסגעוואָרפן גראָב און גרוייזאם אויף דער גאס, און מען האלט אפילו נישט פאר נויטיק זיך צו אינטערעסירן מיט דער פראגע, וואָס קען ווערן מיט די דאָזיקע דעקלאַסירטע, פּאראָרימטע מאסן.

אָט קעגן דעם נ א צ י אָ נ א ל ן ב אָ ל ש ע וו י ז ם, וואָס ווינקלט זיך איין אין א פרומען, געזעלשאפטלעך־פּראָגרעסיוון טלית, קעגן דעם דאָזיקן יידישן חורבן, וועלכן מען האלט אונטער א מאנטל פון געזעלשאפטלעכן פּראָגרעס, מוז מען פירן דעם גרעסטן קאמף.

אָבער פרעגט זיך, צי זאָל מען קעמפן קעגן דעם נ א צ י אָ נ א ל ן בייגעשמאק פון די דאָזיקע רעפאָרמען אָדער קעגן די רעפאָרמען גופא?

מיר מיינען, אז דער עיקר מוז מען קעמפן קעגן דעם נאציאָנאלן

בייגעשמאַק. די אַלע איינרעדעניש, אַז די רעגירונג מאַכט די דאָזיקע רע־פאָרמען נאָר פון אַנטיסעמיטישער בלינדקייט און מוז עקאָנאָמיש דורכ־פאַלן, זענען זעלבסטנאַרעריי און וועלן צו קיין גוטע רעזולטאַטן נישט ברענגען. די ערשטע פּאָר יאָר וועט טאָקע אפשר די פּוילישע רעגירונג פירן דעם וואַלד־האַנדל און דעם תבואה־עקספּאָרט ערגער ווי די יידן, אָבער אירע באַאַמטע וועלן זיך סוף כל סוף אויסלערנען די מלאכה און וועלן עס מאַכן בעסער, ווי די יידישע קליינשטעטלדיקע אַגענטן און איבער־קויפערס.

אָט גרינדעט שוין די פּוילישע רעגירונג אין פּינסקער ראַיאָן, וואָס האָט אַ סך וועלדער, אַ העכערן וואַלד־אינסטיטוט און אַ מיטלשול אויף צוגרייטן וואַלד־ספּעציאַליסטן. און די דאָזיקע באַאַמטע, וואָס וועלן דורכ־גיין די שולן, וועלן מסתמא פאַרשטיין, ווי צו באַגיין זיך מיט געהילץ, אַז עס זאָל נישט פוילן, נישט ווייניקער ווי די יידן, וואָס האָבן פון פּראַק־טיק דאָס געלערנט.

מיר לעבן אין אַ צייט פון רעגולירן און אָרגאַניזירן, ווען די רעגי־רונגען האָבן אַ גרויסן איינפלוס אויפן עקאָנאָמישן לעבן; אין אַ צייט פון טרעסטן און סינדיקאַטן, פון פּלאַן־ווירטשאַפט און ציל־ווירטשאַפט, און נישט מיר זענען אימשטאַנד, נישט עס איז אונדזער אינטערעס צו פּרוּוון דרייען דאָס ראָד פון דער געשיכטע אויף צוריק. מען מוז אויך גע־דענקען, אַז די אַלע מלוכות, וואָס ליגן אין שכנות מיט רוסלאַנד, מוזן איר נאָכטון, נישט צוליב זייער ליבע צו די באָלשעוויסטישע אידעאַלן, נאָר ווייל זיי זענען עקאָנאָמיש געצוווּנגען דערצו.

אָט איז אַ ביישפּיל, ווי דאָס באָלשעוויסטישע רוסלאַנד צווינגט עקאָ־נאָמיש אַ שכנותדיק לאַנד צו נאַציאָנאַליזירן אַ צווייג פון דער אינדוסטריע. אין דעם לעצטן יאָר האָט פּוילן אַרויסגעפירט געהילץ אויף ווייניקער מיט גאַנצע 100 מיליאָן זלאָטעס, ווי אין יאָר 1928. פאַרוואָס? ווייל רוסלאַנד, וואָס האָט זיך גענויטיקט אין געלט און האָט נישט געהאַט קיין תבואה צו עקספּאָרטירן, האָט פאַרקויפט געהילץ אַזוי ביליק, אַז קיינער האָט נישט געקענט מיט איר קאָנקורירן. ספּעציאַליסטן האָבן מיר געזאָגט, אַז סאָוועט־רוסלאַנד האָט גענומען נאָר פאַרן אַריבערשיקן מיט דער באַן און דעם אַרבעטער־לוין, און פאַרן מאַטעריאַל האָט זי גאָר נישט גערעכנט.

און עס איז א סברה, אז די דאָזיקע קאָנקורענץ פון סאָוועט־רוסלאַנד האָט געטריבן די פּוילישע רעגירונג צום געדאַנק איבערצונעמען אין די אייגענע הענט די וואַלד־אינדוסטרי. די פּוילישע רעגירונג מוז נויטיק ווי דאָס לעבן האָבן אויסלענדישע וואַלוטע, און וועט מסתמא נאָכטון דער רוסישער סאָוועט־רעגירונג און וועט פאַרקויפן פאַר נידעריקע פּרייזן אירע וואַלד־סחורות.

און מיר קענען קיין שום פאַראיבל נישט האָבן, אויב די פּוילישע רעגירונג וויל אַזוי אָרגאַניזירן דעם אויפקויף פון תבואה ביים פּויער, אַז די תבואה זאָל נישט דורכגיין צען הענט — דאָס זענען אַלע ייִדישע הענט — נאָר עס זאָל גלייך פון פּויער גיין אין מלוכה־סקלאַדן און פון דאָרטן צום עקספּאָרטירן קיין אויסלאַנד. אויף אַזאַ אַרט וועט דער פּויער באַקומען פאַר זיין תבואה העכערע פּרייזן, און מיר קענען קעגן דעם גאָר נישט האָבן.

אָבער מיר האָבן אַלע א רעכט צו פאָדערן, אַז די אָנגעשטעלטע אין די מלוכה־סקלאַדן און די רעגירונגס־באַאַמטע פאַר דעם צוועק זאָלן זיין ייִדישע. פאַקטיש באַקומט זיך אָבער, אַז ייִדן ווערן גאָר נישט צוגעלאָזט, און די רעגירונג האַלט נישט פאַר נויטיק אפילו עפּעס צו טון פאַר די דאָזיקע דעקלאַסירטע, פאַראָרימטע מאַסן, וואָס זייער צאָל האַלט אין איין וואַקסן.

אין דער איצטיקער מלוכה, נישט נאָר ביי די באָלשעוויקעס, נאָר אין אַלע אייראָפּעאישע מלוכות, און באַזונדערס אין די ניי־אויפגעקומענע, ווי פּוילן, ליטע, לעטלאַנד און אַנדערע, פאַרנעמען די באַאַמטע א געוואַלדיק גרויס אָרט. דער דאָזיקער קלאַס מענטשן איז שטאַרק אויסגעוואַקסן אומעטום און מאַכט אויס א סך א גרעסערן פּראָצענט, ווי פאַר דער מלחמה. צוזאַמען מיט די מאַסן אָנגעשטעלטע און אַרבעטער אין די מלוכהשע און שטאָטישע אונטערנעמונגען באַקומט זיך א גאַנץ גרויסער טייל פון דער באַפעלקערונג, וואָס לעבט פון דער מלוכה און פון די שטאָטישע אמטן.

אין רוסלאַנד איז דער פּראָצענט ייִדן צווישן די באַאַמטע שוין צו א גרויסער. דערפאַר סטאַרעט זיך פּוילן, אַז ייִדן זאָלן גאָר אינגאַנצן נישט פאַרנעמען קיין אָרט אין אַזעלכע קלאַסן. און נישט נאָר מען לאָזט נישט צו קיין ייִדן אויף באַאַמטן־שטעלעס, נאָר אפילו ביי שווערער אַרבעט אויף

די אייזנבאַנען, אין די מלוכהשע אייזנבאַן־וואַרשטאַטן, אַלס טרעגער אויף די באַנען, אַלס גאַסן־ריייניקער, אַלס שוואַרץ־אַרבעטער ביי פאַרריכטן וועגן — אומעטום איז די זעלבע סיסטעם. דער ייד מוז זיין אָפּגעזונדערט, דער ייד מוז בלייבן אין זיין עקאָנאָמישער געטאָ, דער ייד ווערט נישט צוגעלאָזט צו קיין שום אַרבעט ביי דער מלוכה אָדער ביי דער שטאָט.

אָט איז אַ קליינע סטאַטיסטיק פון דער שטאָט וואַרשע. אין 1928 האָבן געאַרבעט ביי די שטאָטישע טראַמוויין 4342 אַרבעטער און אָנגעשטעלטע; פון זיי נאָר צוויי יידישע. פאַר די דאָזיקע צוויי יידישע אַרבעטער האָט די בונדישע פראַקציע אין שטאָט־ראַט געקעמפט צוויי יאָר. אין יאָר 1929 זענען צוגענומען געוואָרן נייע 1500 אַרבעטער און אָנגעשטעלטע, און יידן קוים פיר! און דאָס איז אין אַ צייט, ווען טויזנטער יידישע אַרבעטער גייען אַרום גאַנצע יאָרן ליידיק און זענען גרייט צו טון די שווערסטע אַרבעט, אַבי ברויט צו פאַרדינען.

די אומפאַרשעמטקייט פון דעם וואַרשעווער אַנטיסעמיטישן מאַגיסטראַט גייט אָבער אַ סך ווייטער. אין דער וואַסערלייטונג און קאַנאַליזאַציע זענען געווען פאַרנומען אין יאָר 1928 — 1857 אַרבעטער און אָנגעשטעלטע, צווישן זיי אַ פּאָר צענדליק יידן. היינטיקס יאָר האָט מען צוגענומען העכער טויזנט נייע אַרבעטער, און די עטלעכע יידן האָט מען אַרויסגעוואָרפן! אויב מיר זאָלן נישט רעכענען דעם יידישן שפּיטאָל, דעם יידישן מושב זקנים און דעם יידישן פינדל־הויז, האָט דער שטאָט־ראַט באַשעפטיקט מער פון 20 טויזנט מענטשן, און צווישן זיי אַרום פופציק יידן — אַ פּערטל פּראָצענט! און די יידן מאַכן אויס אין וואַרשע אַ גאַנץ דריטל פון דער באַפעלקערונג און טראָגן אַריין מער פון אַ העלפט פון אַלע שטייערן!

און קומט צו שטייערן, האָט מען אויפן יידן גאָר קיין רחמנות נישט, מען רייסט פון טויט און פון לעבעדיק. היינטיקע וואָך איז געווען אין וואַרשע אַזאַ פאַל:

דער שטייער־קאָלעקטאָר איז געקומען צו אַ פרומער יידענע, אַן אַלמנה, מאָנען ביי איר שטייער זעקס גילדן. אַזוי ווי זי האָט נישט געהאַט צו באַצאָלן די זעקס גילדן, האָט ער ביי איר צוגענומען די איבערבעט, וואָס די אַלמנה האָט פאַרמאָגט. די אַלמנה איז אַרויס אויפן הויף און

האָט זיך צעוויינט. די שכנים, אָרימע לייט, האָבן צונויפגעזאַמלט צווישן זיך זעקס זלאָטעס און האָבן אויסגעקויפט ביים שטייער־קאָלעקטאָר די אי־בערבעט. אָט אַזוי מאָנט מען שטייער ביי יידן!

אָט ליגט פאַר מיר א קאָפּיע פון א בקשה פון א יידישער קרעמערקע, ברכה פּשעקופּניק פון ביאַלע, צו דער שטייער־קאַמער אין לובלין. דאָס איז א דאָקומענט, וועלכן עס וואָלט זייער כדאי געווען צו ווייזן דעם פּוי־לישן קאָנסול אין וואַשינגטאָן, וועלכער האָט זיך נישט לאַנג דאָרט באַ־רימט פאַר א דעלעגאַציע פון דער פּויליש־יידישער פעדעראַציע, אַז די יידן לעבט זיך אין פּוילן ממש ווי אין גן־עדן.

ברכה פּשעקופּניק שרייבט, אַז מען מאָנט ביי איר פאַרשידענע שטייַ־ערן ביז 200 זלאָטעס. דער שטייער־קאָלעקטאָר האָט ביי איר אין קראָם צוגענומען: 4 קילאָגראַם רייז, 4 קילאָגראַם פאַסאָליעס, 5 קילאָגראַם גרויפּן, 2 קילאָגראַם צוקער און 50 פּלעצלעך ליים. די גאַנצע קראָם באַטרעפט אביסל מער פון 13 זלאָטעס, אַנדערהאַלבן דאָלאַר, און מאָנען מאָנט מען ביי איר שטייערן 200 זלאָטעס!

איינע פון די שווערסטע גזירות, ממש א פּרעה־גזירה, וואָס טראָגט אין זיך די גרעסטע געפאַר פאַרן גאַנצן קלאַס יידישע בעלי־מלאכות, פאַר העכער א דריטל פון דער יידישער באַפעלקערונג, איז די באַקאַנטע צעכן־גזירה. מען פירט איין ספּעציעלע עקזאַמענס אויף טיטול „מייסטער", און מען שאַפט פאַקטיש אַזעלכע באַדינגונגען, אַז די יידישע בעלי־מלאכות זאָלן דורכפאַלן און אַז די יידישע האַנטווערקער יוגנט זאָל נישט דער־גרייכן קיינמאָל צום טיטול „מייסטער".

שוין דאָס אליין, וואָס די עקזאַמענס וועלן דורכגעפירט ווערן אויף פּויליש און פון פּוילישע עקזאַמענאַטאָרן, וועט געוויס ברענגען דערצו, אַז טויזנטער עלטערע יידישע בעלי־מלאכות, וועלכע קענען זייער פאַך א סך בעסער פון די עקזאַמענאַטאָרן, וועלן פונדעסטוועגן דורכפאַלן.

אָבער נאָך ערגער איז די לאַגע מיט דער אונטערוואַקסנדיקער יוגנט. לויטן געזעץ מוז יעדער לערן־ייִנגל דורכגיין אין איין צייט מיטן אַרבעטן אין ווערק־שטוב אַוונט־קורסן פון אַלגעמיינער און ספּעציעלער פאַכאָ־ווער בילדונג. איז דאָס דאָך גאָר א פיינער געזעץ, גאָר ווי ביי לייטן, גאָר ווי אין ציוויליזירטע לענדער. אָבער דער ווילער און פיינער געזעץ איז

פאר יידן ממש סם־המות. אין גאנץ פוילן לערנען זיך שוין אויף אזעלכע קורסן ביז 92.000 האנט־ווערקער, יינגלעך און מיידלעך, אָבער נאָר 3000 יידישע, ארום דריי פּראָצענט, ווען יידן מאכן אויס מער פון א העלפט פון אלע בעלי־מלאכות אין פוילן.

אין ווארשע אליין לערנען זיך אויף אזעלכע קורסן 11 טויזנט יינגלעך און מיידלעך, און יידישע סך הכל 327, דאָס הייסט אקוראט דריי פּראָצענט. וואָלט מען געמיינט, אז יידן ווילן נישט שיקן זייערע קינדער אויף קורסן, פארשטייט מען אליין, אז דאָס איז אוממעגלעך. מען מאכט אָבער אזוי, אז יידן זאָלן נישט קענען שיקן זייערע קינדער אויף אזעלכע קורסן. מען עפנט די קורסן ספּעציעל נאָר אין די קריסטלעכע קווארטאלן. פאלט אריין א יידישער לערן־יינגל, פארבימערט מען אים אזוי דאָס לעבן, אז ער מוז אנטלויפן. מען באהאלט דאָס הימל, דעם מאנטל, מען גיסט אויס דעם טינט אויפן העפט, מען שלאָגט, מען מאכט חוזק, ווען דאָס יידיש קינד ענטפערט נישט אזוי גוט אויף פויליש. הכלל, מען פארסמט אים אזוי דאָס לעבן, אז ער מוז אנטלויפן.

על פי יושר וואָלט מען געדארפט פאר די יידישע לערן־יינגלעך עפענען באזונדערע קורסן אויף יידיש, נאָר יושר איז אין פוילן גארנישט קיין גאנגבארער ארטיקל, מוזן יידן אליין זאָרגן פאר זיך. דארף מען אָבער אויך אויף דעם די צושטימונג פון די באאמטע און נאָך א סך געלט דערצו.

מיר האָבן דאָ, פארשטייט זיך, נישט אלץ אויסגערעכנט. מען וואָלט געקענט וועגן יעדן פּונקט אָנשרייבן א גאנצע אָפּהאנדלונג. וועגן די שטייערן אליין וואָלט מען געקענט אָנשרייבן א נייע „איכה", וואָרום מען קען נישט באגעגענען אין פוילן קיין איין יידן, וואָס זאָל נישט קרעכצן און נישט דערציילן, ווי די שטייערן שטיקן און ווערגן.

מען דארף געדענקען, אז נאָך עד־היום זענען אין פוילן די רייכסטע מענטשן די גרויסע פּריצים, וואָס האָבן גרויסע מאיאָנטקעס, און דאָך האָבן אלע לאנד־אייגנטימער ארייננעטראָגן דער רעגירונג, אין יאָר 1928, 64 מיליאָן זלאָטעס דירעקטע שטייערן, און דער האנדל מיט דער אינדוסטרי — 350 מיליאָן זלאָטעס דירעקטע שטייערן. חוץ דעם אָבער וואָס די לאנדווירטשאפט טראָגט אריין אין דער מלוכה־קאסע זעקס מאָל ווייניקער ווי האנדל און אינדוסטרי, האָט זי באקומען פון דער מלוכה

צוריק אין הלוואות און שטיצע 470 מיליאָן זלאָטעס אין דעם זעלבן יאָר, אין דער צייט, ווען די שטאָטישע באַשעפטיקונגען ווערן באַהאַנדלט פון דער רעגירונג ווי שטיף־קינדער.

עס באַקומט זיך, אַלזאָ, אַ טאָפּלטע אומגערעכטיקייט צו יידן. מען שטיצט, דער עיקר, די לאַנדווירטשאַפט, מען זויגט אויס דעם מאַרך פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג און מען גיט עס אָפּ דעם דאָרף. מען נעמט פון שטאָט אַ סך מער שטייערן ווי פון דאָרף. און קומט צו הלוואות איז נאָך אַמאָל דאָס דאָרף אויפן ערשטן פּלאַץ. די יידן זענען אָבער זייער ווייניק באַשעפטיקט אין לאַנדווירטשאַפט און קענען דעריבער ווייניק גע־ניסן פון די טובות, וואָס ווערן געטון דעם דאָרף.

די אַלע פאַקטן, וואָס מיר האָבן געבראַכט, זענען נישט קיין צופע־ליקע זאַכן, געמאַכטע פון דעם אָדער יענעם שלעכטן באַאַמטן. דאָס זענען טיפּישע דערשיינונגען, וואָס חזרן זיך איבער פון שטאָט צו שטאָט, פון שטעטל צו שטעטל. זיי זענען אַ נאַטירלעכער רעזולטאַט פון אַ פּאָלי־טישער סיסטעם, וועלכן מיר האָבן אַ נאָמען געגעבן נאַציאָ־נאַלער באָלשעוויזם.

יאָ, אין פּוילן ווילדעוועט אין זיינע ערגסטע פאָרמען אַ נאַציאָ־נאַלער באָלשעוויזם, וואָס איז אַ סך ערגער, ווי דער באָל־שעוויזם פון סאָוועטן־לאַנד, ערגער און גרויזאַמער, ווייל ער טיילט אויס יידן עקאָנאָמיש, שטעלט אויף די מיטלאַלטערלעכע עקאָנאָמישע וואַנט צווישן דער יידישער און נישט־יידישער באַפעלקערונג, שטעלט אויף אַ סאָציאַלע און קלאַסן־געטאָ אויפן אָרט פון דער פּאָליטי־שער. מען טיילט אָפּ די יידישע באַפעלקערונג עקאָנאָמיש און מען פאַר־שטופּט זי אין די אָפּגעשטאַנענסטע ווינקעלעך פון עקאָנאָמישן לעבן, מען רינגלט ארום די יידישע באַפעלקערונג מיט אַ צוים פון עקאָנאָמישע אייזערנע ווענט, וועלכע זענען שרעקלעכער פון די מיטלאַל־טערלעכע געטאָ־ווענט.

און דערמיט דערקלערט זיך די פּאַניק, וואָס וואַרפט זיך אין די אויגן ביי יידן אין פּוילן, דער נערוועזער צושטאַנד, וואָס איז אונדז אַזוי גוט באַקאַנט פון באָלשעוויסטישן רוסלאַנד, די נישט־זיכערקייט אין

מארגנדיקן טאג. דערפון נעמט זיך די מורא פאר פלוצימדיקע, נישט פאר־אויסגעזעענע האנדלונגען פון באאמטן, וואס אין זיינע הענט איז דער ייד ווירקלעך כחומר ביד היוצר, ווי ליים אין די הענט פון דעם טעפער.

דערפון נעמט זיך די פסיכאלאגיע פון „פארלעב בעסער דאס ביסל געלט, וואס דו האסט, ווארום מען וועט עס סיי ווי ביי דיר צונעמען". און פון דער צווייטער זייט, די פסיכאלאגיע, אז אין פוילן קען מען זיך צו גאר נישט דערשלאגן, אז אין פוילן שטייען ערשט פאר צרות און צרות, אז ווער עס קען נאר, מוז אנטלויפן, ראטעווען זיך וואס גיכער, ווארום שפעטער וועט זיין נאך ערגער.

VI

דריי פערטל פון דער יידישער באפעלקערונג האט נישט גענוג צום לעבן

איך האב אין איינעם פון מיינע פריערדיקע ארטיקלען איבער דער לאגע פון די יידן אין פוילן שוין באמערקט, אז דער מצב פון די יידישע מאסן איז געפאלן נאך דער מלחמה. די צאל רייכע לייט איז געווארן קלענער. די צאל מיטעלע באלעבאטים איז אויך געפאלן.

פאר דער מלחמה האבן די דאזיקע צוויי גרופעס געהאלטן שטארק אין וואקסן. פארשטייט זיך, אז אויך אין די לעצטע יארן זענען געווען צענדליקער און הונדערטער יידן, וואס האבן באקומען געלט, זענען גע־ווארן רייך, האבן אויפגעבויט פאבריקן און הייזער און האבן זיך ארויפ־געדראפעט אויף א גאנץ הויכן שטאפל פון געזעלשאפטלעכן לייטער. אבער די דאזיקע פאלן זענען איצט א סך זעלטענער ווי פאר דער מלחמה. דער־פאר זענען אבער געווארן אפטער די ירידות. א נגיד פאלט מיט אמאל אראפ אין דער ערד אריין. מען פאלט און מען זינקט און מען שטעלט זיך אין דער רייע פון די קבצנים.

זייענדיק אין פוילן, בין איך אראפגעפארן קיין אטוואצק אויף א פאר טעג אנשרייבן א פאר ארטיקלען. אטוואצק איז א קוראָרט נעבן ווארשע, און א קוראָרט כמעט אויסשליסלעך פאר יידן. און די יידישע פענסיאנען, וועלכע נעמען גאר נישט ביליק, זענען תמיד געפאקט, זומער און ווינטער. איז מיר געווען אינטערעסאנט צו מאכן א שטיקל חשבון ביים טיש, ביי וועלכן איך בין געזעסן.

נעבן מיר איז געזעסן א ייד פון א יאר פינף און פערציק. ער האט אין אנהייב נישט געוווּסט, ווער איך בין, און איך האב נישט געוווּסט, ווער ער איז. איך בין גראד דעמאלט געקומען פון לאדזש און האב דער־

ציילט, ווי אנטיסעמיטיש די יידישע פאבריקאנטן באגייען זיך מיט יידישע ארבעטער. איך האב, ווייזט אויס, אנגערירט א קראנקן פונקט, און דער ייד האט אויסגעשאסן: „מיט יידישע ארבעטער קען מען נישט ארבעטן. זיי טראכטן מער ווי צו ווערן באלעבאטים, ווי וועגן דער ארבעט. א קאנטראקט איז קיין קאנטראקט נישט און קיין ווארט האלטן זיי נישט. מען קען זיך אויף יידישע ארבעטער נישט פארלאזן, ווייל צו א שטרייק גייען זיי ווי צום טאנץ".

ער האט געגאסן פעך און שוועבל און האט שוין דערוויל אויסגעזאגט, אז ער האט א גרויסע פאראוועמיל, נאר קיין יידן נעמט ער נישט אן. איך האב אים געלאזט אויסגיסן זיין שווער הארץ און האב אים גענומען דערציילן, וואס פאר א שמועס איך האב געהאט די טעג אין באן מיט א פוילישן אנטיסעמיט.

דער קריסט האט געטענהט, אז דער יידישער סוחר טראכט נישט וועגן דער קוואליטעט פון דער סחורה, נאר דער עיקר וואס מער אריינצוכאפן פארדינסט. דער יידישער סוחר האלט נישט קיין ווארט, און ווען ער קען פארקויפן זיין שוין איין מאל פארקויפטע סחורה פאר א העכערן פרייז, וועט ער שוין געפינען טויזנטער פארמעלע תירוצים נישט צו האלטן ווארט. דער יידישער סוחר רוט נישט, רעכנט נישט אוים, טראכט נישט וועגן מארגן און איבערמארגן. ער מאכט פדיון, אבי טראסקען, אבי מזומן געלט, און צום סוף קומען באנקראטן און באנקראטן, וואס רואינירן דעם גאנצן מסחר.

אונדזער רייכער מילנער האט דערפילט, אז דער יידישער ארבעטער איז גאר א נאענטער קרוב פון יידישן סוחר, גאר א לייבלעכער ברודער זיינער, מיט די זעלבע מעלות און חסרונות, און ער האט פארדרייט דעם שמועס אויף אן אנדער טעמע.

שפעטער בין איך געוואר געווארן, אז דער דאזיקער בייזער רייכער פאבריקאנט איז אפגעווען א יאר צען-צוועלף א משרת אין א מיל, האט געהערט צו א סאציאליסטישער פארטיי און האט נישט שלעכט פארטיידיקט די אינטערעסן פון די ארבעטער. ער האט געהאט די אמתע מעלות פון דעם יידישן ארבעטער. ער איז געווען קלאר אין געשעפט, נישט ערגער פון דעם באלעבאס. ער האט געקענט אלע פירמעס, ביי וועלכע מען האט

געקויפט, און אלע קונים, וועמען מען האָט פאַרקויפט. ער האָט געהאַלטן זייער פון שטרייקן, איז געלעגן דעם באַלעבאָס אין די ביינער און האָט אים געמאַטערט די קישקעס.

סוף כל סוף איז ער געוואָרן אליין אַ באַלעבאָס, אליין אַ פאַבריקאַנט, אַ גרויסער, אַ רייכער, אַ וואַקסנדיקער, מיט ברייטע הענט און ברייטע השגות, מיט אונטערנעמערישער ענערגיע פאַר צען און מיט שנאה צום אַרבעטער, באַזונדערס צום יידישן אַרבעטער. דער מענטש איז אויסגעוואַקסן אין דער צייט פון דער מלחמה און פון דער פאַרפּלייצונג פון פּאַפּיר־געלט.

איך האָב נאָך דעם נישט איין מאָל פאַרבראַכט מיט דעם דאָזיקן אויפגעקומענעם גביר. ער האָט געקרעכצט און גערעדט וועגן קריזיס, אָבער עס האָט זיך געפילט, אַז ער איז צופרידן מיט די לעצטע צען יאָר. דער מוסר־השכל פון אַלע געשפּרעכן איז געווען: מען דאַרף זיין אַ מענטש, מען דאַרף נישט זיין קיין שוטה און מען קען מאַכן אַ לעבן.

איך האָב געבראַכט דעם ביישפּיל, ווייל ער איז געווים אַ טיפּישער. אין פּוילן זענען דאָ צענדליקער און הונדערטער אויפגעקומענע יידישע גבירים, אויפגעקומענע אין די שלעכטע און ביטערע יאָרן, טאַקע דעמאָלט, ווען טויזנטער און צענדליקער טויזנטער זענען געפאַלן, זענען געוואָרן יורדים, האָבן פאַרלוירן דעם פאַר־מלחמהדיקן פאַרמעגן.

אָט זיצט אין האָטעל, טאַקע ביים אייגענעם טיש, אַ יידל פון אַ יאָר 50, מיט אַ גרויסער שווייצנדיקער ליסענע, מיט אַ פּליך, וואָס האָט זיך מיט גדלות צעלייגט איבער זיין שמאָלן קאָפּ, און זאָגט ווי צום אַרומיקן עולם: פאַר יעדער אויסגעפאַלענער האָר האָב איך אָפּגענומען טויזנטער זלאָטעס. נישקשה, פאַר אַזאַ פּרייז איז שוין כדאי אָנצוווערן די שענסטע האָר. מיט מיין פּליך שעם איך זיך נישט.

ווער איז ער? אַ משרת פון געגשא גאַס, פון וואַרשעווער מאַנופאַקטור־צענטער, וואָס האָט אין דער צייט פון מלחמה געהאַנדלט בגנבה מיט פּעקלעך מאַנופאַקטור. נאָך דער מלחמה האָט ער געעפנט אַ מאַנופאַקטור־געשעפט. אין דער צייט, ווען געלט איז געפאַלן, האָט ער געקויפט אַ סך הייזער אין בערלין פאַר גראָשנס און איצט זענען זיי ווערט מיליאָנען. איצט זיצט ער אין בערלין דריי חדשים אין יאָר און האַנדלט — מיט אַלץ

האנדלט ער. מאכט זיך א וואגאָן אייער — איז אייער, מאכט זיך חזיר־האָר — איז אויך גוט. און לייען געלט אויף פּראָצענט אָדער אויף שותּפותדיקע געשעפטן — איז אוודאי גוט. דאָס מאנופאקטור־געשעפט אין ווארשע פירט זיך ווייטער. דאָס איז דאָס בית־מדרשל, וואָס כשרט אלע איבעריקע געשעפטן. דער דאָזיקער ייד שוויצט אויך שטארק, נאָר דאָס איז גאָר אן אנדער מין שוויצן ווי דאָס שוויצן פון יענעם 70־יאָריקן זקן, וואָס האָט געטראָגן דעם קאָרב קוילן אויפן דריטן שטאָק.

פון צוואנציק מענטשן אין האָטעל האָב איך אָנגעציילט זעקס, וואָס זענען ערשט נאָך דער מלחמה רייך געוואָרן. איין חילוק איז דאָך פאראן צווישן די דאָזיקע נאָך־מלחמהדיקע גבירים מיט די אמאָליקע אויפגעקומענע נגידים. פאר דער מלחמה, ווען א ייד איז אריבערגעשפּרונגען די הונדערט טויזנט רובל, איז דאָס שוין געגאנגען ווי אויף פּוטער. אין ניין פאלן פון צען איז ער שוין געוואקסן ווייטער און ווייטער, און ער איז שוין געווען א זיכערער גביר. גאָר אנדערש איז איצט. פון צען רייך־געוואָרענע פאלן א העלפט ווייטער אראָפּ און ווערן צוריק קבצנים אָדער פּשוטע באלעבאטים. מען טראסקעט אָפּ א פּאָר יאָר, דער קאָפּ פארדרייט זיך, און נישט נאָר ביים גביר אליין, נאָר אויך און א סך מער ביים ווייב און קינדער. לעבן גוט האָט מען זיך שנעל אויסגעלערנט, מאכן גרויסע הוצאות איז מען איצט א סך גרעסערע בריות ווי פאר דער מלחמה. און פלוצים מאכט מען א חשבון, אז מען האָט שוין אויפגעגעסן נישט נאָר דעם אייגענעם פארמעגן, נאָר אויך פרעמד געלט, און מען האָט קיין אויסוועג נישט. די אלע פארדרייטע נגידים זענען די ערשטע קאנדידאטן אויף ווארפן זיך פון פינפטן אָדער פערטן שטאָק.

אין אזא גרויסער שטאָט ווי ווארשע איז שווער פעסטצושטעלן, וויפל זענען רייך געוואָרן און וויפל זענען אָרים געוואָרן. אפילו אין א קלענערער שטאָט איז דאָס אויך שווער פעסטצושטעלן. נאָר פונדעסטוועגן קען מען אָנווארפן א שטיקל בילד, וואָס זאָל געבן א פאָרשטעלונג וועגן דער ווירקלעכקייט.

לאָמיר נעמען פּינסק. אין פּינסק זענען איצט פאראן ארום צוואנציק רייכע וואלד־סוחרים. רייך הייסט איצט דער, וואָס פארמאָגט מער פון הונדערט טויזנט זלאָטעס, דאָס הייסט, פון צען ביז פופצן טויזנט דאָלאר.

ס'זענען פאראן א פּאָר וואלד־סוחרים, וואָס פארמאָגן אפילו מער — ביז פינף און צוואנציק טויזנט דאָלאר. ווער זענען זיי? פון די צוואנציק רייכע וואלד־סוחרים זענען נאָר פיר פאר־מלחמהדיקע רייכע וואלד־סוחרים און זעכצן אויפגעקומענע.

ווער זשע זענען די אויפגעקומענע? איינער איז א געוועזענער סטאָליער, א צווייטער איז גאָר א געוועזענער פּעלצן־מאכער און א דריטער איז געווען א פשוטער ארבעטער אויף א שיף. מילא, זענען דער סטאָליער און דער שיף־ארבעטער כאָטש שטיקלעך מבינים אויף האָלץ און געהילץ. אָבער ווי קומט א פּעלצן־מאכער צו וואלד־האנדל? איז טאקע א קשיא. אָבער די צייט, ווען געלט איז געפאלן, האָט א סך קונצן געוויזן און האָט שטארק איבערגעטאשעט די מענטשן און איבערגעקערט וועלטן.

פאר דער מלחמה זענען אין פּינסק שוין געווען 10 יידן, וואָס יעדער פון זיי האָט פארמאָגט א מיליאָן רובל און מער, דאָס הייסט, א האלבן מיליאָן דאָלאר. א פּאָר זענען געווען באנקירן, א פּאָר — גרויסע פאבריקאנטן, א פּאָר — שיף־אייגנטימער, און די איבעריקע — גרויסע סוחרים. איצט איז נאָר געבליבן איין מיליאָנער, דער באלעבאָס פון דער שוועבעלעך־פאבריק. אָבער ער וווינט נישט אין פּינסק. מער זענען אזעלכע רייכע לייט נישטאָ.

פאר דער מלחמה זענען געווען ביז פופציק מענטשן אין פּינסק, וואָס יעדער פון זיי האָט פארמאָגט פון 50 ביז 100 טויזנט רובל. דאָס איז שוין געווען אן אָנגעזעענע גרופּע נגידים אין שטאָט, וואָס האָט געהאלטן אין איין וואקסן. און ביי א גענויער אויספאָרשונג וואָלט מען געקענט פעסטשטעלן, ווי כמעט יעדן יאָר פאר דער מלחמה פלעגן צוקומען צו דער גרופּע נאָך א צוויי־דריי נייע גבירים. איצט איז אָט די דאָזיקע גרופּע כמעט אינגאנצן פארשוואונדן. די נגידים זענען איצט די, וואָס פארמאָגן פון צען ביז פופצן טויזנט דאָלאר, און זייער צאָל איז אויך זייער א באגרענעצטע. פאר דער מלחמה האָט מען אָבער אין פּינסק געקענט אָנציילן ביז א פּאָר הונדערט יידן, וואָס יעדער פון זיי האָט פארמאָגט פון צען ביז פופצן טויזנט דאָלאר.

די צאָל נגידים און אפילו פשוט פארמעגלעכע איז געוואָרן וויניקער. די סומען, וואָס די נגידים פארמאָגן, זענען א סך קלענערע, ווי פאר דער

מלחמה, און אויך די מענטשן האָבן זיך שטאַרק געביטן. פון א העלפט ביז דריי פערטל זענען דאָס גאַנץ נייע מענטשן, וואָס זענען ארויסגע־שפּרונגען ערשט נאָך דער מלחמה אָדער אין דער צייט פון דער מלחמה. זיי זענען געוועזענע משרתים אָדער בעלי־מלאכות, געוועזענע קליינע מענ־טשעלעך מיט גוטע עלנבויגנס צו שטופּן זיך און מיט לאַנגע געזער, וואָס שמעקן אָן א געשעפט אונטער דער ערד.

טאַקע אין דעם אייגענעם פינסק האָט מען מיר געוויזן זייער א שיין מויערל, אויסגעבויט ערשט די לעצטע יאָרן. עס האַלט צוויי שטאָק. אין דעם ערשטן שטאָק ווערט פאַרקויפט מאַנופאַקטור־שטאָף און אין צווייטן גרייטע קליידער. ווער זענען די באַלעבאַטים? דאָס זענען צוויי געוועזענע אָנגעשטעלטע, משרתים, וואָס זייערע באַלעבאַטים זענען געוואָרן בעטלער. זיי, די משרתים, זענען בשעת מלחמה אין ערגעץ נישט געלאָפן, זיי זענען געבליבן אויפן אָרט. זיי האָבן געהאַט גוטע פאַרבינדונגען מיט א יידישער און קריסטלעכער קונדשאַפט. האָבן געהאַנדלט צוערשט קליין, האָבן אָבער אויסגענוצט די צייט, ווען דאָס לאַנד איז פאַרפלייצט געוואָרן מיט פּאַפּיר־געלט, נישט נאָר אויף מאַכן אומזאַץ, נאָר אויך אויף בויען געביידעס און אריינלייגן געלט אין זאַכן, וואָס האַלטן אָן זייער ווערט. אָט די דאָ־זיקע צוויי משרתים־שותּפים האָבן איצט דאָס גרעסטע און בעסטע מאַ־נופאַקטור־געשעפט, און זיי בענטשן די מלחמה, וואָס האָט איבערגעקערט פינסק און האָט געמאַכט, אז די עליונים זענען אראָפּגעפאַלן למטה און די תחתונים זענען ארויף אויבן אָן. נישט מיט אַלע אונטערשטע איז דאָס געשען, אָבער א קליינע גרופּע האָט זיך ארויפגעארבעט.

מענדעלע האָט באַשריבן ווי אין קאַבצאַנסק קומט אויף א יידישער גביר איבער נאַכט, ממש ווי אן אוגערקע. ערשט נעכטן איז נאָך קיין סימן נישט געווען און אויף מאָרגן ליגט אין גאָרטן א גרינע אוגערקע און קוועלט פון דער וואַרעמער זון, וואָס האָט איר געגעבן חיות און זאַפט. די איצטיקע יידישע גבירים איז דאָס אָנגעקומען מיט גרינע ווערעם. האַנדלען מיט מאַנופאַקטור, אָדער געהילץ, אָדער תבואה אין דער צייט פון מלחמה, איז געווען א געגנג ריזיקאַליש געשעפט, און דער מסחר אין דער צייט, ווען געלט איז געפאַלן, האָט אויך פיין אויסגעזויגן די נערוון און אויס־געדאַרט דעם מוח. זענען טאַקע די איצטיקע פריש־געבאַקענע, אויפגע־

קומענע נגידים מענטשן מיט שטארק פארהארטעוועטע נערוון און כאַראַקטערן. זיי קענען זיך באַרימען, אַז נישט פון הימל פאַלט רייכקייט אַראָפּ, נישט דורך נסים ווערט מען אַ גביר, נאָר דאָס איז אַ שווער שטיקל אונטערנעמונג. מען דאַרף דערביי איינשטעלן דאָס לעבן, מען איז הונדערטער מאָל אָט אויפן פערד און אָט אונטערן פערד; מען ווערט געשליידערט און געוואָרפן פון היץ און קעלט און צוריק. הכלל, עס איז אַ ריזיקאַליש געשעפט, וואָס פאָדערט געדולד, איינשטעלעניש, פעאיקייט און ריזיקע־שוווּנג.

אויב דער אויבערשטער שטאַפּל פון יידישן עקאָנאָמישן לעבן איז געוואָרן נידעריקער, דינער און קלענער, איז אָבער דער גאָר אונטערשטער שטאָק, דער דלות־שטאָק, דער דחקות־פונדאַמענט, געוואָרן אַ סך ברייטער און געדיכטער. ער איז אויסגעוואַקסן אויפן חשבון פון אַלע מיטל־עטאַזשן און אויך אויפן חשבון פון דעם גאָר העכסטן שטאָק.

מיר קענען זיך פאָרשטעלן דאָס עקאָנאָמישע לעבן ווי אַ פּיראַמידע, מיט אַ ברייטן פונדאַמענט, אויף וועלכן די העכערע עטאַזשן ווערן אַלץ שמאָלער. מען מוז צוגעבן, אַז פאַר דער מלחמה זענען ביי יידן די מיטעלע קלאַסן, די מיטעלע עטאַזשן פון דער געביידע, געווען געוועלעך אַ סך ברייטער ווי ביי אַנדערע פעלקער. מעגלעך, אַז אפילו דער גאָר העכסטער עטאַזש איז אויך ביי יידן געווען אַביסל ברייטער, ווי ביי דער אַרומיקער באַפעלקערונג. איצט אָבער איז דער העכסטער עטאַזש אַ סך שטאַרקער איינגעדאַרט געוואָרן ביי יידן, ווי ביי נישט־יידן. די מיטעלע עטאַזשן זענען אויך אַ סך שמאָלער און מאָגערער געוואָרן ביי ביידע טיילן פון דער באַפעלקערונג. אָבער יידן פילן דאָס מער, ווייל די מיטעלע קלאַסן שפּילן אַ גרעסערע ראָלע אין יידישן לעבן. וואָס איז שייך די גאָר אונטערשטע עטאַזשן, די ברייטסטע אָרימסטע מאַסן, איז ביי יידן די לאַגע איצט אַ סך ערגער, ווי ביי דער אַרומיקער באַפעלקערונג. ביי יידן זענען דאָס געווען קליינע קרעמערלעך, קליינע פאַקטאָרלעך, דער אָרימער טייל בעלי־מלאכות און כמעט אַלע אַרבעטער. די אַלע קלאַסן האָבן די לעצטע יאָרן קוים, קוים פאַרדינט אויף חיונה אָדער גאָר געהונגערט. ביי דער אַרומיקער באַפעלקערונג איז דער דלות־פונדאַמענט באַשטאַנען דער עיקר פון אַרבעטער, פּויערים און אַ קליינעם טייל שטאָטישע בעלי־מלאכות.

פון די אלע גרופעס האבן זיך א טייל ארויפגעארבעט און זענען געווארן באאמטע. זיי לעבן איצט א סך בעסער ווי פריער.

א קלענער טייל פויערים האט זיך ארויפגעארבעט, זיך דערשלאגן צו ליבעראלע פראפעסיעס און באאמטנטום אדער געווארן געניטע מעכאניקער און ארבעטער, הענדלער און קרעמער. די מיליאנען פויערים, וואס פארמאגן צו איין אדער צוויי העקטאר לאנד אויף א ווירטשאפט, לעבן נישט בעסער, ווי די יידישע ארימע מאסן אין די שטעט.

קען מען אויסמעסטן, ווי גרויס עס זענען די ארימע מאסן, ווי ברייט עס איז דער דלות־פונדאמענט, וואס אויף אים האלטן זיך אלע מיטעלע און העכערע עטאזשן? מיר וועלן דאס פרובירן טון. מיר האבן אין אונדזער רשות די יידישע שטייער־ליסטן פון ווילנע פארן יאר 1925 און פון לעמבערג פארן יאר 1928. די ליסטן ווייזן, ווי גרויס עס זענען די גאר ארימע מאסן און אויך מיטעלע און העכערע קלאסן. דערביי דארף מען באמערקן, אז מיר האבן דא די ליסטן נאר פון אזעלכע, וואס האבן א וועלכן נישט איז קרעמל אדער ווארשטאטל. אין צעטל קומען נישט אריין די ארימסטע קלאסן, די ארבעטער און די גאסן־מענטשן, וואס לעבן פון שווארץ־ארבעט אדער סתם פון צופעליקע ווינט־ און לופט־פרנסות.

די, וואס מאכן אן אומזאץ ווייניקער פון צען טויזנט זלאטעס, דאס הייסט, ווייניקער פון עלף הונדערט דאלאר א יאר, זענען גרויסע קבצנים. זיי מאכן אבער אויס אין ווילנע מער פון 84 פראצענט פון אלע יידישע שטייערצאלער און אין לעמבערג — ארום 55 פראצענט. אז ווילנע איז א סך ארימער פון לעמבערג, איז גאר קיין צווייפל נישט. אבער דער גאר וואס אנגעוויזענער אונטערשיד דערקלערט זיך נאך אויך דערמיט, וואס דאס יאר 1925 איז געווען א שרעקלעך קריזיס־יאר און, פארקערט, דאס יאר 1928 איז געווען א גאנץ גוט יאר.

מיר האבן גערעדט וועגן ווייניקער פון צען טויזנט זלאטעס א יאר אומזאץ, אבער א גרויסער טייל, ארום 26 פראצענט אין לעמבערג און 40 פראצענט אין ווילנע, מאכן אן אומזאץ פון ווייניקער פון פינף טויזנט זלאטעס א יאר. ווען מיר זאלן אננעמען אפילו, אז די אלע שטייער־צאלער נארן אפ דעם פינאנץ־אמט אויף א גאנצער העלפט, און אין דער אמתן מאכן זיי אן אומזאץ ביז צען טויזנט זלאטעס א יאר, און אז זיי פארדינען

אפילו גאנצע 20 פּראָצענט פון דעם אומזאַץ, וועט דאָס הייסן, אז יעדער איינער פון זיי פאַרדינט צוויי טויזנט זלאָטעס, דאָס הייסט, ארום 220 דאָלאר א יאָר, אָדער פון 18 ביז 19 דאָלאר א חודש. און דאָס זענען דאָך נישט איינצלנע מענטשן, נאָר משפּחות, און זייער אָפט גאנץ גרויסע משפּחות. וואָרום גראָד אין יענע אָרימע קלאסן האלט מען נאָך פון דער מצווה „פּרו ורבו", ווייל דאָס איז זייער איינציק פאַרגעניגן אין לעבן.

לאָמיר נעמען די גאָר רייכע. די, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר דעם העכסטן שטאָק פון דער געביידע פון יידישן עקאָנאָמישן לעבן. דאָס זענען די, וואָס האָבן געהאט אַן אומזאַץ פון מער ווי 100.000 זלאָטעס א יאָר. אין לעמבערג זענען געווען אזעלכע 4 פּראָצענט און אין ווילנע אינגאַנצן 1 פּראָצענט. די דאָזיקע 4 פּראָצענט גאָר רייכע האָבן אָבער געמאכט 37 פּראָצענט פון דעם גאנצן אומזאַץ, און דער 1 פּראָצענט אין ווילנע האָט געהאט ביז 12 פּראָצענט פון דעם גאנצן אומזאַץ. דאָס באווייזט, וואָס פאר א געוואלדיקער אָפּגרונט עס טיילט אָפּ אויך אין דעם פאַראָרימטן פּוילן דעם רייכן פון דעם אָרימאַן.

דורכשניטלעך האָט יעדער פון די גאָר רייכע געהאט אַן אומזאַץ פון 240.000 זלאָטעס א יאָר. ווען מיר זאָלן אפילו אָננעמען, אז די אלע גאָר רייכע האָבן נישט אָפּגענאַרט דעם פינאַנץ־אַמט און האָבן פאַרדינט נאָר 15 פּראָצענט, קומט אויס, אז יעדער פון זיי האָט פאַרדינט פון 33 ביז 34 טויזנט זלאָטעס, אָדער זיבעצן מאָל מער פון די אָרימסטע שטייער־צאָלער.

דריי טויזנט דאָלאר א יאָר איז אויף אמעריקאַנער מאסשטאַב נישט קיין גרויסע סומע, אָבער פאר פּוילן איז שוין אזא סומע א גאנץ הויכע. דאָס איז אָבער נישט דער גאָר העכסטער שטאַפּל. עס איז געווען אין לעמבערג 1 פּראָצענט יידישע שטייער־צאָלער, וואָס האָט געמאכט 20 פּראָצענט פון דעם גאנצן אומזאַץ. יעדער פון די גאָר גרויסע סוחרים אָדער אונטערנעמער האָט געמאכט אַן אומזאַץ פון 500 טויזנט זלאָטעס א יאָר און האָט שוין, הייסט עס, פאַרדינט ביז 75 טויזנט זלאָטעס א יאָר, אָדער 37 מאָל מער פון דעם נידעריקסטן קלאס שטייער־צאָלער.

אין מיטן, צווישן דעם גאָר העכסטן און דעם גאָר נידעריקסטן קלאס, ליגן נאָך עטלעכע קלאסן, קלענערע און גרעסערע קבצנים, פאַרמעגלעכערע

און אָרימערע באַלעבאַטים. נעמען מיר, למשל, די, וואָס מיר רופן אָן קלע־נערע קבצנים, וועלכע האָבן פאַרדינט צוויי מאָל אַזוי פיל, ווי די נידע־ריקסטע קבצנים. אַזעלכע קלענערע קבצנים פאַרדינען ביז 4 טויזנט זלאָ־טעס א יאָר, אָדער ביז 40 דאָלאַר א חודש. זיי מאַכן אויס אין לעמבערג צוואַנציק פּראָצענט און אין ווילנע צען פּראָצענט.

ווען מיר וועלן צונויפלייגן די ערשטע צוויי גרופּעס, די גאָר נידע־ריקסטע און די קלענערע קבצנים, וועלן זיי אויסמאַכן צוזאַמען אין ווילנע ביז 94 פּראָצענט פון אַלע יידישע שטייער־צאָלער און אין לעמבערג — 75 פּראָצענט. דאָס איז דער ברייטער פונדאַמענט פון יידישן לעבן, און מיר רעכענען, אַז די לעמבערגער ציפערן זענען טיפּיש פאַר גאַנץ פּוילן. אַרום 75 פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג געהערן צו די גרעסטע און מיטלמעסיקע קבצנים.

מיר קענען רעכענען פון 5 ביז 6 פּראָצענט פאַרמעגלעכע באַלעבאַ־טים, וואָס האָבן פּרנסה און קענען לערנען א קינד און וואָס קומען ווי עס איז מיט צרות דורך. און עס זענען פאַראַן אַרום 15 פּראָצענט אָרי־מערע באַלעבאַטים, דאָס הייסט, אַזעלכע, וואָס האָרעווען ביטער אויף דער חיונה, אָבער דאָך אַרבעטן זיי אויס גענוג אויף צו עסן און קליידן זיך.

מיר וועלן אפשר זיין נאָענט צום אמת, ווען מיר וועלן געבן א בילד פון יידישן עקאָנאָמישן לעבן אין פּוילן אין די פאָלגנדיקע ציפערן:

די נידעריקסטע קבצנים — — — — — —	55 פּראָצענט
מיטלמעסיקע קבצנים — — — — — —	20 פּראָצענט
אָרימע באַלעבאַטים — — — — — —	15 פּראָצענט
פאַרמעגלעכע באַלעבאַטים — — — —	5 פּראָצענט
רייכע יידן — — — — — — — — —	4 פּראָצענט
און גבירים — — — — — — — — —	1 פּראָצענט

עס איז אינטערעסאַנט, אַז מיינע אויסרעכענונגען אויפן גרונט פון די שטייער־צאָלער פון לעמבערג פאַלן אומגעפער צונויף מיט די אויס־רעכענונגען, וואָס דער פאַרוואַלטער פון דעם שטאָטישן שטייער־ביוראָ אין לאָדזש האָט געמאַכט אויפן גרונט פון דעם צעטל פון שטייער־צאָלער אין דער יידישער קהילה אין לאָדזש. לויט זיינע חשבונות קומט אויס, אַז די

יידישע באפעלקערונג פון לאָדזש באשטייט פון די פאָלגנדיקע פינף קלאסן: אָרימע, וואָס צאָלן גאָר קיין שטייערן נישט, מאכן אויס איבער 48 פּראָצענט; אומפּארמעגלעכע, וואָס צאָלן 5 זלאָטעס א יאָר, מאכן אויס 32 און א האלב פּראָצענט; מיטל־פארמעגלעכע, וואָס צאָלן פון 20 ביז 60 זלאָטעס א יאָר, מאכן אויס איבער 13 פּראָצענט; פארמעגלעכע, וואָס צאָלן פון 100 ביז 400 זלאָטעס א יאָר, מאכן אויס 5 פּראָצענט, און רייכע, וואָס צאָלן פון 500 ביז 5000 זלאָטעס א יאָר, מאכן אויס איבער 1 פּראָצענט.

פארשטייט זיך, אז ביידע אויסרעכענונגען קענען נישט פּרעטענדירן אויף אבסאָלוטער ריכטיקייט. אָבער עס איז גאָר קיין ספק נישט, אז זיי זענען זייער נאָענט צום אמת. און דער אמת איז ביז גאָר טרויעריק. א שווידער כאפּט אָן, ווען מען גיט א טראכט, אז דריי פערטל פון דער יידישער באפעלקערונג פון פּוילן באשטייט אָדער פון קבצנים, וואָס האָבן נישט גענוג אפילו אויף ברויט, אָדער אין בעסטן פאל פון אזעלכע, וואָס פארדינען קוים־קוים אויף חיונה.

און צו באוווּנדערן איז, וואָס ביי אזא אָרימקייט און ביי אזא קליינעם פּראָצענט רייכע און פארמעגלעכע ווערן פונדעסטוועגן אויסגעהאלטן פון דער יידישער באפעלקערונג טויזנטער יידישע אינסטיטוציעס, וואָס באזאָרגן די יידישע רעליגיעזע, געזעלשאפטלעכע, קולטורעלע, היגיעניש און פארשידענע אנדערע באדערפענישן. עס איז גענוג א קוק צו טון אויפן צעטל נאָר פון די געזעלשאפטלעכע און בילדונגס־אינסטיטוציעס, כדי צו פארשטיין, אז ביי די יידן אין פּוילן ווערן אויסגעגעבן אויף געזעלשאפטלעכע זאכן א סך מיליאָנען, נישט זלאָטעס, נאָר טאקע דאָלארן. אזוי האָבן די פּוילישע יידן: 500 קאָאָפּעראטיווע קאסעס; 520 גמילות־חסדים קאסעס; 280 סוחרים־פאראיינען; 500 קליינע הענדלער־פאראיינען; 100 ארבעטער־פאראיינען; 320 יתומים־קאָמיטעטן; 37 ארבעטער־קאָאָפּעראטיוון; 900 שולן, תלמוד תורות, ישיבות און אָוונט־קורסן.

דאָס איז, פארשטייט זיך, נאָר א קליינער טייל פון די אינסטיטוציעס, וואָס ווערן אויסגעהאלטן פון די פּוילישע יידן. די רעליגיעזע און צדקה־חברות זענען א סך מער און שלינגען אויך איין ריזיקע סומעס. די 500 קהילות פון פּוילן, וועגן וועלכע ס'זענען פאראן באריכטן, האָבן אלע

צוזאמען א בודזשעט פון העכער 30 מיליאָן זלאָטעס א יאָר. די ביישטייערונגען פון די פארשידענע קלאסן יידן צו די בודזשעטן פון קהילות זענען ווי פאָלגט:

די רייכע גיבן 25 פּראָצענט פון אלע הכנסות; די אָרימע גיבן 15 פּראָצענט און די מיטלמעסיקע גיבן 60 פּראָצענט.

דער יידישער מיטלקלאס אין פּוילן ראנגלט זיך שטענדיק מיט אַל־געמיינע קריזיסן, מיט ספּעציעל יידישע קריזיסן און נאָך מיט ספּעציעלע קריזיסן פון מיטלקלאס. פונדעסטוועגן גיט דער מיטלקלאס דעם העכסטן חלק פון די בודזשעטן סיי פון די קהילות און סיי פון אלע איבעריקע צדקה־אינסטיטוציעס.

אינטערעסאנט איז, אז דער קליינהענדלער איז אָרימער פון דעם בעל־מלאכה. דאָס קען מען זען פון די שטייער־ליסטן און דאָס ווארפט זיך אויך אין די אויגן.

VII

די האַרצלאָזיקייט פון די פּוילישע מיניסטאָרן צו יידישע צרות

פון מיינע טעלעגראַמעס וויסן די לעזער, אַז איך האָב געהאַט אַן אינטערוויו מיטן פּוילישן פּרעמיער־מיניסטער באַרטעל און מיטן ביל־דונגס־מיניסטער טשערווינסקי. איך רעכן, אַז עס וועט פונדעסטוועגן זיין אינטערעסאַנט די לעזער צו וויסן די איינצלהייטן פון דעם אינטערוויו.

באַלד נאָך מיין קומען קיין פּוילן האָב איך דורכן פּרעסע־דירעקטאָר פון דער רעגירונג געבעטן מיך אויפנעמען. געווען איז דער פּרעסע־די־רעקטאָר גראַד מיינער אַ גוטער באַקאַנטער, אַ זשורנאַליסט און אַ גאַנץ סימפּאַטישער מענטש, ער האָט געלעבט עטלעכע יאָר אין בערלין. ער האָט מיר אין אַ פּאָר טעג אַרום איבערגעגעבן אין נאָמען פון שעף פון דער רעגירונג, אַז עס וואָלט געווען גוט, ווען איך וואָלט שריפטלעך צוגע־שטעלט די פראַגן, וואָס אינטערעסירן מיך. דאָס וואָלט די פּוילישע מיניס־טעריומס געגעבן אַ מעגלעכקייט צוגרייטן זייערע ענטפערס. איך האָב, פאַרשטייט זיך, באַלד איינגעשטימט.

איך האָב טאַקע געוואָלט, אַז מיין אינטערוויו מיט דער פּוילישער רעגירונג זאָל טראָגן אַן ערנסטן כאַראַקטער. מיין ציל איז געווען אַרויס־צובאַקומען פון דער רעגירונג אַ קלאָרן ענטפער אויף די אָנגעווייטיקטע פראַגן, וואָס אינטערעסירן דעם יידישן לעזער.

און דאָך האָב איך מיין ציל נישט דערגרייכט. עס איז פאַר מיר קלאָר געוואָרן, און דאָס מוז און וועט קלאָר ווערן אויך פאַר אַלע פּוילישע יידן אין אַמעריקע, אַז אַזאַ ענטפער האָט די פּוילישע רעגירונג נישט געקענט און קען אַזאַ ענטפער נישט געבן מיר דערפאַר, ווייל זי האָט אים נישט, ווייל זי האָט זיך נאָך גאָר נישט באַמיט צו פאַרטראַכטן איבער אונדזערע

צרות און ווייטיקן. אונדזערע צרות קריכן איר נישט אפילו אין דער לינקער פאה. און די יידישע טרערן און דער יידישער הונגער אינטערעסירן זי ווי דער פאראיאָריקער שניי. צו אזא טרויעריקן אויספיר בין איך געקומען נאָך מיינע שמועסן מיט די פאראנטוואָרטלעכסטע פירער פון דער פוילי־שער פּאָליטיק.

איך וועל דאָ איבערגעבן וואָרט פאר וואָרט דעם אינהאלט פון מיינע פראגן, ווי איך האָב זיי געשטעלט אין מיין מעמאָראנדום:

„די יידישע באפעלקערונג פון די פאראייניקטע שטאטן איז פאר־אינטערעסירט אין דעם שיקזאל און אין דער לאגע פון די פוילישע יידן. זי איז זייער באאומרואיקט פון די ידיעות וועגן דעם עקאָנאָמישן קריזיס אין פוילן און וועגן דער קריטישער לאגע פון גרויסע יידישע מאסן. די גרעסטע און בארשפרייטסטע יידישע צייטונג אויף דער וועלט, דער „פאָר־ווערטס", וועלכע דערשיינט אין ניו־יאָרק, האָט מיך, אלס זיין פארטרע־טער, געשיקט ספעציעל קיין פוילן, כדי אויפן אָרט זיך צו באקענען מיט דער פאקטישער לאגע, זאמלען גענויעם מאטעריאל וועגן דער לאגע פון די יידן און זיך באקענען מיט דער באציאונג פון די רעגירונגס־באאמטע צו די אלע פראגן.

„איך דערלויב מיר דעריבער צו שטעלן דעם פרעזידענט פון דער פוילישער רעגירונג די פאָלגנדיקע פראגן:

1) „אזוי ווי יידן זענען נישט באשעפטיקט נישט ביי אייזנבאנען, נישט אין פּאָסט און טעלעגראף און אויך נישט אין קיין שום אנדערע רעגירונגס־אנשטאלטן אָדער אונטערנעמונגען, און אויך אין זייער א ניש־טיקער צאָל אלס שטאָטישע באאמטע אָדער ארבעטער;

„אזוי ווי דער עקאָנאָמישער קריזיס האָט שטארק געטראָפן און רוי־נירט א סך קליינבירגערלעכע טיילן פון דער באפעלקערונג, די קליינע קרעמער, בעלי־מלאכות און אנדערע, וועלכע זענען ביי יידן פאראן גאָר אין א גרויסער צאָל;

„אזוי ווי ביי די איצטיקע אינטערנאציאָנאלע באדינגונגען קען מען נישט האָפן, אז די אלע דעקלאסירטע מאסן זאָלן געפינען אן אויסוועג דורך עמיגראציע —

„האָב איך די ערע צו פרעגן, צי האָט די פוילישע רעגירונג א באַ־

שטימטע פּראָגראַם, ווי אזוי צו פאַרלייכטערן די קריטישע לאַגע פון די ברייטע יידישע רואינירטע מאַסן און עפענען פאַר זיי אַ וועג צו נייע באַשעפטיקונגען?

2) „ווי אזוי פאַרהאַלט זיך די רעגירונג צום רוף „רעכט אויף אַרבעט”, וועלכן די יידישע אַרבעטער האָבן אַרויסגעשטעלט, און וועלכער ווערט אונטערגעהאַלטן פון די ברייטסטע יידישע מאַסן, דאָס הייסט, רעכט פון יידן צו פאַרנעמען גלייך מיט אַלע אַנדערע בירגער שטעלעס אַלס באַאַמטע און אַרבעטער אין אַלע רעגירונגס און שטאַטישע אינסטיטוציעס און אונטערנעמונגען?

3) „מיט וואָס דערקלערט זיך דאָס שרעקלעכע פאַלן פון דער צאָל יידישע אַרבעטער אין די אונטערנעמונגען, וואָס די רעגירונג האָט מאָנאָפּאָליזירט? צום ביישפּיל, אין דער טאַבאַק־אינדוסטרי, אין וועלכער די יידן האָבן שטענדיק געהאַט אַ גרויסע מערהייט, איז די צאָל פון יידישע אַרבעטער געפאַלן כמעט ביז נול, דאָס הייסט, עס איז כמעט קיין איין ייד דאָרטן נישט געבליבן. אין איניקע אונטערנעמונגען איז טאַקע קיין איינציקער יידישער אַרבעטער נישט געבליבן. אין דער נאַפט־אינדוסטרי, אין וועלכער די רעגירונג האָט איצט אַ גרויסן חלק, פאַלט אויך די צאָל יידישע אַרבעטער אָן אָן אויפהער.

4) „אין דער עקאָנאָמישער ליטעראַטור פון פּוילן איז אַ סך מאָל אָנגעוויזן געוואָרן, אַז די צעטיילונג פון די שטייערן אויף האַנדל און אינדוסטרי פון איין זייט, און גרויסן לאַנד־אייגנטום פון דער צווייטער זייט, איז נישט קיין גערעכטע און האָט נישט קיין באַרעכטיקונג. איך דערלויב זיך צו פרעגן: ווי איז די מיינונג פון דער רעגירונג אין דער פראַגע און צי קלייבט זיך די רעגירונג צו רעפאָרמירן די שטייער־סיסטעם?

5) „פון דער טריבונע אין סיים האָבן די יידישע דעפּוטאַטן נישט איין מאָל אָנגעוויזן, אַז די שטייער־באַאַמטע, וועלכע שאַצן דעם אומזאַץ און די הכנסה ביי די קליינע קרעמער און בעלי־מלאכות, וואָס פירן נישט קיין ביכער, אַז אַזעלכע באַאַמטע מיסברויכן שרעקלעך זייער מאַכט און שטעלן אַרויף צו הויכע שטייערן. דערלויב איך זיך צו פרעגן: צי נעמט אָן די רעגירונג מיטלען קעגן אַזאַ אומגערעכטיקייט?

6) „צי ווערן אָפּגעהיט די אינטערעסן פון די יידישע פאַרמערס

אין מזרח־גאַליציע ביים דורכפירן די ערד־רעפאָרם און צי באַקומען יידישע געוועזענע סאָלדאַטן גלייך מיט געוועזענע סאָלדאַטן פון אַנדערע פעלקער לאַנד ביים פאַרטיילן פון ערד צו קאָלאָניסטן?

7) „אַזוי ווי די יידישע באַפעלקערונג פון פוילן האָט נישט איין מאָל קלאָר און אומצווייידייטיק דערקלערט, אַז זי שטרעבט איינצוהאַלטן און ווייטער צו אַנטוויקלען איר נאַציאָנאַלע קולטור, איר באַזונדערע שפּראַך, ליטעראַטור אאַ״וו, וואָס טוט די רעגירונג אויף צו מאַכן מעגלעך אַ פרייע אַנטוויקלונג פון דער קולטור פון די יידישע מאַסן?

8) „ווי פאַרהאַלט זיך די רעגירונג צום פּרינציפּ פון אַ שול אין דער מוטער־שפּראַך, וועלכע ווערט געפאָדערט פון דער יידישער געזעלשאַפט? צי קליבט זיך די רעגירונג צו עפענען אַזעלכע מלוכה־שולן און ווי אַזוי איז איר באַציאונג צו יענע פּריוואַט־שולן מיט יידישער לימוד־שפּראַך, וועלכע טראָגן אַ געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער?

9) „צי זענען אין דעם בודזשעט אויפן יאָר 1930 פאַראַן סומען, באַשטימט אויף יידישע קולטורעלע צוועקן בכלל און באַזונדערס אויף יידישע שולן?

10) „צי קליבט זיך די רעגירונג צונויפצורופן דעם רעליגיעזן ראַט לויט דעם געזעץ וועגן די יידישע רעליגיעזע קהילות?״

אָט דאָס איז געווען דאָס פּעקל פראַגן, וואָס איך האָב געשטעלט אין מיין צושריפט צו דער פּוילישער רעגירונג. איך האָב געקענט, פאַרשטייט זיך, נאָך שטעלן אַ סך מער פראַגן און קשיות, אָבער איך האָב געהאַלטן, אַז עס איז שעדלעך צו פאַרוואַרפן די רעגירונג מיט קשיות, וואָס טראָגן שוין אין זיך קלאָרע עוולות קעגן יידן. איך האָב באַשלאָסן, אַז עס איז בעסער צו קאָנצענטרירן די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט אויף גרונט־פראַגן, פון וועלכע עס הענגט אָפּ דאָס לעבן און דער שיקזאַל פון די פּוילישע יידן, און צווינגען די רעגירונג, אַז זי זאָל זיך אַרויסזאָגן, באַווייזן איר אמתן פּנים, אַרויסווייזן איר אמתע באַציאונג צו אונדזערע ווייטיקן און צרות.

נאָך דעם ווי איך האָב דערלאַנגט דעם מעמאָראַנדום, האָט זיך די באַציאונג צו מיר אַביסל געביטן. מען איז געוואָרן קעלטער צו מיר, און מען האָט אָנגעהויבן אָפּציען דעם אינטערוויו. אמת, אַ תירוץ האָט מען

געהאט א גוטן. אין די זעלבע טעג האָט זיך געעפנט די סעסיע פון סיים, און דער פּרעמיער־מיניסטער האָט געדאַרפט האַלטן די רעגירונגס־דעקלאַראַציע. ערשט אין א פּאָר וואָכן אַרום האָב איך באַקומען די מעגלעכקייט זיך צו זען מיט די מיניסטאָרן.

איך מוז גלייך צוגעבן, אַז אויסערלעך איז דער שמועס געווען זייער פריינדלעך, זייער אויפמערקזאַם און ביז גאָר העפלעך. אָבער אין תוך אַריין האָט דער שמועס מיטן פּרעמיער־מיניסטער בארטעל געמאַכט אויף מיר א שווידערלעכן איינדרוק. איך האָב בשום אופן נישט דערוואַרט, אַז א פּרעמיער־מיניסטער זאָל אַזוי ווייניק וויסן וועגן דער לאַגע פון דריי מיליאָן איינוווינער, וועלכע שפּילן אַזא אומגעהויערע ראָלע אין לאַנד, און זאָל אַרויסווייזן אַזוי ווייניק אינטערעס, אַזוי ווייניק האַרץ פאַר די אינטערעסן פון דריי מיליאָן מענטשן.

זיצנדיק ביים מיניסטער ביים טיש און זעענדיק זיין קאַלטבלוטיקייט, זיין אַבסאָלוט נישט וועלן אויף א מינוט זיך אַריינטראַכטן און אַריינלעבן אין די וויטיקן, וואָס פּייניקן אַזוי דריי מיליאָן יידן, האָב איך בעת מעשה נישט ווילנדיק א טראַכט געטון, אַז עס איז שוין טויזנט מאָל בעסער האָבן צו טון מיט אַן אַנטיסעמיט. דער אַנטיסעמיט האָט דיך פיינט, ער אינטערעסירט זיך אָבער מיט דיר, ער קען דיך, ער דריייט בכיוון איבער פאַקטן אָדער ער בלאָנדזשעט. אָבער זיין האַרץ איז וואַך און זיין געדאַנק אַרבעט. דו פילסט אים, און דו האָסט צו אים א נשמה־באַרירונג.

דאָ איז אָבער געזעסן פאַר מיר א מענטש, וועלכער האָט נישט אין האַרץ און נישט אין מוח קיין אָרט פאַר דעם, וואָס מען רופט יידישע פראַגע. און נישט ווייל ער איז בכלל א קאַלטער פּראָפעסאָר, וואָס קיין זאַך רירט אים נישט, און ער קוקט פון הימל אַראָפּ אויף די קליינטשקע צרות פון מענטשן, ווייל ער איז פאַרנומען מיט אייביקע פראַגן.

באַרטעל איז טאַקע א פּראָפעסאָר פון מאַטעמאַטיק, אָבער צו זיין פאָלק, צו זיין פאָטערלאַנד, צו זיינע ברידער און שוועסטער איז ער גאָר נישט מאַטעמאַטיש קאַלט, נאָר גאַנץ הייס. און אַז ער רעדט וועגן א דאָרף אָדער פינף אײלן ערד, וואָס דייטשלאַנד וויל אָפּנעמען ביי פּוילן, ווערט ער גאַנץ פיין אויפגעקאָכט און ווייזט אַרויס לעבעדיקע, לייכט־אויפגערייצטע נערוון.

אָבער יידן? יידישע צרות? יידן ווילן אויך זיין באמת? זיי ווילן אויך ארבעטן ביי אייזנבאנען, אויף פּאָסט און טעלעגראַף? ווילן זיין גלייך מיט אלעמען און נישט קיין אויסנאמען? ווילן באקומען קרעדיט פון „באנק פּאָלסקי" גלייך מיט פּוילישע סוחרים, גלייך מיט פּוילישע פּרי־צים? יידן זענען גרייט צו טון די שווערסטע ארבעט, אבי ברויט פארדינען, אבי דעם טאָג איבערלעבן? יידן הונגערן, יידן האָבן נישט צו צאָלן אזוי פיל שטייערן און יידן ווערן פארניכטעט און חרוב פון די שטייער־באַ־אמטע? אפילו מיט די אויערן הערט עם בארטעל זייער שוואך, און א פּשיטא שוין מיטן הארצן. עס דערגייט ביי אים נישט אזוי טיף, עס שפּרינגט אָפּ פון אים און מאכט דעריבער אויף אים קיין שום ווירקונג נישט.

איך האָב גערעדט מיט דעם מענטשן און האָב געפילט, אז אלע רעדעס פון דער סיים־טריבונע פון די יידישע דעפּוטאטן, אלע מעמאָראנ־דומס פון די פילע יידישע דעפּוטאציעס, אלע ווײ־געשרייען פון דער יידי־שער און יידיש־פּוילישער פּרעסע — אלץ, אלץ איז פון אים אויסגעהערט געוואָרן, נאָר קיין איין מינוט נישט דורכגעפילט געוואָרן. קיין איין מאָל האָט ער עס נישט דורכגענומען מיטן הארצן אָדער מיטן קאָפּ. און דער־פאר מאכט זיין רעדן דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט ערשט איצט געוואָר געוואָרן פון די אלע צרות און אומגערעכטיקייטן, וואָס די יידן ליידן.

און אין דער אמתן, איז דאָס נישט קאָמיש, ווען דער פּרעמיער־מי־ניסטער פארשרייבט ביי זיך, אז יידן זענען ארויסגעשטויסן געוואָרן פון דער טאבאק־אינדוסטריע, גלייך ווי איך וואָלט פאר אים אנטדעקט אמע־ריקע, גלייך ווי ער הערט וועגן דעם דאָס ערשטע מאָל? האָט מען דאָך וועגן דעם גערעדט פון דער סיים־טריבונע נישט ווייניקער מסתמא פון א פּאָר צענדליק מאָל.

נישט ווייניקער קאָמיש איז אויך, ווען פארן פּרעמיער איז כלומרשט גאָר א נייעס, אז מען נעמט קיין יידן נישט אָן פאר באאמטע, אז מען גיט נישט די יידן קיין קרעדיטן אין דער מלוכה־באנק, אז יידן ווערן נישט צוגעלאָזן צו שטעלעס ביי דער אייזנבאן, אויף פּאָסט און טעלעגראַף, אז יידן פארלירן יעדע ארבעט אין יעדן צווייג פון עקאָנאָמישן לעבן, ווי נאָר עס ווערט נאציאָנאליזירט אָדער קאָמונאליזירט.

וועגן דעם אלעמען גייט א געשריי, וואָס רייסט ממש הימלען שוין פיינע עטלעכע יאָר, און בארטעל האָט וועגן דעם געהערט און געלייענט נישט איין מאָל. נאָר ביז איצט ווייסט ער עס נישט, ווייל ער פילט עס נישט, ווייל ער איז אפילו קיין אנטיסעמיט נישט. אנטיסעמיטיזם איז אזא הויכע שטופע פון אינטערעס צו יידן, זאָל זיין צו שלעכטס, אז צו דעם דאַרף ערשט בארטעל דערוואַקסן.

בארטעל האָט זיך נישט געמאכט תמעוואטע, האָט נישט געשפּילט קיין קאָמעדיע, ווען ער האָט פארצייכנט ביי זיך די עוולות, וואָס זענען אין פוילן באַקאַנט יעדן קינד, ער האָט אויך געווים נישט געמיינט, אז ער וועט מיך דערמיט אָפּנאַרן. בארטעל, ווי געזאָגט, איז אפילו קיין אנטי־סעמיט אויך נישט. דערמיט דערקלערט זיך זיין אבסאָלוטע קאַלטקייט, זיין אבסאָלוטער נישט אינטערעסירן זיך מיט יידן און יידישע פראגן, זיין אבסאָלוטער שוועבן אין אנדערע וועלטן, בשעת דו דערציילסט אים וועגן זאכן, וואָס דאַרפן רירן א שטיין.

אזוי האָט ער מיך אויסגעהערט, און איך בין זיכער, אז פּונקט אזוי הערט ער אוים אלע יידישע דעפּוטאַציעס, אלע יידישע רעדעס אין סיים; אזוי לייענט ער אלע יידישע מעמאָראַנדומס — אָן הארץ, אָן נשמה און אפילו אָן קאָפּ! און דאָס איז דאָס באַליידיקנדסטע און שרעקלעכסטע!

איך האָב אזא מין איגנאָרירן פון יידישע געשרייען שוין פון וויטן לאַנג געפילט. ביים שמועס מיטן פּוילישן פּרעמיער־מיניסטער האָב איך עס דערפילט ביז מיט די הענט אָנצוטאַפּן. גלייכגילטי־קייט, קאַלטבלוטיקייט, טויבע אויערן, הארצלאָזיקייט — אָט דאָס האָב איך דערפילט פון די ערשטע פּאָר פראזן פון דעם פּרעמיער־מיניסטער, און איך האָב מיין שווער הארץ אָפּן און אפילו אביסל העזהדיק אויסגע־גאָסן פארן מיניסטער.

דאָס איז שוין געווען, אמת, נישט קיין אינטערוויו ביים מיניסטער, נאָר א באַשולדיקונגס־צעטל פון מיר אויפן גאַנצן באגיין זיך מיט יידן. איך האָב אָבער אנדערש נישט געקענט, בפרט נאָך, אז דאָס איז געווען באַלד נאָך מיין קומען פון ווילנע, פון יענער שטאַרבנדיקער און אויס־גייענדיקער שטאָט, ווו דער אנטיסעמיטיזם פון דער פּוילישער באַפעלקע־רונג פילט זיך אמשטאַרקן און מאַכט אָן די גרעסטע חורבנות.

דער פּרעמיער האָט מיך באַגעגנט זייער העפלעך און האָט באַלד געשטעלט די פראַגע, וואָס פאַר אַן איינדרוקן איך האָב שוין באַקומען אויף מיין רייזע איבער די שטעט פון פּוילן. איך האָב נישט געהאַלטן פאַר נויטיק צו פאַרשווייגן מיין אמתע שטימונג, די מרה־שחורה, וואָס עס האָט אויף מיר אַנגעוואָרפן די אָפּגעזונדערטקייט פון דער יידישער באַפעלקערונג, וועלכע פילט זיך ממש פאַרשפּאַרט אין אַ געטאָ, פאַר־צאַמט אין אַן ענגן קרייז פון עטלעכע פּרנסות. איך האָב באַלד אָפן און קלאָר געזאָגט דעם פּרעמיער, אַז אויף מיין רייזע האָב איך דערוייל נאָר טרויעריקע איינדרוקן. איך האָב געזאָגט, אַז די יידישע באַפעלקערונג פילט זיך פאַרטריבן אין אַ ווינקל פון לעבן, אין אַ געטאָ, ארומגעצאַמט פון אַלע זייטן, וואָס שטיקט און וואַרגט אַ סך מער, ווי די פּאָליטישע מיטלאַלטער־לעכע געטאָ.

דער פּרעמיער האָט זיך ווי באַליידיקט פון מיינע ווערטער און האָט אַ פרעג געטון אביסל אומרואיק און אויך ברוגז, אין וואָס דאָס אַלץ ווייזט זיך אַרויס. איך פאַרשפּאָר דאָ איבערחזרן, וואָס איך האָב געזאָגט.

איך האָב דערציילט אומגעפער דאָס זעלבע, וואָס איך האָב געשריבן אין דעם מעמאָראַנדום.

איך האָב אָבער צוגעגעבן אַ סך ביישפּילן פון לעבן, צאַפּלדיקע פאַקטן נאָר וואָס פון מיר געזעענע און געהערטע פון לעבעדיקע מענטשן, וועלכע האָבן אליין זיך געגנוג אָנגעליטן פון די שטייער־באַאמטע. איך האָב דערציילט, וואָס איך האָב געהערט פון מענטשן, וועלכע האָבן נישט לאַנג אַליין פאַרלוירן די אַרבעט ביי וואַלד, ווייל די מלוכה האָט אָנגע־הויבן אַליין באַאַרבעטן די וועלדער און האָט אָפּגעזאָגט אַלע יידישע אָנ־געשטעלטע.

איך האָב איבערגעגעבן די געשיכטעס פון מענטשן, וועלכע האָבן אַליין געבעטן קרעדיט ביי דער מלוכה־באַנק און נישט באַקומען, ווען קריסטן, ווייניקער באַגלויבטע און ווייניקער קרעדיט־פעאיקע, האָבן לייכט באַקומען קרעדיט.

דער פּרעמיער האָט רואיק אויסגעהערט און באַמערקט, אַז די צענ־טראַלע רעגירונג איז נישט אַנטיסעמיטיש און האָט קיינמאָל נישט געגעבן אַזעלכע באַפעלן, אַז מען זאָל יידן אָפּזאָגן פון אַרבעט אָדער פון אַ שטעלע.

די מעטאָדע פון ארויפוואַרפן די שולד אויפן שטעקן איז צו אַן אַלטע. פארשטייט זיך, אז איך האָב באַלד אָפּן דערקלערט, אז די סיסטעם פון אָפּזאָגן יידן איז אַן אַלגעמיינע. יידישע באַאַמטע, וואָס דאָס איז שוין אָפּהענגיק פון דער צענטראַלער רעגירונג, ווערן דאָך אויך נישט צוגעלאָזט.

בארטעל אליין איז פון גאַליציע און ווייסט, אז דאָרטן זענען פאַראַן יידישע באַאַמטע. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם דאָזיקן פאַקט און האָט דערקלערט: אָט זענען דאָך אין גאַליציע דאָ יידישע באַאַמטע. די מעשה איז אָבער, וואָס דאָס איז איינער פון די טרויעריקסטע קאַפּיטלעך פון דעם פּוילישן אַנטיסעמיטיזם. זינט גאַליציע איז געוואָרן פּויליש, האָט מען נישט צוגענומען קיין איין יידישן באַאַמטן. אָבער דערפאַר האָט מען אָפּגעזאָגט הונדערטער פריערדיקע יידישע באַאַמטע.

איך האָב דאָס, פאַרשטייט זיך, געזאָגט בארטעלן. און דאָ האָט זיך ארויסגעוויזן, אז נאָך איצט, אין יאָר 1930, זענען פאַראַן גענוג מענטשן, וואָס גלויבן אין דער לעגענדע, אז יידן ווילן נישט גיין ארבעטן ביי שווערער פיזישער ארבעט. בארטעל זאָגט מיר, אז יידן ווילן נישט גיין צו שווערער ארבעט ביי די אייזנבאַנען, און די רעגירונגס־אַמטן זענען איבערגעפולט. איך בין ממש געוואָרן אויסער זיך פון אַזעלכע ווערטער.

איך האָב העפלעך, אָבער שטאַרק באַטאָנענדיק געענטפערט דעם פּרעמיער, אז ווען מען גייט ארום אויף די גאַסן פון ווארשע און לאָדזש און מען זעט די יידן טראָגן גוואַלדיק גרויסע קאַסטנס אויף די פּלייצעס און שלעפּן ווי פערד וועגעלעך מיט סחורה, מוז מען גלויבן, אז יידן נעמען זיך גערן פאַר שווערער ארבעט. איך האָב אויך דערמאָנט דעם פּרעמיער, אז בשעת דער דייטשער אָקופּאַציע האָבן עטלעכע טויזנט יידישע ארבעטער געאַרבעט ביי די אייזנבאַנען.

וואָס מער מיר האָבן גערעדט, אַלץ מער האָט זיך באַקומען, אז איך לייען א באַשולדיקונגס־אַקט קעגן דעם פּרעמיער־מיניסטער, און מיר אַליין איז עפּעס געוואָרן די זאַך אַביסל פּריקרע. איך האָב אַריבערגעפירט דעם שמועס אויף דעם, אז די אַמעריקאַנער יידן לייגן גרויסע האָפענונגען אויף דער נייער פּוילישער רעגירונג, וואָס ער שטייט אין איר שפּיץ. טאַקע צוליב דעם האָט מיך מיין צייטונג געשיקט קיין פּוילן, כדי גענויער זיך צו באַ־

קענען מיט די פּלענער פון דער רעגירונג, וואָס זי האָט בדעה פּאָרצונעמען, כדי צו פארבעסערן די לאַגע פון די פּוילישע יידן.

ערשט דאָ האָט דער פּרעמיער גענומען דאָס וואָרט און האָט מיר דערוויזן, אז ער האָט קיין שום אינטערעס נישט פאר יידישע פראגן. דאָס איז געווען א באנאַלע אויסגעדראָשענע רעדע וועגן דעם, אז ווען עס איז גוט אַלעמען, איז גוט אויך יידן. איצט זשע איז א קריזיס, און אַלע לײַדן אַלץ איינס. נאָך אמאָל איז אוועק דאָס לידעלע, אז די צענטראַלע רעגירונג איז נישט אנטיסעמיטיש, אז דער אָדער יענער באאמטער קען באגיין א פעלער אָדער אן עוולה. מען דאַרף זיך נאָר קלאָגן, וועט מען שוין די אומגערעכטיקייט פארריכטן. מען דאַרף נישט פאראַלגעמיינערן איינצלנע פאקטן אא"וו, אא"וו.

איך האָב באמערקט, אז איך זיץ שוין מער ווי א האַלבע שעה און האָב נישט געוואָלט מיסברויכן. איך האָב זיך אָפּגעזעגנט און בין אוועק פון פּרעמיער.

איך וויל נאָר נאָך איין מאָמענט דערמאָנען. בשעת דער פּרעמיער האָט א צווייט מאָל איבערגעחזרט, אז די צענטראַלע רעגירונג איז נישט אנטיסעמיטיש, האָב איך אויסגענוצט די געלעגנהייט און דערציילט דעם פּרעמיער דעם פאָלגנדיקן פאקט:

דער ארבעטס־מיניסטער איז די טעג געווען אין לאָדזש, ווו די יידישע ארבעטסלאָזע לײַדן א סך מער פון די קריסטלעכע, ווייל אלס באשעפטיקטע אין קליינע ווארשטאטן באקומען זיי נישט קיין מלוכה־שטיצע. דאָך האָט דער מיניסטער אויף א בעראטונג וועגן העלפן די ארבעטסלאָזע נישט געהאַלטן פאר נויטיק אײַנצולאַדן אויך די פאָרשטייער פון די יידישע אָרגאַניזירטע ארבעטער.

איך האָב אונטערגעשטראָכן, אז די יידישע באפעלקערונג האָט דאָס באטראכט ווי א פאטש אין פּנים און ווי א בכיוונדיקע באליידיקונג. דער דאָזיקער פאקט האָט דעם פּרעמיער פארשאפט אזעלכע יסורים, אז ער האָט זיך דריי מאָל צו אים אומגעקערט און עטלעכע מאָל איבערגעחזרט, אז ער פארשטייט נישט, צוליב וואָס דער ארבעטס־מיניסטער האָט דאָס געטון, און אז ער וועט מיט אים וועגן דעם רעדן.

אין דעם טאָן זײַנעם האָט זיך געפילט, אז ער האלט עס פאר אן

עוולה פון דעם ארבעטס־מיניסטער. דאָס איז געווען דער איינציקער מאָמענט, ווען איך האָב געפילט, אז דער פרעמיער־מיניסטער נעמט נאָענט צום הארצן די פראגע.

* * *

אין איין פרט האָט דער בילדונגס־מיניסטער, ביי וועלכן איך האָב פארבראכט גאנצע דריי פערטל שעה, געמאכט אויף מיר א סך א בעסערן איינדרוק, ווי דער פרעמיער, ער האָט ארויסגעוויזן א גוטע באקאנטשאפט מיט דער יידישער בילדונגס־פראגע, מיט די יידישע שפּראכן־קאמפן.

דער שמועס מיטן בילדונגס־מיניסטער, וועלכן מיר האָבן געפירט אין רוסיש, האָט ווירקלעך געטראָגן א כאראקטער פון א פריינדלעכער דיסקוסיע. איך האָב גלייך געשטעלט די פראגע וועגן א שול אין דער יידישער שפראך, וועגן מלוכה־שטיצע פאר יידן צו אנטוויקלען זייער נאציאָנאַלע קולטור, זייער שפראך או״וו. דער מיניסטער האָט דערקלערט, אז פרינציפּיעל איז ער אבסאָלוט דערפאר, אז אלע פעלקער פון דער פוילישער מלוכה אָן אויסנאם, זאָלן באקומען די מעגלעכקייט צו אנטוויקלען זייערע נאציאָנאלע קולטורן. אָבער ביי יידן איז דאָס אין דער פּראקטיק נישט נאָר שווער, נאָר כמעט ווי אוממעגלעך. איינע ווילן יידיש, די אנדערע — העברעאיש און נישט ווייניקע ווילן גאָר פּויליש.

אויף דער דאָזיקער טעמע האָבן מיר גערעדט זייער לאַנג. איך האָב זיך באמיט צו דערווייזן דעם מיניסטער, אז די רעגירונג מוז דאָך האָבן אין דער שווערער פראגע איר שטאנדפונקט, וועלכן זי וואָלט געדארפט דורכפירן אין לעבן. און אויב דער מיניסטער פילט ווירקלעך, אז מען מוז יעדער נאציע געבן די מעגלעכקייט צו אנטוויקלען איר קולטור, מוז דאָך עפּעס געטון ווערן אין דעם פרט. אין דער ווירקלעכקייט אָבער שטיצט מען נאָר די פּוילישע שולן, וועלכע פירן צו אסימילאציע. מוז דאָך די רעגירונג אָפן דערקלערן, אז זי איז פאר דער אסימילאציע פון די יידן.

דאָ איז אוועקגעגאנגען א גאנצע חקירה וועגן דעם, אז די רעגירונג קען זיך נישט מישן אין די אינעווייניקסטע יידישע קאמפן און נאָר צוליב דעם האלט זי זיך דערווייל ביי פּוילישע שולן, אָבער זי איז מודה, אז דאָס איז נישט דער ענדגילטיקער ענטפער אויף דער יידישער שול־פראגע.

דערביי האט דער מיניסטער צוגעגעבן, אז אין די יידישע שולן מיט פוילישער אונטעררי׳כטס־שפראך ווערן פיר שעה אין וואך געלערנט יידישע רעליגיעזע לימודים און אויך יידישע געשיכטע. און אין בילדונגס־מיניס־טעריום ווערט איצט באטראכט א פלאן אפצוגעבן אין די שולן זעקס שעה א וואך פאר יידישע לימודים.

אויף דער פראגע, פארוואס די רעגירונג שטיצט נישט די יידישע פריוואט־שולן, כאטש דאס בילדונגס־מיניסטעריום איז אליין מודה, אז עס זענען נישט פאראן און עס וועלן נאך א סך יארן נישט זיין גענוג רע־גירונגס־שולן פאר אלע קינדער, איז אוועק דער אויסגעדראשענער תירוץ, אז עס איז נישטא קיין געלט או״ו, או״ו.

היים איז געווארן די דיסקוסיע, ווען מיר זענען צוגעקומען צו דער פראגע וועגן פראפעסיאנעלער בילדונג. איך האב די גאנצע צייט געבראכט דעם מיניסטער פאקטן נאר פון אפיציעלע קוועלן און פון אפיציעלע דא־קומענטן. אין א סך א גרעסערער מאס האב איך דאס געטון ביי דער פראגע וועגן פראפעסיאנעלער בילדונג.

איך האב געוויזן דעם מיניסטער אן אפגעדרוקט ביכל פון „ארט״, וו׳ עס ווערן געבראכט צענדליקער פאלן מיט די נומערן פון די בקשות און פון די ענטפערס פון מיניסטעריום. פון זיי ווערט קלאר, אז מען וויל פשוט נישט לאזן יידן אפילו עפענען אויפן אייגענעם חשבון פראפעסיא־נעלע שולן.

עס איז געווען א טשיקאווע לאגע. דער מיניסטער קוקט שנעל דורך די אפגעדרוקטע דאקומענטן. די אדערן אויפן פנים ציען זיך אן. דאס פנים הייבט אן זיך רויטלען. נאר דער מיניסטער פארלירט זיך נישט. ער האט שוין אן ענטפער. ער ווייסט, אז דעם דירעקטאר פון דער אפטיילונג פאר פראפעסיאנעלער בילדונג באשולדיקט מען אין אנטיסעמיטיזם. אבער ער מיינט, אז עס איז נישט אזוי, אז ער איז אפשר נאר צו שטרענג אין זיינע פאך־פאדערונגען. געפילט האט זיך, אז אין הארצן האט דער מיניסטער מודה געווען, אז דער דירעקטאר איבער פראפעסיאנעלער בילדונג איז אן אנטיסעמיט, אבער מיר דאס זאגן פאסט דאך נישט.

ווי דער לייענער זעט, האב איך קיין גרויס נחת אויך פון דעם ביל־דונגס־מיניסטער נישט געהאט. אמת, דא האט זיך כאטשע געפילט אן

יעקב לעשצינסקי

אינטערעס און א באקאנטשאפט מיט די אָנגעווייטיקטע יידישע פראגן. אָבער אויך דאָ האָט געפעלט דער ווילן עפּעס טון, עפּעס צו ענדערן אין דער איצטיקער טרויעריקער לאגע. חוץ דעם איז געווען זייער ליכט צו פארשטיין, אז דער בילדונגס־מיניסטער איז צופרידן פון די רייסערייען ביי יידן. ער נוצט אויס די אלע רייסערייען צווישן יידישיסטן און העברעאיסטן און פירט דערווייל איין פוילישע שולן.

VIII

ביינאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק

ס'וואַרפֿט זיך אין די אויגן יעדן, ווער עס באַזוכט נאָר פּוילן, אַז צווישן די דאָרטיקע יידן הערשט אַ שרעקלעכע פּאַניק, נישט קיין מאָמענטאַלע, טאָג אָדער חודש פּאַניק, אַרויסגערופֿן פֿון אָנגעלאָפֿענע שטורעם־געשעענישן, אַן איבערגייענדיקע און פֿאַרגייענדיקע און דעריבער אַ „נאָרמאַלע” אין אַ געוויסן זין, נאָר אַ באַשטענדיקע, אַ תּושבֿ־ און תּמיד־פּאַניק, וואָס האַלט אין קלעם די נשמה פֿון די מאַסן און געוועלטיקט איבער זיי יאָרן; אַ פּאַניק, וואָס פֿירט צו אַ נישט־גלויבן אין די אייגענע כּוחות, אין די אייגענע מעשׂים און אונטערנעמונגען, אין מאָרגנדיקן טאָג, אין אַ וויפֿל ס'נישט איז בעסערער צוקונפֿט. און אויך וואַרפֿט זיך אין די אויגן אַזאַ נערוועז־צעררודערטער צושטאַנד פֿון דער פּסיכיק פֿון די יידישע מאַסן, וואָס דערמאָנט אַ פּאָגראָם־צושטאַנד, אַ צושטאַנד, ווען מען מוז זיך ראַטעווען, ווען מען מוז לויפֿן, ווען יעדער מוז זיך ראַטעווען, מוז אַרויסראַטעווען, וואָס ס'איז מעגלעך און וויפֿל ס'איז מעגלעך; ווען באַטראַכטן, איבערלייגן, אויסאַרבעטן אַ פּלאַן, באַזונדערס קאָלעקטיוו האַנדלען, בצבור באַטראַכטן און זוכן אַן אויסוועג איז קיין צייט נישטאָ און נאָך ווייניקער נשמה־אויפֿגעלייגטקייט און דעריבער טוט יעדער פֿאַר זיך, וואָס ער קאָן און וויפֿל ער קאָן.

פֿאַרשטייט זיך, יעדער יידישער יחיד טוט זיך זיין אַרבעט, איז פֿאַרשמאַיעט און פֿאַרהאָוועט, לויפֿט אין וואַרשטאַט אָדער פֿאַבריק, אַרבעט אָדער זוכט קונים אויף אָפּזעצן די סחורה, טראָגט אויף די פּלייצעס אַ צענפֿודיקן קאַסטן אָדער שלעפּט אַ וועגעלע קוילן און גיסט זיך אָפּ מיט שווייס, שטייט אין קראָם און קוקט אַרויס אויף אַ קונה אָדער לויפֿט כאַפּן אַ גמילות־חסד, כּדי אָפּצאָלן אַ וועקסעלע אָדער צאָלן שטייער, דרייט זיך אַרום אויף דער בערזע אָדער שטייט אין באַנק און בעט אַ הלוואה, כּדי

קאָנען אויסקויפֿן א פּאַטענט אא"וו. דער יחיד ווערט צו שטאַרק געטריבן פֿון דער נויט און פֿון דער סאָציאַלער מאַשין, און וועלכער ער איז נישט מער ווי א קליין רעדעלע, אַז ער זאָל זיך קאָנען אָפּשטעלן און א קוק טון אין זיין איינענער נשמה און פּאַקן דעם ספֿק־וואָרעם, וואָס פּיקט דאָרטן און פֿרעסט אויף זיינע כּוחות און זיין גלויבן אינעם זין און דערפֿאָלג פֿונעם שמאַיען און האָוען; אָבער דער קענער פֿון דער יידיש־פּוילישער מאַסע דערפֿילט באַלד, אַז דאָס שמאַיען איז אָן אינעווייניקסטן ברען, אָן פֿליגלען, מער א דרויסנדיקער אינערטער אימפּעט, ווי א זיכער לויפֿן נאָך א באַשטימטן ציל, מער א טאָמער־יאָגעניש ווי א זיכער גיין אין א באַשטימטן וועג.

דאָס לויפֿן פֿון די יידישע מאַסן אין די נאַלעווקעס פֿון איצטיקן וואַרשע מאַכט טאַקע אַן איינדרוק פֿון קאָנוווּלסיעס פֿון מענטשן, וואָס טרינקען זיך, פֿון מענטשן, וואָס שאָקלען זיך און טאַפּטשען זיך און דרייען זיך אויף איין אָרט און רוקן זיך נישט ווייטער, רירן זיך באמת נישט פֿון אָרט. קיין באַזונדער ריטמישקייט איז קיינמאָל נישט געווען אינעם כאַאָטישן הו־הא פֿון די יידישע נאַלעווקעס, אינעם דאָזיקן אומ־מענטשלעכן געדראַנג און נישט קאָנען באַוועגן זיך נישט רעכטס און נישט לינקס; אין דער דאָזיקער צונויפֿגעשטופּטער, צונויפֿגעדרייט־צונויפֿגע־פּרעסטער שוואַרצער מאַסע קערפּערס, וואָס רייבן זיך איינער אינעם אַנ־דערן און שטופּן אונטער איינער דעם אַנדערן, און דאָך בלייבט עפּעס אַלץ ווי נישט גערירט פֿון אָרט; אָבער פֿאַר דער מלחמה האָט מען געפֿילט טעמפּ, אימפּעט, פֿליסנדיקע ענערגיע, שטראָמענדיקע קראַפֿט אין דער דאָזיקער כמאַרע שוואַרצע קאַפּאָטעס, וואָס האָט זיך געצויגן פֿון איין עק נאַלעווקעס ביזן צווייטן און האָט פֿאַרפֿלייצט מיט אירע שטראָמען אַלע זייטיקע געסלעך און האָט געטריבן אין די לאַנגע שמאָלע הויפֿן אריין מאַסן מענטשן, וואָס פֿלעגן דאָרטן נעלם ווערן, אין די קעלערס, לעבער און בוי־דעמער, און פֿלעגן אַרויסקריכן פֿון דאָרטן אָנגעלאָדענע מיט באַרגיקע פּעק און צוויי־דריי־גאָרנדיקע קאַסטנס אויף די פּלייצעס, און זיך צוריק אַריינרייסן אין דער געדיכטער שוואַרצער כמאַרע. זי צערייסן, צעשטופּן, זי צווינגען זיך צערוקן און מאַכן א וואַרע, און מיט די שווער אָנגעלאָ־דענע פּלייצעס פֿלעגן די דאָזיקע משא־מענטשן ווי אויסשרייען און געבן

צווישן אַלעמען, אַז דאָרטן, אין די שמאָלע פינסטערע הויפן, אין די קעל־לערס און אויף די בוידעמער, ווערט שווער געהאַרעוועט, און פון מענ־טשישן שווייס ווערט געמאַכט סחורה פאַרן ווייטן און ברייטן רוסלאַנד. איצט איז אויך שוואַרץ אויף די נאַלעווקעס און אויך ענג, און אויך נישט מעגלעך זיך א דריי צו טון, אָבער ס׳איז קיין לעבן נישטאָ — ס׳איז נישטאָ קיין באַוועגלעכע מאַסע, נאָר א שטייענדיקע בלאָטע. פאַלט מען אַריין, ווערט מען ווי פאַרוויאַזנעט — נישט אַרויסצוקריכן.

איידער מיר וועלן רעדן וועגן סיבות, וועלן מיר ברענגען עטלעכע בילדער, אַרויסגעריסן פון צאַפּלדיקן לעבן, טאַקע בעיני געזען, וואָס וועלן דער עיקר אילוסטרירן דעם באַשריבענעם פּאַניק־צושטאַנד, אָבער אין איין וועגס וועלן זיי שוין אויך אונדז געבן שליסלען צו דערקלייבן זיך צום מקור פון דער פּאַניק ביי פאַרשידענע גרופּעס און קלאַסן און אין פאַרשי־דענע טיילן פון פּוילן.

אין פּרצעס „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק" איז פאַראַן א סצענע אויפן בית־הקברות, אינסצענירט פון מאָסקווער גראַנאָווסקי־טעאַטער, ווו עס לויפן אַרום מענטשן־שאָטנס, בלאָנדזשען, שפּרינגען, יאָגן זיך איינער נאָכן אַנדערן, שפּרינגען איינער איבער אַנדערן, כאַפּן עפּעס אין דער לופט, ווערן ערגעץ נעלם און באַווייזן זיך פּלוצים ערגעץ פון א זייט, פון א לאָך, פון א פינסטער ווינקל, פאַלן עפּעס ווי אַראָפּ פון הימל, דרייען זיך איינער אַרום צווייטן, שעפּטשען און מאַכן העוויות; לופט־פיגורן, וואַקסענע פּני־מער, הינערשע פיסלעך, טויט־נישט־טויטע, לעבעדיק־נישט־לעבעדיקע; ביינער, הויטן, טויטע גופים מיט לעבעדיקע נשמות, אויסגעהויכטע נשמות און וואַכנדיקע גופים, קברים־תושבים און קברים־גנעסט, קברים־אַריסטאָ־קראַטן און קברים־אביונים, פאַר דער צייט געקומענע און צו שפּעט גע־קומענע; א רעש, א טומל, א געשריי־געפּילדער פונעם לויפן־שפּרינגען, פונעם שעפּטשען, אין אויער איינרוימען, א יאַריד, אָן אמתער יאַריד, אָבער א בית־עולם יאַריד, א שאָטן־יאַריד.

אָט די דאָזיקע סצענע מוז מען זיך דערמאָנען, ווען מען דרייט זיך אַרום א שטיקל צייט אויף א מאַרק אין איינער פון די יידישע שטעט — אין וואַרשע, צי אין ווילנע, אין ביאַליסטאָק, צי אין לעמבערג. באַזונדערס בולט ווערט דאָס בילד, ווען מען גייט אַרוים צוערשט זונטיק אויף אַזאַ

מארק, ווען די לאַנגע שורות נידעריקע בודקעס־מצבות ליגן אַזוי שטיל, טויט, ווי באַהאַלטנדיק עפּעס אונטער זיך, און נאָך דעם קומט מען אויף דעם זעלבן מאַרק אין אַ וואָכעדיקן אָדער גאָר אין אַ יאַריד־טאָג און מען דערזעט די יידישע אַלטע ווייבער איינגעוויקלט אין שמאַטעס; יונגע ווייבעלעך מיט בלייכע אויסגעצערטע פּנימער ביי די פּאָר ליידיקע פלעשער; ווייבעלעך, וואָס סטאַרטשען אַרויס פון צווישן הענגנדיקע איבער די בודקעס הויזן און פּידזשאַקעס פון מיתה־משונה קאָלירן; אומטערטאַנצנדיקע בחורימלעך מיט אַלטע קאַלאָשן אין די הענט, וואָס רוימען אייך איין אַ סוד, אַז דאָ נאָענט אין אַ הויף קאָנען זיי אייך פאַרקויפן מכל טוב און האַלב אומזיסט; אַן איינגעהויקערטער זקן, וואָס זיצט אין אַ ווינקל און לאַטעט שיך; אַ געשטאַלט.

די יידענע, חצי מכשפה, בעט זיך ביי אייך, אירע בעבלעך, הייסע, פרישע, זאָלן אייך ווויל באַקומען; אַ מאַסע פאַרשווינען, ספּק־מענער, ספּק־ווייבער, וואַרפן זיך אָן אויף אייך מיט ביטעס, פאַרשלאַגן, ברכות, קללות און ווילדע אויסרופן, וואָס ס'איז שווער צו פאַרשטיין זייער מיין. און וואָס טיפער אַלץ געדיכטער די מחנה, אַלץ פאַרפּלאָנטערטער דער קנויל, אַלץ הילכיקער דער טומל, אַלץ שווערער דאָס אָטעמען — אַ בית־הקברות־יאַריד, אַ בית־עולם־יאַריד מיט שאָטן־מענטשן און לופט־פיגורן, מיט שמאַטעס־מענטשן, וואָס באַוועגן זיך, רעדן, האַנדלען, וואַנדלען, מאַכן מיט די הענט און מיט אַלע איבעריקע איברים, נאָר לעבן לעבן זיי נישט.

און נישט נאָר הונדערטער, טויזנטער יידן זויגן פון דער דאָזיקער מאָגערער בית־הקברותדיקער מאַרק־ברוסט. מען קאָן רעכענען, אַז אַן אַכטל פון דער יידישער באַפעלקערונג „לעבט" פון די דאָזיקע בודקעס־מצבות, מען קאָן אָננעמען, אַז נישט ווייניקער פון אַ פערטל פון דער יידישער באַפעלקערונג, וואָס ווערט פאַררעכנט ביי ציילונגען צו דער באַשעפטיקטער אין האַנדל, „לעבט" פונעם דאָזיקן בית־הקברות־מאַרק. און אַזוי ווי ס'איז איצט אין פּוילן שטאַרק אין מאָדע חברות און אָרגאַניזאַציעס, זענען די דאָזיקע בית־הקברות־לייט אויך אָרגאַניזירט אומעטום אין די אַזוי גערופענע קליינהענדלער־פאַראיינען.

מיר וועלן פאַרברענגען מיטן לייענער נאָר איין שעה אין לעמבערגער

ארבעטנדיקע יידישע משפּחות



א ווארשטאט אין בזשעזשין



א ווארשטאט אין נאווידוואָר

(פאָטאָגראפירט דורך אלטער קאציזנע)

ביורא פונעם קליינהענדלער־פאראיין און דארטן וועלן מיר זיך באקענען מיט עטלעכע לעבעדיקע מתים פון דער דאזיקער וועלט.

ס׳איז שבת אויף דער נאכט. דאס ביורא איז געפאקט מיט יידן, אלע נאך אין שבתדיקע קאפאטעס, אפגעריבענע, אפגעבליאקעוועטע; און די פנימער — אויך אפגענוצטע, אפגעטראגענע, ווי די קאפאטעס. אין א ווינקל אפגעטיילט א בינטל ווייבער, קליינע, גידעריקע, פארשווארצטע, פארוויקלטע עפעס אין מאדנע שאלן, אז מען זעט נישט קיין פנימער. איך גיי אריין מיטן פארזיצער אין א באזונדער צימער און בעטן אריינלאזן די בקשות־אנגעבער איינציקווייז.

אט שטייט פאר אונדז א יידענע, א קליינע, א דארע, מיט א גרויסן שאל איבער די אויגן. אז זי צערעדט זיך און צעהיצט זיך, הייבט זי אן צו רוקן דעם צו־להכעיס־שאל ארויף און אראפ און מיר באמערקן, אז די איינגעדארטע, אויסגעטריקנטע יידענע, וואס מיר האבן געמיינט, אז זי איז שוין אריבער 50, איז אין דער אמתן נאך גאר א יונג ווייבל, צווישן 30 און 35, מיט א פאר יונגע, פרישע, לעבעדיקע אויגן. און זי האט אוועק־געלייגט א לשון — ס׳איז געווען א תענוג צו הערן, און גלייכצייטיק האבן זיך די האר געשטעלט קאפויר. זי האט אנגעהויבן:

יידן, איר זענט דאך רחמנים בני רחמנים! וועט איר דען לאזן פאלן אין שאול תחתיה אריין אן ארימע אלמנה? יידן, עני חשוב כמת, אבער איך בין נאך נישט קיין מת און מיינע פיר קינדער ווילן אויך נישט ווערן קיין מתים. און זיי עסן און פיקן, און אז ס׳איז נישטא קיין ברויט, עסן זיי מיך, און איך וועל שוין טאקע באלד זיין א מת. יידן, גייט נאר אריין אין מיין לאגע. זייט כרחם אב על בנים, מיינע יתומימלעך האבן דאך נישט קיין פאטער און קיין שפייזער. זייט זשע איר דער אבי יתומים!

איך גיב איבער כמעט ווארט אין ווארט דאס לשון פון דעם ווייבל, ווי איך האב עס דעם זעלבן אוונט נאך פארצייכנט. זי האט ממש געשאטן מיט העברעאישע ווערטער און גאנצע פסוקים און נישט אזוי גלאט אבי פון דער לופט געכאפטע ווערטער אדער פסוקים, נאר תמיד געטראפן אין פינטל, אמת צוגעפאסט צום תוך פונעם ענין. אז דער פארזיצער האט זי אפגעשטעלט און זי געבעטן אויסליינען איר בקשה, האט זיך אויסגעלאזט, אז זי דארף באצאלן דעם עקזעקוטאר פון שטאט־ראט זעקס זלאטעס. און

אויב זי וועט מאַנטיק נישט באַצאָלן די דאָזיקע „גרויסע" סומע געלט, וועט מען איר אַפּשרייבן איר „קראַם", וואָס זי האָט אויף אַ שטעלעכל אין מאַרק, אַ „קראַם", וועלכע זי נעמט מיט זיך אַהיים יעדן טאָג און וועלכע באַטרעפט מסתמא אינגאַנצן 10—15 זלאָטעס און פון וועלכער זי „לעבט" מיט פיר קינדער.

וואָס איז דאָס פאַר אַ חשבון זעקס זלאָטעס שטייער? זי איז מחויב צו צאָלן אַ יאָר שטייער דעם שטאָט־ראַט 60 זלאָטעס פאַרן רעכט צו „קראַמעווען" אויפן שטעלעכל אין מאַרק. האָט זי, פאַרשטייט זיך, נישט באַצאָלט אָנהייב יאָר. האָט מען איר געדראָט אי קאָנפיסקירן די „קראַם", אי זי נישט לאָזן מער „קראַמעווען", ביז זי האָט זיך דורך אַ ייִדישן ראַטמאַן דערשלאָגן די גרויסע הנחה, אַז זי זאָל אויסצאָלן דעם חוב פון 60 זלאָטעס אין צען חדשים. עטלעכע חדשים האָט זי שוין אויסגעצאָלט און אַלץ פון די אייגענע ריווחים. דער לעצטער חודש איז אָבער אַזאַ ביטערער, אַז אָפּשפּאָרן אַזאַ „סומע" האָט זיך איר נישט איינגעגעבן. ס'איז אַ קריזיס און די דאָזיקע ייִדענע מיט דער אונטער דער־פּאַכווע־קראַם ליידט אויך פון קריזיס.

איר מאַן איז שוין פיר יאָר טויט. געלאָזט האָט ער זי מיט פיר פּיצלעך קינדער און מיט אַ הבטחה, אַז ער וועט זי אין הונדערט און צוואַנציק יאָר ארום זעצן נעבן זיך אין גן־עדן. שוין ביי זיין לעבן איז זי געווען די הויפּט־פאַרדינערין, ווייל דער מאַן האָט געלערנט תורה און אביסל צוגעקנעלט, פאַרדינען פלעגט ער ווייניקער פון איר. ער איז געווען אַ פרומער און איז זיכער אין גן־עדן, אָבער דער אומגליק איז, וואָס זי איז נעבעך אַ זינדיקע און לעבט נאָך אויף דער וועלט, און די קינדערלעך, גאָלדענע, געראָטענע קינדערלעך, לעבן אויך און ווילן נישט וויסן פון קיין קריזיסן, פון קיין שטייער־עקזעקוטאָרס און ווילן כאָטש אַ טרוקן שטיקל ברויט. וואָס זענען זיי, די דאָזיקע שוואַכע, אומשולדיקע עופעלעך, שולדיק, אַז עס איז אַ קריזיס אין לאַנד און זי פאַרדינט נישט?

אויף מיין פראַגע, וואָס איז דאָס אַזוינס אַ קריזיס, האָט זי געגעבן זייער אַ פּשוטע און קלאָרע תשובה, אַ סך קלאָרער, ווי די וויסנשאַפט, וואָס מאַטערט זיך נעבעך און קאָן נישט איינבייסן דעם דאָזיקן שווערן ביסן. אַ קריזיס — האָט זי געזאָגט — איז, אַז אַלע ליגן אין דער ערד. אַז

איך בין אליין געווען א קבצנטע, איז מיר אויך געווען שלעכט, אָבער ס'איז נישט געווען אזוי שרעקלעך. מען האָט געקאָנט כאַפּן ביי עמעצן א פּאָר זלאָטעס, מען האָט געקאָנט באָרגן אביסל סחורה. אָבער אז ס'איז א קריזיס, איז שוין גאָר שלעכט, כאָטש צי זיך אויס און גיי אויס.

דער צווייטער איז געווען א יונגערמאַן, א הויכער, א שלאַנקער, מיט א קלאָר־ווייסן קראַגן, מיט ריין־אָפּגעפּוצטע שיך, הכלל, א „פּאַצעט", ווי מען זאָגט אין פּוילן, דאָס הייסט, א פראַנט. ער האָט פריער געהאַט א שיך־געשעפט אין צענטער פון שטאָט און איז געווען פארמעגלעך. צוריק מיט א יאָר פינף, ביים קריזיס פון 1925, האָט ער געמוזט פאַרמאַכן דאָס געשעפט און דינגען אין מאַרק א רונדוק, וווּ ער האָט ווייטער פאַרקויפט שיך. דאָס לעצטע יאָר האָט ער שוין געמוזט זיך אָפּזאָגן אויך פונעם רונדוק און אראָפּנידערן נאָך איין שטאַפּעל נידעריקער — ער האָט שוין איצט נאָר א שטעלעכל אין מאַרק, טראָגט ארויס פון דער היים דאָס ביסל שיך און ברענגט עס אויף דער נאַכט אהיים. זיין פראַנטאָווע אויסזען איז נאָך א שארית הפליטה פון די אַמאָליקע גאָלדענע יאָרן. איצט איז ער א יורד, קאַטשעט זיך באַרג אראָפּ. ער האָט שוין אלע האָפענונגען פאַרלוירן צוריק זיך ארויפצוכאַפּן און האַלט שוין ביי יענעם צושטאַנד, ווען מען הערט שוין אויף זיך צו שעמען. יאָרנלאַנג האָט ער באַהאַלטן פון מענטשן זיין אומגליק, געכאַפּט ביי איינעם, געדעקט דעם צווייטן, געדרייט, געקראָמעוועט, געהאָפט, אז ס'וועט זיך איבערדרייען, אָבער ער האָט זיך אַלץ מער פארדרייט און פאַרפּלאָנטערט אין חובות, ביז ער האָט זיך איינמאָל, ווען ס'איז שוין געווען כלו כל הקיצין, געזאָגט: אויס מאַכן אָנשטעלן; א סוף מיט קנייפּן די באַקן, אז די פאַרב זאָל שטיין אין פּנים און נאַרן מענטשן! מען מוז אריינלאָזן דעם דלות אין שטוב און זיך פאַרשרייבן אין חברה קבצנים. אָפּן פאַר דער גאַנצער וועלט און אָן בושה!

און אָט איז שוין א יאָר, אז ער שטייט ביים שטעלעכל, גלייך מיט אלע עגונות, אלמנות, אינוואַלידן, אַלטע לייט, אָפּגעריבענע בעלי־מלאָכות, עובר־בטלדיקע אָפּגעבליאַקעוועטע פאַר־מלחמהדיקע שיינע באַלעבאַטים, טויגעניכטסן, פּויליאַקעס, וואָס האָבן נישט געוואָלט אַרבעטן, — מיט דעם גאַנצן אָפּפאַל, וואָס דער יידישער צענטער פון לעמבערג, דער אויסגעפּוצטער און באַפּאַרבטער, שפּייט אויס פון זיך און וואַרפט ארויס אין

מיסטקאסטן, וואָס רופט זיך מארק! יעדער, ווער ס'זעצט אָן און האָט קיין שכל נישט געהאט זיך פריער באוואָרענען מיט אביסל קאפּיטאל; יעדער ארויסגעשטויסענער פון די רייען; יעדער געפאלענער אויף קיינמאָל שוין נישט אויפצושטיין; יעדער האָפענונגסלאָזער קבצן; יעדע יידענע, מעג זי זיין ווי שוואך און נאריש; יעדער אידיאָט, וואָס טויג צו גאָרנישט — אלע די דאָזיקע אויסגעשפּיגענע פון צענטער ווערן צונויפגעוואָרפן אויפן בארג מיסט, וואָס רופט זיך מארק און וואָס רופט ארויס קנאה ביי די אנטיסעמיטן, וועלכע טענהן, אז יידן האָבן פארכאפּט דעם מארק, דעם דאָזיקן מיסטקאסטן־גן־עדן.

יעדעס יאָר קומען צו הונדערטער שטעלעכלעך, בודקעס, טישלעך, פּאלאטקעס און ענדלעך האנט־הענדלער, די, וואָס האָבן נישט אפילו צו באצאָלן דער שטאָט פאר א נאקעט שטיקל פּלאץ און „קראָמעוועז" מיט די פּאָר אלטע בגדים אָדער אלטע שטיוול אויף די הענט און ארומגייענ־דיק „מאכן זיי א לעבן".

די לעצטע צייט זענען נאָך צוגעקומען קונים אויף א פּלאץ אין מיסטקאסטן. מוז א ייד אנטלויפן פון דאָרף, מחמת מען שלאָגט יידן, אָדער מחמת דער קאָאָפּעראטיוו האָט ארויסגעריסן דעם לעצטן ביסן פון מויל, שטעלט ער זיך אין לעמבערג אין מארק; שטעלט ער זיך נישט אליין אין מארק, מחמת עס שטייט אים נישט אָן, זעצט ער אוועק זיין ווייב, זיין טאָכטער אין א בודקע אָדער ביי א שטעלעכל „ציען פּרנסה", ביז ער וועט זיך צעפירן די הענט, אָבער סוף כל סוף פּטרט ער דאָס ביסל גוטס, וואָס ער האָט געבראכט פון דאָרף, און ווערט אליין א תושב אין מארק.

און אָט איז ער, וואָס האָט שוין לאנג טובערקולאָז, וואָס זיינע אויפגערעגטע אויגן שרייען, אז ער שפּייט מיט בלוט, געשטאנען אין נעץ און קעלט א גאנצע וואך ביים שטעלעכל מיט שיך און האָט געלייזט אזש 46 זלאָטעס! וויפל זשע האָט ער געקאָנט פארדינען ביי 46 זלאָטעס?! זאָל זיין 10, זאָל זיין 15 זלאָטעס, און ער האָט דאָך א ווייב מיט צוויי קינדער אין דער היים, און ער אליין מוז גאָר טרינקען יעדן טאָג צוויי גלעזער מילך, ווארום ער שפּייט מיט בלוט אפילו מיט די צוויי גלעזער מילך, אָבער אָן זיי וואָלט ער שוין לאנג געווען אויף יענער וועלט.

און וואָס וועט זיין שפּעטער? ווי כאפּט מען זיך ארויס פון דעם

דאַזיקן קבר, ווו מען ליגט לעבעדיקערהייט באַגראָבן? ווי רייסט מען זיך ארויס פונעם מיסטקאַסטן, וווּהין די שטאָט וואַרפט אָפּ איר גאַנץ אָפּפאַל?!

דער יונגערמאַן מיט די שווינדזיכטיקע אויגן האָט גערעדט ווי פון היץ. מיר זענען געזעסן און געשוויגן, ווי פאַרגליווערט, ווי פאַרשטיינערט. מיר האָבן אים געלאָזט אויסגיסן זיין שווער האַרץ, האָבן אים נישט גע־קאָנט איבעררייסן, הגם מיר האָבן זייער גוט געפילט, אַז דאָס דאַזיקע היציקע אַראָפּרעדן זיך פון האַרצן וועט אים קאָסטן נישט איין גלאָז בלוט. ער האָט אַזוי גערעדט אוודאי אַ פערטל שעה. ער האָט זיך מיט אמאָל אַ זעץ געטון אויפן בענקל, אנטשוויגן געוואָרן. באַלד איז ער שטילערהייט אויפגעשטאַנען און איז אַרויס פון צימער — גאָרנישט געבעטן, גאָרנישט פאַרלאַנגט.

דער פאָרזיצער האָט צו מיר געזאָגט:

— אָט מיט די איז ערגער ווי מיט אַלע! זיי קאָנען זיך נישט באַ־רואיקן! זיי פילן זיך טאַקע באַגראָבן אויפן מאַרק, אָבער זיי האַלטן אין איין שרייען פון קבר אַרויס, אָבער דאָס שרייען העלפט דאָך נישט! ס׳איז אַ קבר, וואָס מ׳קאָן פון אים נישט אַנטלויפן. איז שוין בעסער ליגן רואיק און זיך נישט דרייען און וואַרפן.

שטיל און שעמעוודיק רוקט זיך אַריין אַן אַלטימשקער ייד פון עט־לעכע און זעכציק יאָר. ער איז אַ שוסטער, כל ימיו געווען אַ שוסטער, שוין צו ניין יאָר האָט אים דער פאָטער אָפּגעגעבן צו אַ שוסטער און פון דעמאָלט אָן האָט ער נישט אויפגעהערט צו נייען און לאַטען שיך. אמאָל פאַר רייכע לייט, די לעצטע צייט פאַר קבצנים. אָבער ער קלאָגט זיך נישט. אַדאַנק דעם רבש״ע דערפאַר. ער איז נישט זינדיק, נאָר אַלט איז ער, אָן כוחות, נישטאָ קיין כוחות מער צו אַרבעטן. ווייל ער זיך זעצן אין מאַרק מיט אַביסל אַלטע שטיוול, אַלטע שיך און אַלטע קאַלאָשן. דער אַלטימש־קער איז טויב און מיינט, אַז מיר זענען אויך טויב, שרייט ער הויך און טענהט, מען זאָל אים העלפן אויף דער עלטער זיך אַביסל אָפּרוען. 55 יאָר האָט ער געשוסטערט און איצט וויל ער אָפּרוען. איז אָט, ווען מען לייעט אים אויס 25 זלאָטעס, קאָן ער עפּענען אַ „געשעפט" פון אַלטע שטיוול, קאַלאָשן און שיך אויפן מאַרק. ער איז אַ גרויסער מבין אויף לעדער און נאָך מער אויף גרויסע שטיוול. ער האָפט, אַז ער וועט אויסצאָלן, ער וועט

געווים אויסצאָלן, וואָרום פאַרוואָס זאָל ער נישט פאַרדינען ביים געשעפט, פון וועלכן אזוי פיל יידן לעבן. אז ס'איז דאָ פאַר אזוי פיל, וועט געווים זיין נאָך פאַר איין אלטן יידן, וואָס האָט 55 יאָר געשוסטערט און וויל איצט, די לעצטע יאָרן, אָפּרוען אביסל.

א פּאָר שעה בין איך געזעסן אין ביוראָ פון פאַראיין. איינער נאָכן אנדערן זענען אריינגעגאנגען יידן און יידענעס. דער בעט עטלעכע זלאָ־טעס אויף באַצאָלן שטייער; יענער בעט אויף א פאַטענט, וואָרום מען וועט אים אראָפּוואַרפן דעם רונדוק; דער דריטער בעט אים אויסלייזן פון שטייער־עקזעקוטאָר, וואָס האָט שוין איבערגעשריבן די סחורה זיינע; און דער פערטער האָט נישט אויף קויפן גאַנץ פרי ביי די פּויערים קאַרטאָפל, וואָס ער צעפירט אין א וועגעלע איבערן שטאָט, און די פינפטע, אן אלמנה, וויל באַקומען א הלוואה אויף ווערן א „סוחרטע" אויפן מאַרק און די זעקסטע, א מלמדס א ווייב, וויל די טאָכטער, שוין א מויד אריבער דריי־סיק און קאָן נישט חתונה האָבן, ווייל קיין נדן איז נישטאָ, אוועקזעצן מיט א שטעלעכל אין מאַרק, זאָל זי אָנקלייבן נדן אא"וו.

דער דאָזיקער סאָציאַלער אָפּפאַל, אָבער נישט נאָר סאָציאַ־לער, נאָר אויך אָפּט פיזישער, גייסטיקער, מאָראַלישער און וועלכן איר ווילט נאָר, מאַכט אוים ביי דער יידישער באַפעלקערונג פון די גרויסע שטעט פון פוילן ביז אן אכטל פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג! אָט די דאָזיקע אלמנות, יתומים, יתומות, אלטע לייט, ארויסגעוואָרפענע בעלי־מלאכות, אויסזיכטלאָזע ארבעטלאָזע, אינוואַלידן, פיזישע, פּסיכישע און מאָראַלישע קאַליקעס, פאַרזעסענע מוידן, האַלב־אידיאָטישע בחורים, היימלאָזע פון דער מלחמה, סתם יורדים און אנטלאָפענע דאָרף־יידן, קרבנות פון פיזישן אָדער עקאָנאָמישן אנטיסעמיטיזם — אָט דער גאַנצער סאָציאַלער ערב־רב רינט פון שטאָט־צענטער אין רינשטאָק, וואָס הייסט „מאַרק".

IX

דער חורבן פונעם יידישן עקאָנאָמישן לעבן אין לאָדזש

„רעכט אויף ארבעט" — דאָס איז דער גרויסער וויי־געשריי פון די יידישע ארבעטער, יידישע אָנגעשטעלטע, יידישע אינטעליגענטן און יידישע ברייטע מאסן, וואָס ווערן פון טאָג צו טאָג אלץ מער ארויסגעשטויסן פון די אלטע יידישע פרנסות און ווערן נישט צוגעלאָזן צו די מאָדערנע נייע ארבעטס־צווייגן. די יידישע מאסע ווערט פשוט דערוואָרגן אין דעם נייעם געזעלשאפטלעכן געטאָ, אין וועלכן מ'וויל זי פארשטופן. זי ווערט דערשטיקט אין דעם עקאָנאָמישן געטאָ, אין וועלכן זי איז געבליבן שטעקן, און פון וועלכן מען לאָזט זי נישט ארויס.

ווען איך בין ארומגעגאנגען דעם ערשטן טאָג פון מיין אָנקומען קיין לאָדזש איבער די הויפט־גאסן, האָט זיך מיר געוואָרפן אין די אויגן פאָלגנדיקע דערשיינונג: כמעט ביי יעדן טויער שטייען צוויי אָדער דריי יידן מיט א פאק שטריק, ארומגעוויקלט ארום האלדז. דאָס זענען יידישע טרעגער, וועלכע ווארטן, עמיצער זאָל זיי רופן אָפטראָגן א פעקל סחורה פון פאבריק אין קראָם אָדער פון א גרויסער קראָם אין א קלענערער.

מערסטנטיילס זענען דאָס נישט קיין פאכאָווע טרעגער, וועלכע זעען גאָר אנדערש אויס און ארבעטן אין די גרויסע פאבריקן ביים אָנלאָדן גאנצע וואגאָנעס מיט סחורה. יענע זענען הויכע יונגען מיט ברייטע פלייצעס, אָפטמאָל — ריזן. אָבער די, וואָס שטייען ביי די טויערן, זעען אויס קליין, דאר, דערשלאָגן און מען דערקענט באלד, אז זיי זענען נישט קיין געבוירענע טרעגערס. דאָס זענען מערסטנטיילס ארבעטסלאָזע וועבער, וועלכע האָבן שוין זייער ביסל בלוט אָפגעגעבן דעם פאבריקאנט. דאָס זענען מערסטנס יידישע האנט־וועבער, וועלכע האָבן נישט קיין ארבעט אפילו ווען די גרויסע פאבריקן זשומען און קלאפן אזא פריילעכע מעלאָדיע פאר די פאבריקאנטן.

דער דאַזיקער פּאַק שטריק אַרום האַלדז מאַכט אַ שרעקלעכן איינ־דרוק. מען מוז זיך אָפּשטעלן, מען מוז זיך איינקוקן אין די אויגן פון די, וואָס טראָגן די שטריק אַרום האַלדז. מיט מיר איז געגאַנגען אַ יידישער וועבער, אַ גליקלעכער יידישער וועבער, וואָס איז אַריין אין אַ מעכאַני־שער פאַבריק, וועלכער גייט שוין אָבער דריי חדשים אַרום אָן אַרבעט. ער האָט דערפילט, אַז מיך פאַרפּאַלגן די דאָזיקע שטריק און ציען מיך צו די מענטשן, וואָס טראָגן זיי אויף די העלדזער. האָט ער, ווי צו זיך אַליין באַמערקט: —„יאָ, מען האָט פאַרוואָרפן אַ שטריק אויפן האַלדז פון יידי־שע אַרבעטס־מענטשן און מען פאַרציט אים אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. ס'איז ממש דערוואָרגן צו ווערן".

און דאָס שרעקלעכסטע איז, וואָס דער דאָזיקער שטריק אַרום האַלדז פון יידישן אַרבעטער פאַרציט נישט נאָר די רעגירונג, נאָר אויך יידן, יידישע גרויסע פאַבריקאַנטן און אויך פרומע יידן צווישן זיי.

דאָס זענען פרומע יידן, וואָס נעמען דעם רבונו של עולם פאַר אַ שותף צו דער דאָזיקער „איידעלער" מלאכה.

דאָס זענען פרומע, גאָטספאַרכטיקע יידן, וואָס ווילן כלומרשט נישט, אַז יידישע אַרבעטער זאָלן אַרבעטן אום שבת, כאָטש זייערע אייגענע פרו־מע קעשענעס מאַכן גאָר נישט קיין חלוק צווישן די פאַרדינסטן, וואָס קומען אַריין פון שבתדיקער אָדער פון וואָכעדיקער אַרבעט.

זיי זענען כשרע נשמות, וואָס האָבן פון באַרג סיני נאָך דערהערט, אַז מען דאַרף אָפּהיטן שבת און זענען טויב געוואָרן ביי די פסוקים, ווו ס'רעדט זיך וועגן העלפן אַ ברודער. זיי זענען פאות־ און ציצית־יידן, וואָס האָבן מורא פאַר דער קלענסטער עבירה, נאָר טראָגן זייער ליכט אויף זייער געוויסן דעם הונגער־טויט פון טויזנטער יידישע האַנט־וועבער, וועל־כע זיי האָבן נישט געוואָלט צונעמען אויף זייערע פאַבריקן, ווען זיי האָבן איינגעפירט מעכאַנישע שטולן.

ווער ס'האָט נישט געזען באַלוט, די נעסט פון יידישע האַנטוועבער, האָט נישט געזען קיין קרבנות פון קאַפּיטאַליזם.

אין דער שטאָט לאָדזש זענען פאַראַן פאַבריקן, געבויט לויטן לעצטן וואָרט פון טעכניק, ווו ביי 32 שטולן שטייט איין אַרבעטער, ווו אין אַ לאַנגן זאַל פון 67 מעטער אויף 22 אַרבעטן סך־הכל 12 מענטשן, וועלכע

דאַרפן נאָר קאָנטראָלירן און רעגולירן די מאַשינעס. אין דער זעלבער שטאָט שטאַרבן פון הונגער יידישע וועבער, אַפילו דעמאָלט, ווען אין שטאָט פעלן אויס אַרבעטער. מען אַרבעט אַקוראַט צוויי מאָל מער שעהן, מען גיט אָפּ דער אַרבעט צוויי מאָל מער בלוט און שווייס, שטייענדיק 16 שעה ביי דער אַרבעט, און מען האָט דאָך אויף קיין ברויט נישט און מען גייט בוכשטעבלעך אויס.

איך האָב אויסגערעכנט מיט אַ לאָדזשער ראַטמאַן, אַז אין דעם טייל שטאָט וווינט מען 32 מאָל געדיכטער, ווי אין קריסטלעכן אַרבעטער־קוואַרטאַל. דער דירעקטאָר פון דעם שטאָטישן סטאַטיסטישן ביוראָ האָט מיר געזאָגט, אַז אין דעם טייל שטאָט איז די שטאַרבלעכקייט די גרעסטע פון אַלע איבעריקע געגנטן. עס איז גענוג צו באַזוכן נאָר אַ פּאָר וווינונגען, כדי באַלד צו דערפילן דעם ריח פון טויט, פון לאַנגזאַמען שטאַרבן, פון אויסגיין.

איך האָב באַזוכט אַ צענדליק וווינונגען. אומעטום זעט מען דאָס זעלבע בילד: איין צימער, און אין צימער איינער אָדער צוויי האַנט־שטולן. אין דעם זעלביקן צימער געפינט זיך אַ בעטל מיט אַ דאַרן סעניק און אַ שרעקלעך שמוציקע קאָלדרע, און אין אַ ווינקל שטייט אַ פּליטע, אויף וועלכער מען קאָכט, און אומעטום זעט מען אַ כאַפּטע קינדער, בלייכע, דאַרע, מיט אומרוייקע אויגן, מיט אויסגעקרימטע פיסלעך.

געוויס איז אויך די לאַגע פון די קריסטלעכע אַרבעטער גענוג טרויעריק. און דאָך זענען די יידישע אַרבעטער זיי שטאַרק מקנא. ערשטנס, אַרבעט דער קריסט אויף אַ גרויסער פאַבריק, וועלכע שטעלט זיך געוויינלעך אָפּ שוין גאָר צולעצט, ווען דער קריזיס דערגרייכט די העכסטע שטופע. פאַרקערט, דאָס קליינע פאַבריקל אָדער די האַנט־וועבעריי איז געפאַלן דער ערשטער קרבן און האָט די ערשטע אָפּגעשטעלט די אַרבעט.

דער קריסטלעכער אַרבעטער פון דער גרויסער פאַבריק איז פאַרזיכערט פון אַרבעטסלאָזיקייט און באַקומט וואָכן שטיצע. דער יידישער אַרבעטער איז באַשעפטיקט אין קליינע וואַרשטאַטלעך מיט ווייניקער פון 5 אַרבעטער און איז דעריבער נישט פאַרזיכערט. דער יידישער אַרבעטער הייבט דעריבער אָן צו הונגערן פון ערשטן טאָג, וואָס ער פאַרלירט זיין אַרבעט.

נאָך א זאך: ביים קריסטלעכן ארבעטער ארבעט אויך די פרוי אָדער א קינד. אימיצער פון זיי האָט אָפּט ארבעט אין א מלוכה־אונטערנעמונג, אויף אן אייזנבאן אָדער ביי א שטאָטישער אונטערנעמונג, אויף א טראַמ־וויי, אין קאַנאַליזאַציע, וואסערלייטונג או״וו. עס טרעפט גאָר זעלטן, אז אַלע מיט איין מאָל זאָלן פארלירן די ארבעט. ביי יידן טראָגט דער פאָ־טער כמעט אליין דעם גאנצן יאָך, און פאלט ער, ליגט די גאנצע פאמיליע אין דער ערד.

ארומגייענדיק אין די גאסן פון באלוט, זעט מען אין יעדן ווינקעלע שטיין גרופּעס יידישע ארבעטער, צווישן זיי נישט ווייניק מיט בערד, טאַ־טעס פון גרויסע פאמיליעס. מען שטייט פארזאָרגט, פארדאגהט. עס איז נישטאָ אפילו אויף א ביסן ברויט. עס איז א פאקט, אז די פּויערים, וואָס ברענגען אויפן מארק אין יידישן ארבעטער ראיאָן זייער מילך, פּוטער און קארטאָפל, האָבן די לעצטע טעג אוועקגעפירט זייער סחורה צוריק אין דאָרף אריין.

איך גיי אריין אין די וווינונגען. אָט איז א צימער מיט צוויי וועב־שטולן. אויף א בעט אויף א טרוקענעם, אויסגעדארטן סעניק, אין וועלכן עס איז שוין אפילו קיין שטרוי נישטאָ, ליגט א פאראליזירטע פרוי און שרייט. זי בעט גאָט, אז ער זאָל איר וואָס גיכער שיקן דעם מלאך המות. דער מאן איז מיט עטלעכע חדשים צוריק געשטאָרבן. צוויי זין, האנט־וועבער, זענען אוועק אין שטאָט אריין זוכן ארבעט. זיי שטייען ערגעץ ביי א טויער מיט שטריק אויף די העלדזער. נאָר זייער אָפּט, דערציילן די שכנים, קומען זיי אָן א גראָשן, און די פאראליזירטע פרוי באקומט גאָר־נישט. די גוואלדן אירע הערט מען אויפן גאנצן קאָרידאָר, און די שכנ־טעס קלאָגן זיך, אז ביינאכט קאָנען די קינדער נישט שלאָפן.

אָט איז א צווייטע וווינונג. קיין טיר איז נישטאָ. די לאָך איז פאר־האנגען מיט א זאק. דאָ געפינט זיך א יונגע פרוי מיט פיר קליינע קינ־דערלעך. עס איז קאלט און קליינוואַרג וויקלט זיך און נורעט זיך אין א צעריסענער, שמוציקער קאָלדרע. דער מאן איז אין גאס. ער טוט שווארצע ארבעט ביי שטאָטישע אונטערנעמונגען. אין לאָדזש איז אין שטאָט־ראט א סאָציאליסטישע מערהייט, און א יידישער ארבעטסלאָזער ווערט צוגע־לאָזט צו קהלשע ארבעטן. ער ארבעט נאָר 3 טעג אין וואָך און פארדינט

23 זלאָטעס אָדער צוויי און א האלבן דאָלער א וואָך. דאָס זענען די גבי־רים אויפן קאָרידאָר.

אָט איז א דריטע וווינונג. דאָ וווינט א „פאַבריקאַנט", וואָס האָט צוויי האַנט־שטולן און האַלט אַן אַרבעטער. איצט אַרבעט מען נישט. ער קויפט אַליין וואָל און אַרבעט און פאַרקויפט אין די מאַגאַזינען. א הויכער ייד קומט אַריין פון בית־מדרש מיטן טלית און תפילין אין דער האַנט, רעדט ווייניק, האַלט זיך אַזוי, אַז מען זאָל אים, דעם „פאַבריקאַנט", חלילה, נישט צונויפמישן מיט די „פּראָלעטאַריער". און דאָ שטייט א באַלעבאָסטע און קאָכט א גרויסן טאָפּ קאַרטאָפל אויך אין דעם זעלבן צימער, ווו די שטולן שטייען.

מיר גייען ווייטער. שכנים קומען אַרויס און באַגלייטן אונדז. און איין שמועס איז נאָר דאָ: ווו נעמט מען מעכאַנישע שטולן, און ווי לערנט מען זיך אויס אַרבעטן אויף זיי? אמת, איצט איז אין די פאַבריקן מיט די מעכאַנישע שטולן אויך שטיל. אָבער יענע אַרבעטער האָבן דאָך געהאַט „בעטע" יאָרן, ווען מען האָט געאַרבעט אָן איבעררייס און די האַנט־וועבער זיצן דאָך אפילו אין די גוטע יאָרן ניין חדשים אין יאָר אָן אַרבעט. ווען מ'פאַרדינט, האָט מען אויך נאָר א העלפט פון דעם פאַרדינסט פון די אַרבעטער אין די גרויסע פאַבריקן; און ווען מען איז אַרבעטסלאָז, איז מען הפקר, כאָטש לייג זיך אין גאַס און שטאַרב.

דער מעכאַנישער שטול אָדער א פּלאַץ אין א פאַבריק מיט מעכאַנישע שטולן — דאָס איז דער טרוים, דער חלום פון אַלע, וואָס קומען אָפּ אין באַלוט, וואָס גייען לאַנגזאַם אויס.

דער „דזשאָינט" און דער „אָרט" האָבן עפּעס אויפגעטון פאַר די יידישע האַנטוועבער און האָבן געוויס נישט ווייניק מיטגעהאָלפן צו דעם, וואָס עטלעכע הונדערט יידישע וועבער זענען דאָך אַריין אין די פאַבריקן מיט מעכאַנישע וועב־שטולן.

כדי די וועבער, וואָס לערנען זיך מעכאַנישע וועבעריי אין די לערן־פאַבריקן פון „דזשאָינט" און "אָרט", זאָלן קאָנען אויסנוצן זייערע קענטעניש, מוזן יידישע פאַבריקאַנטן נעמען יידישע אַרבעטער, וואָרום קריסטלעכע פאַבריקאַנטן וועלן קיין יידישע אַרבעטער אוודאי נישט נעמען. אָבער יידישע פאַבריקאַנטן, וואָס שליסן נישט אויס קיין יידישע אַרבע־

טער, קאָן מען אויף די פינגער איבערציילן. די מערסטע יידישע פאבריקאנטן לאָזן נאָך ביז איצט קיין יידן נישט אריבערטרעטן די שוועל פון זייערע פאבריקן.

דער מנהג אָפּצוזאָגן יידן און אָננעמען קריסטן אויף זייער אָרט ביים אריבערגיין פון האנטוועבעריי אויף מעכאנישע איז געווען אין לאָדזש פון אלטע יאָרן א כלל. אין לאָדזש איז געווען א פאבריק פון דער פירמע הערשבערג און בירנבוים, א גרויסע פאבריק מיט אויסשליסלעך קריסטלעכע ארבעטער. די באלעבאטים זענען געווען רעפאָרמירטע אָדער אסימילירטע יידן. האָט הערשבערג באשלאָסן צו עפענען א ספעציעלע פאבריק פאר יידישע ארבעטער. ער האָט געגרינדעט א קליין פאבריקל, ווו יידישע האנטוועבער האָבן זיך געלערנט מעכאנישע ארבעט. צו ביסלעך איז אויסגעוואקסן א גרויסע פאבריק מיט 166 מעכאנישע וועבשטולן, ביי וועלכע עס זענען געשטאנען אויסשליסלעך יידן.

הערשבערג האָט אומעטום פארשפרייט די מיינונג, אז די יידישע ארבעטער ארבעטן אוים מער, ווי די קריסטלעכע. די פאבריק האָט עקזיסטירט פון 1912 ביז דער מלחמה. דאָס איז געווען א יידישע פאבריק נישט נאָר לויטן באשטאנד פון די ארבעטער, נאָר אויך לויטן גייסט. מען האָט באקומען פונעם פאבריק־אינספעקטאָר א ספעציעלע דערלויבעניש צו ארבעטן זונטיק און אין די קריסטלעכע ימים־טובים און רוען דערפאר שבת און אין די יידישע ימים־טובים. פאר די פרומע וועבער איז געווען א שטיבל צום דאווגען. אפילו דער שומר אין בודקע, וואָס האָט אריינגעלאָזט און ארויסגעלאָזט די ארבעטער, איז געווען אן עלטערער פרומער ייד, וואָס פלעגט זאָגן תהילים, ווען ער האָט נישט געהאט וואָס צו טון.

א שטיקל צייט פאר דער מלחמה איז געוואָרן גענעראל־דירעקטאָר איינער בודזינער, א רייכער פרומער יונגערמאן. ס'הייבט זיך אָן די מלחמה, מען קירצט די צאָל ארבעטער. דער גענעראל־דירעקטאָר זאָגט אָפּ יידן און נעמט אריין קריסטן. א תירוץ האָט ער, אז ער האָט מורא פאר די קריסטן! נאָך דער מלחמה בלייבט בודזינער דער איינציקער באלעבאָס פוןביידע פאבריקן. ער פארמאכט די יידישע פאבריק. און עד היום ארבעט נישט

ביי בודזינער, וואס באשעפטיקט 300 ארבעטער, קיין איין יידישער אר־בעטער.

דער בודזינער איז אבער נישט אבי ווער אין לאדזש. ער איז א ציוניסט־מזרחי, פרום, רייך. ער איז פארזיצער פון דער קהילה און געווען מיטגליד פון פוילישן סענאט. דער מענטש שפילט א גרויסע ראלע אין יידישן קהלשן לעבן. איז דאס מעגלעך ביי וועלכן ס'איז אנדער פאלק? וואלט מען אזא מענטשן נישט ארייננעליינגט אין חרם ביי יעדער אנדער פאלק? ביי אונדז באקומט ער אבער די שענסטע עליות סיי אין בית־מדרש, סיי אין דער קהילה און אפילו אין סענאט. אמת, ער האט צוויי גרויסע מעלות. ער איז פרום ווי א רוח און רייך ווי קורח. אבער איז דאס ווירקלעך שוין גענוג, אז ער זאל שטיין אין דער שפיץ פון דער קהילה און זיצן אין סענאט, פון יידן געשיקט?

און אט איז א צווייטער, רב יחיאל מאיר פיק. ער איז א גערער חסיד, וואס פארט צום רבין א פאר מאל אין יאר. ער איז אן אגודהניק, וואס האלט מלחמה פאר פרומקייט. ער האט א פאבריק מיט 120 שטולן. דער מייסטער איז א ייד. צווישן 60 ארבעטער איז פאראן איין ייד.

און אט איז א דריטער — ה' גליקמאן. ער איז אן אקטיווער ציו־ניסט, א פארזיצער פון עטלעכע חברות, ווי מושב זקנים, עזרת יתומים און אנדערע. ער איז א גאנצער קנאקער און אפילו א שטיקל שרייבער, וועלכער זאגט מוסר יידן אין א לאדזשער ציימונג און שרייט גוואלד, אז מען זאל העלפן קראנקע און אלטע יידן. אבער צווישן די 200 ארבעטער אויף זיין פאבריק איז נישטא אפילו קיין איין ייד.

און יידן האבן זיך אזוי צוגעוווינט צו דעם אייגענעם אנטיסע־מיטיזם, אז די אנגעזעענסטע יידישע אנטיסעמיטן פארנעמען דעם אויבנ־אן אין דער יידישער געזעלשאפט און קיינער ווייזט זיי נישט אן זייער אמתן ארט.

דאס איז אזוי נישט נאר ביי די יידישע טעקסטיל־פאבריקאנטן. אט האלט די האנט־שוסטעריי אויך אין אונטערגיין. עס עפענען זיך אלץ מער און מער מעכאנישע שוסטער־פאבריקן, און די האנט־שוסטער בלייבן אן ארבעט. פון שוסטעריי האבן געלעבט אין ווארשע געוויס א פאר טויזנט יידן, וואס האבן געארבעט נאר פארן עקספארט אין די רוסישע גובער־

ניעם. נאָך דער מלחמה האָט דאָס פּאָך איבערגעלעבט אַ שרעקלעכן קריזיס, ווייל דער היימישער פּוילישער מאַרק קאָן נישט אָפּנעמען אַזוי פיל שיך. דאָך וואָלט געוועזן אַביסל אַרבעט, ווייל דאָס איצטיקע פּוילן איז דאָך אַ סך גרעסער פון דעם אַמאָליקן רוסישן פּוילן. איז אָבער געקומען אַן אַנדער צרה — די מעכאַנישע שוסטעריי.

איך ווייס וועגן פינף יידישע מעכאַנישע שוסטער־פאַבריקן אין וואַרשע, אויף וועלכע עס זענען באַשעפטיקט 520 אַרבעטער, און קיין איין ייד איז נישטאָ צווישן די אַלע אַרבעטער. יידישע שוסטער גייען אויס פון הונגער, זענען גרייט צו טון עבודת פּרך, אַבי ברויט צו פאַרדינען. פון יידישן פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין שלאָגט מען אָפּ די טירן פון די פאַבריקן, נאָר די פאַבריקאַנטן לאָזן זיך אפילו נישט רעדן.

עס איז דאָך פאָרגעקומען אַן איבערברוך אין הינזיכט פון צונעמען יידישע אַרבעטער אין גרויסע מעכאַנישע פאַבריקן. אַזוי אַרבעטן שוין איצט, דאָס הייסט, ווען ס'איז דאָ אַרבעט, ביז 800 יידישע מעכאַנישע וועבער אין די גרויסע פאַבריקן פון לאָדזש. אין וואַרשע האָבן זיך געעפנט צוויי גרויסע קליידער־פאַבריקן מיט 400 אַרבעטער און אַ דאַנק דער קלוגער טאַקטיק און דער ענערגיע פון דער פאַרוואַלטונג פון יידישן שניידער־פאַראיין, האָט זיך איינגעגעבן, אַז אַלע 400 אַרבעטער זאָלן זיין יידן. אין אַ פּאָר נייע קאָלאָשן־פאַבריקן האָבן זיך אויך אַריינגעריסן אַ ביסל יידישע אַרבעטער. דער רעזולטאַט איז דערוויייל נאָך אַ שוואַכער, אָבער עס איז דאָך אַן אָנהייב. עס ווייזט זיך אַ מעגלעכקייט, אַז יידן זאָלן קאָנען אַריינדרינגען אין דער גרויס־אינדוסטריע.

דער איבערברוך איז פאָרגעקומען אי ביי די יידישע פאַבריקאַנטן, אי ביי די קריסטלעכע אַרבעטער.

איין פאַבריקאַנט האָט מיר געזאָגט, אַז יידישע אַרבעטער זענען איצט אַ סך רואיקער, שטילער און ווייניקער רעוואָלוציאָנעריש ווי אַמאָל. פאַרוואָס? ווייל דער ייד האָט אַזוי ווייניק מעגלעכקייטן צו באַקומען אַרבעט, און עס קומט אים אָן אַזוי שווער צו באַקומען אַרבעט אין אַ פאַבריק, אַז ער סטאַרעט זיך אַ סך מער פון דעם קריסט צו האַלטן זיך אויפן פּלאַץ און חלילה נישט פאַרלירן זיין אָרט.

אַ צווייטער פאַבריקאַנט האָט מיר געזאָגט אַז דער יידישער אַר־

בעטער איז פּראָדוקטיווער, ארבעט מער אויס, ווייל ער מוז מער פאַר־דינען. ער שטימט איין ניכער פון א קריסט צו ארבעטן איבערשטונדן און אויף אזא אופן ווערט די מאַשין מער אויסגענוצט.

א דריטער האָט דערקלערט, אז ער נעמט צו יידישע ארבעטער, ווייל ער וויל נישט האָבן אויף דער פאבריק א טאָפּלטן שונא. דער קריסטלעכער ארבעטער האָט אים פיינט אי אלס פאבריקאַנט, אי אלס ייד. און דער יידישער ארבעטער האָט אים נישט ליב נאָר אלס פאבריקאַנט.

אויך ביי דער מאַסע קריסטלעכע ארבעטער איז פאָרגעקומען אן ענ־דערונג. אדאנק דער אקטיווער איניציאַטיוו פון „בונד" אויף אלע צוזאַ־מענפאָרן און קאָנגרעסן, אין אלע שטאָט־ראַטן און מאגיסטראַטן, האָט דער פוילישער סאָציאַליסטישער ארבעטער ענדלעך געביטן א ביסל זיין שטעלונג אין דער דאָזיקער פראגע.

אין 1924סטן יאָר, אז א בונדיסט האָט אָנגעהויבן רעדן אויף א קאָנ־גרעס פון אלע פּראָפעסיאָנעלע פאראיינען וועגן צולאָזן יידישע ארבעטער אומעטום גלייך מיט קריסטלעכע, זענען ארויס אייניקע ארבעטער מיט אנ־טיסעמיטישע דרשות און געטענהט, אז יידן זעט מען נאָר אויף נאַלעווו־קעס זיך ארומדרייען, אָבער נישט ארבעטן. אויף די לעצטע קאָנגרעסן הערט מען שוין מער נישט אזעלכע דרשות. און די קאָנגרעסן נעמען אָן רעזאָלוציעס מיט פאָדערונגען וועגן גלייכבארעכטיקונג פאַר יידישע אר־בעטער.

אויף די לאָדזשער פאבריקן, וווּ מען פלעגט ארויסגיין אין שטרייק, ווי נאָר מען פלעגט דערזען א יידישן ארבעטער, האָט זיך אויך די שטי־מונג שטארק געביטן. די פוילישע ארבעטער פארשטייען שוין, אז יידישע ארבעטער האָבן אויך א רעכט אויף ארבעט. פארשטייט זיך, ווייט נישט אלע פוילישע ארבעטער זענען דערמיט איינשטימיק. ערשט נישט לאנג האָט דער פאראיין פון די אנטיסעמיטישע פוילישע ארבעטער געמאכט אין לאָדזש אן אנטי־יידישע דעמאָנסטראציע מיט פלאקאטן, אויף וועלכע ס'איז געווען אויפגעשריבן: „נידער מיטן „בונד" און מיט די יידישע אר־בעטער, וועלכע פארכאפן די ערטער פון די קריסטלעכע ארבעטער!". דאָך איז אויך די דאָזיקע אייזערנע וואנט איצט דורכגעבראָכן.

דער דראַנג פון די יידישע מאסן צו ארבעט בכלל און צו דער גרויס־

פאבריק באזונדערס איז אזוי שטארק, אזוי שטורמיש, אז מען האָט גע־מוזט זיך צו עפּעס דערשלאָגן. מיט וואָס דערקלערט זיך דאָס? מיט דער גוואַלדיקער פאַראָרימטקייט פון די יידישע מאסן.

דער צושטאנד, דער שטאנדארט פונעם יידישן לעבן איז שטארק געפאלן און א סך באהויפטן, אז יידישע ארבעטס־קראפט איז איצט ביי־ליקער פון קריסטלעכער. פריער פלעגט אלע מאָל זיין פארקערט — יידישע ארבעט איז געווען טייערער. אָבער יידן זענען אין אזא פאַרצווייפלטער לאגע, דער אויסוואל פון פרנסות איז אזוי באגרענעצט, אז זיי מוזן גיין אויף די שווערסטע באדינגונגען און אויף די ביליקסטע פרייזן.

עס איז כאראקטעריסטיש, וואָס, נישט געקוקט אויפן שרעקלעכן קריזיס און דער גוואלדיקער ארבעטסלאָזיקייט, שלאָגט מען ממש אָפּ די טירן פון די „אָרט״־קורסן, און מען בעט, אז מען זאָל אויסלערנען א מלאכה. און דערביי געפינען מיר נאָך א גרויסן פּראָצענט קינדער פון הענדלער און פארמיטלער. פון 242 שילער און שילערינס, וואָס לערנען זיך אין לאָדזש אויף פארשידענע פאך־קורסן פון „אָרט״, זענען קינדער פון הענדלער, פארמיטלער און משרתים געווען 127, אָדער מער פון 50 פּראָצענט און דאָס איז איצט, אין דער צייט פון דעם שרעקלעכסטן קריזיס.

לאָמיר מאכן א שטיקל חשבון פון דער ארבעטסלאָזיקייט ביי יידן אין די צוויי גרעסטע צענטערן פון פוילן, אין ווארשע און אין לאָדזש. די פאקטן האָב איך באקומען אין די צענטראל־ביוראָס פון די יידישע פּראָ־פעסיאָנעלע פאראיינען און האָב זיי נאָך באשטעטיקט אין שמועסן מיט די באלעבאטים.

אין דער טריקאָטאזש־בראנזשע, אין וועלכער עס זענען אין ווארשע פארנומען א פּאָר טויזנט יידישע ארבעטער, זענען ארבעטסלאָז 1500, אָדער 75 פּראָצענט; שניידער אין ווארשע זענען פאראן 7 ביז 8 טויזנט יידישע ארבעטער, פון זיי זענען ארבעטסלאָז פון 55 ביז 60 פּראָצענט, אָדער מער ווי 4 טויזנט; קאמאשנמאכער זענען פאראן ביז 2000 ארבעטער, פון זיי זענען ארבעטסלאָז 80 פּראָצענט, אָדער 1600; ביי שוסטעריי זענען פון 2000 ארבעטער 80 פּראָצענט אָדער 1600 ארבעטסלאָז; מעטאל־ארבעטער זענען פאראן 2.500, פון זיי ארבעטן א פולע וואָך — א דריטל. אינגאנצן ארבעטסלאָז זענען 600, און עס ארבעטן א האלבע וואָך 1000. ביי לעדער



אזוי האָט אמאָל אויסגעזען באַלוט, די געגנט פון יידישער
אָרימקייט אין לאָדזש



(פאָטאָגראפירט דורך אלטער קאציזנע)

גאלאנטעריי זענען פאראן אכט הונדערט ארבעטער און זיבעציק פראצענט זענען ארבעטסלאז.

שוין אין די עטלעכע פאכן זענען פאראן אין ווארשע מער פון 10 טויזנט יידישע ארבעטסלאזע. מען קאן, אלזא, רעכענען, אז אינגאנצן דער־גרייכט די צאל יידישע ארבעטסלאזע ביז 14—15 טויזנט און מיט די פאמיליעס ארום 50 טויזנט נפשות.

יידישע ארבעטער זענען נישט פארזיכערט. קיין אפשפארונגען האבן זיי נישט, ווייל זיי פארדינען גראשנס. אויף שטאטישע ארבעטן נעמט מען זיי נישט צו. וואס בלייבט זיי צו טון? איז דען א חידוש, וואס די זעלבסטמארדן וואקסן?

חוץ די ארבעטער זענען נאך פאראן עטלעכע טויזנט יידישע כאלופניקעס, דאס הייסט אזעלכע, וואס ארבעטן פאר די מאגאזינען. זיי זענען אויך געגנוג ארים, און זיי גייען אויך ארום אין א גרויסער צאל אן ארבעט.

מען קאן רעכענען, אז די כאלופניקעס מיט זייערע פאמיליעס מאכן אויך אויס פון 20 ביז 25 טויזנט נפשות, האבן מיר שוין פון די ארבעטנדיקע אזעלכע 70 אדער 75 טויזנט נפשות, וואס הונגערן.

דערמאנט מען זיך אן דער גרויסער מאסע קליינע קרעמערלעך, מארק־שטעלעכלעך און מארק־מענטשן, וואס פארדינען נישט אויף חיונה, ווערט ווירקלעך פינסטער אין די אויגן און די הענט לאזן זיך אראפ.

אין לאדזש זענען פארנומען אין דער טעקסטיל־אינדוסטרי ביז 6 טויזנט יידישע ארבעטער. פון זיי זענען 65 פראצענט ארבעטסלאז, דאס הייסט ארום פיר טויזנט. שניידער ארבעטער זענען פאראן 7000—8000, פון זיי זענען ארבעטסלאז ביז 5000. אין אלע איבעריקע פאכן זענען אויך באשעפטיקט ביז 5000 ארבעטער, פון וועלכע ביז 3000 זענען ארבעטסלאז.

באקומען מיר אין לאדזש אויך אומגעפער א 12 טויזנט יידישע ארבעטסלאזע און מיט די פאמיליעס — פון 30 ביז 35 טויזנט נפשות.

אין ווארשע און אין לאדזש זענען פאראן יידישע אנגעשטעלטע מער פון 20 טויזנט, פון וועלכע אן ערך 5000 זענען ארבעטסלאז.

די האר שטעלן זיך ממש קאפויר, ווען מען גיט א טראכט וועגן דער ריזיקער ארמיי יידישע ארבעטסלאזע. זיי זענען אבסאלוט שוצלאז, זיי

באקומען נישט פון דער רעגירונג קיין שטיצע, און זיי האָבן נאָר איין אויסוועג: הונגער־טויט אָדער זעלבסטמאָרד.

די ארבעטסלאָזיקייט, ווי דער קריזיס בכלל, האָבן געווים געטראָפן אויך די קריסטלעכע באפעלקערונג, אָבער איר לאגע איז נישט אזא פאַר־צווייפלטע. 80 פּראָצענט פון דער נישט־יידישער באפעלקערונג לעבט פון לאנדווירטשאפט. עס איז געווים פאר זיי א גרויסער אומגליק, וואָס די פּרייזן אויף תבואה שטייען אזוי נידעריק און זיי באקומען נישט גענוג געלט אויף צו קאָנען זיך אָנטון, אויף פארבעסערן די ווירטשאפט אא״וו. אָבער זיי הונגערן דאָך נישט.

מיט האנדל פארנעמט זיך ביי זיי סך־הכל 2 פּראָצענט, אכצן מאָל ווייניקער ווי ביי יידן. מיט אינדוסטרי פארנעמען זיך ביי זיי אזעלכע 8 פּראָצענט, אי דאָס דער עיקר אין דער גרויס־אינדוסטרי, וואָס גיט אלע ארבעטסלאָזע מלוכה־שטיצע. ביי יידן זענען אין דער אינדוסטרי פארנומען 4,5 מאָל א גרעסערער פּראָצענט, אָבער נאָר אין האנטווערק און קליין־אינדוסטרי, וואָס גיבן נישט קיין רעכט אויף פארזיכערונג. ביי זיי זענען גאנצע 6 פּראָצענט פארנומען ביי דער מלוכה אלס באאמטע און ארבעטער, און ביים גרעסטן קריזיס באקומען זיי אויסגעצאָלט און לעבן רואיק. יידן זענען אפילו קיין איין פּראָצענט נישט פארנומען ביי דער מלוכה. אין גאליציע זענען נאָך געבליבן איינצלנע יידישע באאמטע פון אמאָליקע צייטן, אָבער מען רוויכערט זיי צו ביסלעך אויס, און עס איז נישט ווייט דער טאָג, ווען די אמאָליקע גאליציע וועט זיך אויסגלייכן מיט דעם אמאָליקן רוסיש־פּוילן, וווּ עס איז נישט געווען קיין איין יידישער באאמטער.

די ראָלע פון די באאמטע פון דער מלוכה דארף אָבער נישט גע־מאָסטן ווערן מיט זייער צאָל. זייער ראָלע איז א סך גרעסער, און די גרעסטע טראגעדיע פון די פּוילישע יידן באשטייט טאקע אין דעם, וואָס די מלוכה־מאשין ליגט אין די הענט פון אזעלכע, וואָס זענען נישט נאָר אנטיסע־מיטיש, נאָר זיי הייבן בכלל נישט אָן צו פארשטיין די גאנצע פארוויקלט־קייט פון א מאָדערנעם מלוכה־לעבן.

אלע אפּאראטן פון דער רעגירונג זענען נישט נאָר נאציאָנאל, נאָר אויך סאָציאל־געזעלשאפטלעך פיינטלעך צו יידן. די באאמטע זענען מער־

סטנטיילס קינדער פון פריצים, פון שליאכטשיצן און פון רייך־געוואָרענע פויערים, אלץ מענטשן ווייטע פון האנדל און אינדוסטרי, פרעמדע און פיינטלעכע צו אזעלכע פרנסות. זיי זענען אויפגעוואקסן אין אן אומגע־בונג, וואָס איז פרעמד און פיינטלעך צו שטאָטישע באשעפטיקונגען, און זיי בלייבן לעבן אויך אין שטאָט אין א סביבה, וואָס איז פרעמד און ווייט פון דעם האנדל און דער אינדוסטרי. און אָט אזעלכע מענטשן באשטי־מען דעם שיקזאל פון די צוויי באשעפטיקונגען, פון וועלכע עס לעבן 75 פראָצענט פון די פוילישע יידן. עס איז דעריבער נאטירלעך, וואָס עס באַ־קומט זיך, אז די מלוכה האלט שטענדיק מלחמה מיט יידן, מיט די, אין וועמענס הענט דער האנדל און די אינדוסטרי געפינען זיך בעיקר. און אזוי ווי אין דעם האנדל זענען יידן נאָך מער פארטראָטן ווי אין דער אינדוסטרי, גיסט מען אויס דעם גאנצן צאָרן אויפן האנדלס־קלאַס, וועל־כער באשטייט אין פוילן אויף 65 ביז 70 פראָצענט פון יידן.

דער פוילישער באאמטער קומט נישט אין לעבן אין קיין שום באַ־רירונג מיט האנדלס־מענטשן און ער קאָן דעריבער נישט פילן נישט זייערע גוטע צייטן, נישט זייערע ביטערע צייטן. ער פירט דורך זיינע אויפגאבן נישט ווי א לעבעדיקער מענטש מיט געפילן און סימפאטיעס, נאָר ווי א מאשין, ווי א טרוקענער מעכאנישער אפאראט, און דעריבער האנדלט ער אזוי גרויזאם און אָפט קאלט מערדעריש.

אין א סך שטעט, וווּ די פוילישע באפעלקערונג איז א נישטיקע מינ־דערהייט און די יידישע — א ריזיקע מערהייט, באקומט זיך טאקע אזוי, אז די צוגעשיקטע פוילישע באאמטע פילן זיך ווי אָקופאנטן, ווי אן ארמיי, וואָס האָט איינגענומען א פרעמד לאנד. זיי רעכענען זיך אבסאָלוט נישט מיט די אינטערעסן פון דער באפעלקערונג, נאָר מיט די אינטערעסן פון דעם אמט, וועלכן מען האָט זיי איבערגעגעבן.

דער קאמף פון יידן צו קאָנען ווערן רעגירונגס־באאמטע איז אפשר דער וויכטיקסטער אין דעם אלגעמיינעם קאמף פאר רעכט אויף ארבעט.

רעכט אויף ארבעט — דאָס איז איצט דער גוואלד־געשריי פון א גאנצן פוילישן יידנטום, דער געשריי איז געווענדט צו דער רעגירונג, צו די שטאָטראטן, צו די פאבריקאנטן, און פריער פון אלץ צו די יידישע פאבריקאנטן.

יידן ווערן נישט צוגעלאָזט נישט נאָר צו ווערן מלוכה־באאמטע, נאָר אויך נישט צו ווערן שטאָטישע באאמטע און אפילו נישט ביי ארבעט אין שטאָטישע אונטערנעמונגען, ווי ביים טראַמוויי, ביי קאנאליזאציע, וואַסער־ליימונג, אפילו נישט ביי רייניקן די גאסן, כאָטש יידן בעטן זיך אויך אויף אזעלכע שווארצע ארבעטן.

אָט איז א טאבעלע, וועלכע איז צונויפגעשטעלט אויפן גרונט פון די פאקטן, וואָס דאָס ביוראָ פון רעכט אויף ארבעט האָט צונויפגענומען:

שטאָט	% יידן אין דער שטאָט	% יידן צווישן שטאָטישע ארבעטער און באאמטע
ווארשע — — — — —	32,5	3,0
לובלין — — — — — — —	34,0	2,6
אָסטראָוועץ — — — —	33,0	1,1
אלעקסאנדראָוו — — —	30,0	4,0
קאָנין — — — — — — —	33,0	2,9
מישצאנאָוו — — — —	50,0	1,0
ליפּנאָ — — — — — — —	25,0	8,0
כעלם — — — — — — —	50,0	12,0
נאסעלסק — — — — — —	55,0	10,0
נאווידוואר — — — —	60,0	11,0
ביאלא — — — — — — —	50,0	15,0
וולאדימיר־וואָל. — — —	70,0	16,0
גראָדנע — — — — —	47,0	10,5
ראָוונע — — — — —	75,0	13,0
הרובעשאָוו — — — —	60,0	70,0
סלאָנים — — — — —	70,0	51,0

נאָר אין א פּאָר שטעט מאכן די יידן אוים א באדייטנדיקן פּראָצענט פון די שטאָטישע ארבעטער און באאמטע. אָבער אין דער מערהייט שטעט זענען זיי צווישן די ארבעטער און אָנגעשטעלטע 10 און 15 מאָל ווייניקער ווי אין דער באפעלקערונג.

אין ווארשעווער שטאָטראט פירט די בונדישע פראקציע שוין עט־

לעבע יאָר אן ענערגישן קאמף, מ׳זאָל צונעמען יידישע ארבעטער און יידישע באאמטע, אָבער ביז אהער האָט זיך כמעט גאָרנישט איינגעגעבן. די פּאָר הונדערט יידישע ארבעטער, וואָס רעכענען זיך אין ווארשע אלס שטאָטישע, ארבעטן אין יידישן שפּיטאָל און אין יידישן יתומים־הויז, איבער וועלכע דער שטאָטראט האָט די דעה.

עס באקומט זיך א מין פאראייניקונג פון יידישע פרומע פאברי־קאנטן מיט דער אנטיסעמיטישער פּאָליטיק פון דער רעגירונג און פון די מאגיסטראטן. קעגן דער דאָזיקער פאראייניקונג קומט אוים דער יידישער מאסע צו פירן א קאמף, דאָס איז א קאמף אויף לעבן און טויט.

X

די ירידה פון ווילנער יידן

עלף יאָר בין איך נישט געווען אין ווילנע. וואָס די דאָזיקע שטאָט האָט איבערגעלעבט אין די שרעק־און־חורבן־יאָרן, איז גענוג באַקאַנט און אויך פאַרשריבן אינעם פּנקס, וואָס די יידישע אינטעליגענץ האָט אַרויסגעגעבן.

וואָס וואַרפט זיך אַמשטאַרקסטן אין די אויגן אויף די גאַסן פון ווילנע?

אין דער דאָזיקער שטאָט זענען נישטאָ קיין אָפּגעברענטע אָדער חרובע הייזער; די געשעפטן זענען אַלע אָפן; מענטשן גייען און יידן לויפן, ווי דער מנהג איז אומעטום און תמיד. און דאָך איז די היינטיקע ווילנע עפּעס נישט ענלעך צו דער אַמאָליקער. אויפן גאַס האָב איך נישט באַגעגנט קיין איין פרייליכן פּנים; עפּעס אַ שווערע מרה־שחורה ליגט אויסגעגאָסן אויף די פּנימער פון די ווילנער איינוווינער און אין די אויגן אַ טיפער טרויער. אָנגעטון איז מען אָרים, שטאַרק אָרים און מען זעט כמעט נישט קיין רייך געקליידעטן מענטשן. די יידן זעען אויס אַ סך אָפּגעריסענער, דערשלאָגענער, טרויעריקער און געפאַלענער. פון קריסטן זעט מען אָפט דורכגיין אָן אָפיציר אָדער אַ באַאַמטן מיט אַ פעסטער פיגור און זיכערקייט אין גאַנג; יידן לויפן, אָבער עפּעס אָן אַ זין און אָן אַ תכלית. ס'פילט זיך אָן אימפּעט אין זייער לויפן און נישט קיין באַשטימטער צוועק. און עפּעס זענען די יידן געוואָרן איינגעבויגענער און נידעריקער.

אַזוי ווי דער צוועק פון מיין רייזע איז געווען נישט צו פאָרשן די יידישע אָרימקייט, נאָר פעסטשטעלן די עקאָנאָמישע לאַגע און די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פון די פּוילישע יידן, האָב איך טאַקע גאָר ווייניק צייט דאָס מאָל אָפּגעגעבן דעם יידישן דלות. פיל וויכטיקער איז אַ קוק

דאָס אמאָליקע יידישע ווילנע

צו טון וואס עס איז געוואָרן פון באַזונדערע קלאַסן ביי די פּוילישע יידן, וועלכע פון זיי האַלטן זיך און קענען זיך ווייטער האַלטן און וועלכע גייען אונטער.

נעמט מען דעם גאַנצן האַנדל פון אַזאַ שטאָט ווי ווילנע, דאַרף מען געדענקען, אַז פאַר דער מלחמה איז ער כמעט אינגאַנצן געלעגן אין יידישע הענט. 80 פּראָצענט פּאַטענטן אויף האַנדל פלעגן יידן אויסקויפן. אין דער דאָזיקער היגזיכט האָט זיך די לאַגע גאָר נישט געענדערט. אין יאָר 1925 האָבן די קריסטן אויך געהאַט נישט מער ווי 21 פּראָצענט קראָמען אין זייערע הענט.

ס'האָט זיך אָבער פאַרקלענערט די אַלגעמיינע צאָל געשעפטן... אַזוי זענען אין יאָר 1925 אויסגעקויפט געוואָרן 6602 פּאַטענטן אויף האַנדל אין ווילנע און אין יאָר 1926 נאָר 4942 — ווייניקער מיט אַ גאַנץ פערטל.

וואָסערע געשעפטן האָבן זיך פאַרמאַכט? דווקא די גרויסע און די גאָר גרויסע. די געשעפטן, וועלכע האָבן געהאַלטן פאַר דער מלחמה צו 20 און 25 משרתים, זענען כמעט אַלע אונטערגעגאַנגען. און די צאָל משרתים אין ווילנע האָט זיך פאַרקלענערט אַקוראַט אויף דער העלפט. אין ווילנע איז געווען פאַר דער מלחמה אומגעפער ביז 5000 משרתים און בוכהאַלטערס און איצט זענען פאַראַן ביי 2500.

די צאָל האַנדלס־פּאַטענטן האָט זיך פון 1925 ביז 1926 פאַרקלענערט אויף אַ גאַנץ פערטל. ס'וואָלט אָבער געווען אַ טעות דערפון צו דרינגען, אַז ס'איז טאַקע געוואָרן ווייניקער יידישע קרעמער. ניין, די זאַך קומט גאַנץ אַנדערש פאַר. דער קליינער קרעמערל, וואָס האָט געהאַלטן אַ קליינעם פּאַטענט, פאַרמאַכט זיין קרעמל און שטעלט זיך מיט אַ קאָשיק אין מאַרק; דער מיטעלער קרעמער פאַרנעמט דאָס אָרט פונעם קליינעם קרעמערל.

דאָס איז אַן אַלגעמיינע דערשיינונג אין גאַנץ פּוילן — די צאָל מענטשן, וואָס האַנדלען, ווערט נישט קלענער; זיי ווערן נאָר אָרימער. עס גייט אָן אַן אַלגעמיינע ירידה.

ווער ס'וואָלט געזוכט איצט אין ווילנע די אַלטע פירמעס, וואָס האָבן געהאַנדלט מיט מאַנופאַקטור אַ סך צענדליקער יאָר, וואָלט זיי נישט געפונען. זיי זענען כמעט אַלע אונטערגעגאַנגען אָדער אַזוי קליין געוואָרן,

אז זיי זענען געוואָרן אויס גרויסע און דעריבער אויס באַקאַנטע פירמעס. דאָס זעלבע איז פּאַרגעקומען אין באַקאַלעי, אַפּטייק־סחורות און ענלעכע.

פון די אונטערגעגאַנגענע גרויסע און סאָלידע פירמעס זענען אַרויס אַ סך אָנגעשטעלטע, וועלכע האָבן געעפנט אייגענע געשעפטן. אייניקע האָבן געעפנט אייגענע געשעפטן, מחמת זיי האָבן געהאַט אַביסל געלט און האָבן געהאָפט זיך אַרויפצואַרבעטן בעסער ווי אויף אַ שטעלע אין אַ פרעמד געשעפט. די מערהייט אָבער אָנגעשטעלטע האָבן געעפנט קראָמען, מחמת זיי האָבן קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט, ווייל קיין שטעלע ביי יענעם האָט מען בשום אופן נישט געקענט געפינען. ביי אַזאַ לאַגע איז געווען דער איינציקער אויסוועג — עפענען אַן אייגן קרעמל.

ווי אַזוי מאַכט מען דאָס אָן געלט? אַ קריסט ווייסט נישט דעם דאָזיקן סוד; דער ייד ווייסט אָבער: מען קריגט אַ שותף, מען באָרגט ביי אַ קרוב, מען נעמט אויף פּראָצענט. הכלל, אַ קריסט ווייסט נאָר איין וועג — דורך דער טיר און אַ ייד ווייסט אַ סך וועגן — דורך אַ פּענסטער, דורך אַ הינטער־טיר און אַ סך אַנדערע פאַרשטעקטע לעכער.

ס'גייען אונטער גרויסע פירמעס — וואַקסן אויס קליינע קרעמערלעך פון די משרתים און בוכהאַלטערס. אָט אַזוי ווערט צעברעקלט דער יידישער האַנדל. אַז די לאַגע פון די נישטיקע קרעמערלעך איז אַ סך ערגער פון דער לאַגע פון אַ משרת אין אַ גרויס געשעפט, פאַרשפּאַרט מען צו זאָגן.

ווילנע האָט פאַר דער מלחמה געהאַט אַ סך בענק, מחמת מען האָט געהאַנדלט מיט ווייטע געגנטן פון רוסלאַנד, וווּהין מען פלעגט אַרויספירן זאַקן, קליידער, שיך און לעדער, און מיט אויסלאַנד, וווּהין מען האָט טראַנספּאָרטירט וואַלד און פעלן. איצט זענען אַ טייל עקספּאָרט־איינדוס־טריען כמעט אינגאַנצן אונטערגעגאַנגען אָדער געפאַלן אויף אַ העלפט און אפשר אויף 2 דריטל. אין רעזולטאַט האָט זיך פאַרקלענערט די צאָל בענק און ס'זענען פאַרקלענערט געוואָרן די שטעלעס אין די בענק. און אויב פאַר דער מלחמה זענען געווען בערך 300 אָנגעשטעלטע אין די בענק, קען מען איצט אָנציילן קוים איין הונדערט באַנק־אָנגעשטעלטע.

ווען ס'ברענט, ליידן אַ סך; ס'זענען אָבער דאָ איינצלנע, וואָס געווינען פון דער שרפה — דאָס זענען די פיינע מענטשעלעך, וועלכע רייבן

זיך די הענט פון פרייד, ווען ארום ווערן פארגאָסן א סך טרערן. אזעלכע נפשות זענען געווען אומעטום אין דער צייט פון דער מלחמה, און אין ווילנע האָבן זיי, פארשטייט זיך, אויך נישט געפעלט.

אָט איז א שטייגער א געוועזענער משרת א., וועלכער איז געוואָרן א גאנצער מאכער ביי די דייטשן באלד ווי זיי האָבן פארנומען ווילנע און האָט געמאכט גראָב געלט, ווען אין שטאָט איז געווען א שרעקלעכער הונגער. נאָך דער מלחמה איז ווילנע שוין פאר אים צו קליין און ער ציט זיך אריבער קיין בערלין. דאָרט קנאַקט ער, קויפט הייזער, מאכט גרויסע געשעפטן און וואקסט. אָבער פּלוצלינג קומט אָן א הונגער־צייט און ער באנקראָטירט און בלייבט א קבצן. זיין א קבצן איז אָבער פיל גרינגער אין ווילנע, ווי אין בערלין, און דער מיליאָנערסקער קנאַקער קערט זיך נעבאך אום אין זיין געבורטס־שטאָט און נעמט זיך פאר זיין פרנסה — א קרעמל.

צי ווערן יידישע קרעמער ארויסגעשטויסן פון קריסטלעכע?

אויף דער דאָזיקער פראגע איז שווער דערוויילן צו געבן אן ענטפער. אין ווילנע האָבן זיך נאָך דער מלחמה געעפנט עטלעכע גרעסערע לאחדים־געשעפטן. פּאָליאקן האָבן געעפנט די דאָזיקע געשעפטן און זיי קאָנקורירן טאקע מיט די יידישע געשעפטן.

אין פּוילן איז נאָך דער מלחמה אויסגעוואקסן א קונה, וואָס זוכט נאָר א פּוילישע קראָם — דאָס איז דאָס פּוילישע מיליטער און די רעגירונגס־באאמטע. פאר דער מלחמה זענען די באאמטע און דאָס מיליטער געווען רוסישע. זיי האָבן דעם פּאָליאק נאָך מער פיינט געהאט ווי דעם יידן און האָבן דעריבער געקויפט גערנער ביי א יידן. גאָר אנדערש איז די לאגע איצטער. דער פּוילישער אָפיציר און דער פּוילישער באאמטער איז גרייט צו גיין ווייטער אביסל, אבי צו קויפן אין א קריסטלעכער קראָם.

די רעגירונג פירט א באוווּסטזיניקע פּאָליטיק אויף צו העלפן דעם פּוילישן קרעמער ארויסשטויסן דעם יידישן — דער פּוילישער קרעמער באקומט גאנץ גרינג קרעדיט אין דער מלוכה־באנק, בעת דער יידישער קרעמער ווערט באהאנדלט ערגער ווי א שטיף־קינד. א סך אינסטיטוציעס, ווי די אייזנבאנען, למשל, צאָלן מיט „באָנעס” זייערע אָנגעשטעלטע און

די לעצטע זענען שוין געצוווּנגען צו קויפן אין באשטימטע פּוילישע געשעפטן.

איך האָב געזאָגט, אז ס'איז שווער צו זאָגן, אז דער יידישער קרעמער ווערט ארויסגעשטויסן פון קריסטלעכן, ווייל נעמט מען די צאָל קרעמער אָדער דעם אומזאַץ, זעט מען, אז אין יידישע הענט איז אין יאָר 1925 געווען 79 פּראָצענט קראָמען און 78 פּראָצענט פונעם גאנצן פּדיון. אָבער מען מוז באמערקן, אז די פּוילישע קראָמען האָבן דעם בעסערן קונה, ביי וועלכן מען פארדינט בעסער און גרינגער. דער אָפיציר און דער העכערער באאמטער, דער קריסטלעכער דאָקטאָר אָדער אדוואָקאט גייען כמעט אויסשליסלעך אין דער פּוילישער קראָם, ווען פאר דער מלחמה איז דאָס נישט געווען אזוי.

די הורט־געשעפטן און די גאָר קליינע געשעפטן ליגן אין יידישע הענט — די ערשטע לעבן איבער א שרעקלעכן קריזיס, ווייל מ'איז אָפּגעריסן פון רוסלאנד; די צווייטע מאטערן זיך, מחמת די באפעלקערונג איז שרעקלעך אָרים און האָט נישט פאר וואָס צו קויפן. דער קונה פון די פּוילישע קראָמען איז א ראיעלערער, א זיכערער און א פעסטערער.

מען מוז געדענקען, אז איצט וואקסט א סך שנעלער ביי די היגע פעלקער א מיטל־קלאַס, ווי פאר דער מלחמה. דאָס קען מען זען אומעטום — אין ליטע, לעטלאנד און באזונדערס שטארק אין פּוילן. שוין פאר דער מלחמה האָט דער רייכערער פּויער געגעבן זיין זון בילדונג און האָט געשטרעבט אים צו געבן א שטאָטישע פּראָפעסיע — אים מאכן פאר א קרעמער אָדער בעל־מלאכה. איצט, ווען דאָס פּויערטום איז אריינגעצויגן א סך מער אין פּאָליטישן לעבן, איז געוואָרן א סך קולטורעלער און רירעוודיקער, וואקסט דער מיטל־קלאַס א סך שטארקער. אויף וויפל דער אויפגעקומענער פּויער, און אזעלכע זענען איצט דאָ א סך, האָט פארבינדונגען אין די רעגירונגס־קרייזן, נוצט ער אויס די מאכט פאר זיינע אינטערעסן — ער נעמט קרעדיט אין די מלוכה־בענק; ער סטארעט זיך צו באקומען די פּאָדריאַדן פון דער מלוכה; ער באקומט די קאָנצעסיעס פון די מאָנאָפּאָליזירטע אינדוסטריען. הכלל, ער נוצט אויס זיין פּריווילעגירטע לאגע.

מען מוז אָבער פון דער צווייטער זייט מודה זיין, אז מיטן יידן

קאָנקורירן איז נישט קיין גרינגע זאַך. צענדליקע קריסטלעכע געשעפטן, וואָס האָבן באַקומען די גרעסטע הלוואות און פּריווילעגיעס פון דער מלוכה, האָבן געפּלאַצט און זענען אונטערגעגאַנגען און מען האָט נישט געקענט ביי־קומען די יידישע קאָנקורענץ. אַלע פּאַרזוכן אין פּוילן צוצונעמען ביי יידן דעם ברויט־האַנדל האָבן זיך נישט איינגעגעבן; די מאָנאָפּאָל־ווירט־שאַפט ברענגט אויך דערוויילֿ גאַנץ קליינע נוצן דער רעגירונג און זייער אַ סך שאָדן דער באַפעלקערונג. עס וואַקסט אָבער אַן אַנדער כּוח, וועל־כער וועט געוויס אַ סך פאַרערגערן די לאַגע פון יידישן פאַרמיטלער — דאָס איז די קאָאָפּעראַציע.

אין אַלע מזרח־אייראָפּעאישע לענדער: רוסלאַנד, פּוילן, לעטלאַנד, ליטע, רומעניע און אַנדערע — אומעטום האָט דער פּויער באַקומען די גרעסטע געווינסן פון די נאָך־מלחמהדיקע רעוואָלוציעס. ער האָט באַקו־מען נישט נאָר מאַטעריעלע, נאָר אויך פּאָליטישע און קולטורעלע געווינסן, און ער איז געוואָרן אַ סך פּעאיקער פונאַנדערצוקלייבן זיך אין פראַגן פון וועלט־מאַרק, אין פראַגן פון האַנדל בכלל. ער איז דעריבער געוואָרן אַ סך פעאיקער צו קאָאָפּערירן אויף פאַרשידענע געביטן. פּויערים פאַראייניקן זיך, כּדי צוזאַמען פאַרקויפן די ברויטן, צוזאַמען קויפן מאַשינעס, צוזאַ־מען איינקויפן געברויך־פּראָדוקטן — אַלע פאָרמען פון קאָאָפּעראַציע מאַכן גרויסע דערפאָלגן אין אַלע אויסגערעכנטע לענדער. און דערמיט מוז מען זיך רעכענען ביים באַטראַכטן די צוקונפט פון די יידישע מאַסן אין מזרח־אייראָפּע.

מען מוז אָפן זאָגן די יידישע מאַסן, אַז די לאַגע פון די הענדלער, איבערקויפערס, מעקלערס, קרעמערס און ענלעכע עלעמענטן וועט מיט דער צייט ווערן נישט בעסער, נאָר ערגער. און יידישע געזעלשאַפטן, וועל־כע פאַרנעמען זיך מיט הילף־טעטיקייט, דאַרפן דאָס אויך גוט געדענקען און פאַרשטיין, אַז די צוקונפט פון די יידישע מאַסן ליגט אין אַרבעט און נישט אין קרעמעריי.

מיר גייען איבער צו דער לאַגע פון די בעלי־מלאָכות און אַרבעטער אין ווילנע. עטלעכע ווערטער וועגן די שטימונגען ביי פאַרשידענע קלאַסן. מיר ווען שפּעטער זען, אַז די לאַגע פון די האַנטווערקער און אַרבעטער איז מער ווי טראַגיש — אַ שרעקלעכע צעבראָכנקייט פון די וואַרשטאַטן,

אַ שרעקלעכער ארבעטס־טאָג, וואָס ציט זיך אָפּט 16 שעה אָדער נאָך מער, אַ גוואַלדיקע ארבעטסלאָזיקייט און אַ פאַרדינסט, וואָס קלעקט נישט אויף ברויט. און דאָך מוז מען זאָגן, אז ביי די דאָזיקע קלאסן איז נישטאָ אזאַ פארצווייפלונג־שטימונג, ווי ביי די קליינע קרעמערלעך און הענדלערלעך. עפּעס מער גלויבן אין זיך, מער זיכערקייט אין מאָרגנדיקן טאָג און אַ סך וויניקער פּחד פאַר מוזן זיך רירן פון אָרט — אָט דאָס אַלץ מאַכט דעם בעל־מלאכה און ארבעטער גייסטיק געזונטער, פרישער, פּעאיקער צו אָר־גאַניזאַציע, לעבעדיקער אין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט און אקטיווער אין קאַמף.

איך האָב קיינמאָל נישט געזען אַזאַ טעטיקע שטרעבונג צו ארבעט ביי אַלע קלאסן, ווי איצט אין ווילנע. אומעטום זענען די פּראָפעסיאָנעלע שולן און קורסן איבערפולט. אומעטום טרעפן מיר אַ גוואַלדיק גרויסע צאָל קינדער פון הענדלער, פון מעקלערס, פון אָנגעשטעלטע. אַ מערקוויר־דיקע דערשיינונג: בחורים, וואָס ארבעטן אין געשעפטן בייטאָג, גייען אויף דער נאַכט נאָך אויף קורסן און מען לערנט אַ מלאכה; מיידלעך, וואָס האָבן געענדיקט גימנאַזיעס און האָבן שטעלעס אין קאַנטאָרן, באַזוכן נאָך אין אָוונט קורסן און לערנען זיך אַ האַנטווערק.

איך האָב באַזוכט קורסן, וואָס דער פרויען־פאַראיין אין ווילנע האָט ערשט דאָס לעצטע יאָר געעפנט. לערנען זיך דאָרטן 170 מיידלעך און פרויען — יונגע מיידלעך פון 14 ביז 15 יאָר און פרויען פון אריבער 40. איך בין אַ בעלן געוועזן איבערפרעגן ביי צענדליקע פון די שילערינס, ווער זיי זענען, ווער זייערע עלטערן זענען, וואָס באַצוועקן זיי מיטן לערנען, ווען אין שטאָט איז דאָ אזאַ גרויסע ארבעטסלאָזיקייט אין אַלע פאַכן. קיינע האָט כמעט נישט געהאַט קיין קלאָרע תשובה, נאָר דער אַלגעמיינער תירוץ איז געווען: מיט אַ מלאכה אין האַנט ווערט מען אין דער וועלט נישט פארפאַלן; מיט אַן ארבעט אין האַנט איז נישט שרעקלעך זיך אוועק־צולאָזן אין דער וועלט אריין; אַ מלאכה וועט תמיד צונוץ קומען אאַ"וו.

מיר ברענגען אומישנע עטלעכע ביאָגראַפיעס פון שילערינס לויט דעם סדר, ווי מיר האָבן זיי אויפגענומען:

1) ביז אַהער איז זי געווען אַ לערערין פון גימנאַזיע־למודים; נישטאָ קיין לעקציעס; די עלטערן האָבן געהאַט אַ פאַבריק פון לעדער, נאָר גע־

מוזט זי צומאכן; דער פאָטער געשטאָרבן אין דער צייט פון דער מלחמה; די מוטער לעבט, נאָר האָט נישט פון וואָס צו לעבן; לערנט זיך שניידעריי, טאָמער וועט זי פארדינען פאר זיך און פאר דער מוטער ברויט. אויף דער פראגע: פון וואָס לעבט מען דערווייל? בויגט זי אָן דעם קאָפּ און באהאלט דעם פּנים. איך פיל, אז ס'שטיקן זי טרערן.

איך גיי צו צו א צווייטער.

2) זי איז געווען אויף א שטעלע אין א מאנופאקטור־געשעפט; דאָס געשעפט האָט זיך צוגעמאכט; זי האָט געענדיקט גימנאזיע; האָפט צו עמיגרירן קיין פאריז צו קרובים; די קרובים האָבן געראטן פריער זיך אויסלערנען א מלאכה.

3) זי איז 44 יאָר אלט, געווען א בוכהאלטערקע; פארלוירן די שטעלע, ווייל מען האָט פארקלענערט די צאָל אָנגעשטעלטע; די עלטערן האלטן א מיל, נאָר פּרנסה איז זייער קארג; זי לערנט א פאך, ווייל זי וויל עמיגרירן.

4) אן אלמנה; דער מאן איז געווען א בוכהאלטער; געשטאָרבן און געלאָזט זי מיט צוויי קינדער גאָר אָן מיטלען צום לעבן; זי קען אביסל נייען און נעמט פּשוטע ארבעט אָן, נאָר זי ברענגט די ארבעט אויף די קורסן און אונטער דער אָנפירונג פון דער לערערקע מאכט זי עס און פארדינט. אויף דער פראגע: צי גיט דאָס כאָטש ברויט? ענטפערט זי: אביסל נייט מען און אביסל הונגערט מען און אינאיינעם קומט מען אוים.

5) א יתומה פון א יאָר 20: א שרעקלעך בלאס פּנים; זייער אן אינטערעסאנטער פּנים; געענדיקט פּאראיאָרן גימנאזיע און גלייך געגאנגען אויף קורסן, ווייל „יעדער מענטש מוז האָבן א פאך אין האנט"; האלט זיך אויף ביי א פעטער, וואָס האָט א רעסטאָראן; העלפט אין רעסטאָראן און לערנט נאָך שפּראכן. קען פּויליש, העברעאיש און יידיש און לערנט ענגליש און פראנצויזיש — מעגלעך, אז זי וועט עמיגרירן קיין פראנקרייך און אויך מעגלעך קיין אמעריקע.

170 פרויען לערנען זיך אויף די דאָזיקע קורסן; 60 זענען פארשריבן און וואַרטן אויף אָן אָרט און וואָלט מען געוואָלט ווייטער פארשרייבן, וואָלטן זיך געיאָוועט נאָך א סך. און דאָס איז דאָך נישט די איינציקע לערן־אנשטאלט, וווּ מ'לערנט יידישע מיידלעך א מלאכה. און

דאָרטן איז אויך דער פּראָצענט קינדער פון הענדלער, קרעמער און אַז באַשטימטע באַשעפטיקונגען נישט ווייניקער פון 50. דאָס איז איצט אַן אַלגעמיינע דערשיינונג ביי יידן אין פּוילן און אויך אין אַנדערע לענדער — מען ציט זיך צו אַרבעט, צו מלאָכה, צו אַ באַשטימטער פּראָפעסיע.

ס'פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז אַרויסגערופן געוואָרן דער עיקר פון עקאָנאָמישע אורזאַכן — אינעם שטורעם פון די לעצטע יאָרן האָט מער פון אַלעמען געליטן דער פאַרמיטלער־קלאַס. אָבער מען מוז מודה זיין, אַז עס איז אויך דאָ עפּעס אַ גייסטיקער איבערברוך אין די מאַסן, אַ פיינטשאַפט צום קרעמער, צום קלייטל, צום אַרומלויפן איבערן מאַרק און זוכן אַן ערל, צום אַרומדרייען זיך און זוכן אַ פאַרדינסטל פון דער לופט. און דאָס איז געוויס אַ רעזולטאַט פון העכערן קולטורעלן צושטאַנד. ווי אַ מאָדערנער ייד קען נישט זינגען „מה יפית" פאַרן פּריץ, אַזוי קען ער שוין מער נישט שטיין אין מאַרק און רייסן דעם פּויער אָדער פּויערטע ביי דער פּאָלע.

איך בין געגאַנגען איבער די גאַסן פון ווילנע און בין געקומען אויף דער שול־גאַס און בין דורכגעגאַנגען דעם הויף, וואָס פירט צו יאַטקע־גאַס, צום געטאָ. דאָרטן האַנדלט מען מיט אַרבעס, מיט בייגל, מיט הערינג, מיט פּלעשער, מיט אַלטן אייזן און מיט קליידער־שמאַטעס, ווי צוריק מיט 20 יאָר. איך בין געווען אַ בעלן זיך אָפּצושטעלן און צוקוקן וויפל הערינג וועלן פאַרקויפן צוויי פרויען אין משך פון אַ פערטל שעה — און איך האָב קיין איין קונה נישט געזען. אַנטקעגן איבער די צוויי פרויען מיט די הערינג איז געשטאַנען אין אַ פענסטער אַ פרוי מיט אַלטע פּלעשער. און דער געדאַנק האָט מיר געגעבערט אין מח: פון וואָס לעבן די דאָזיקע פרויען, וועלכע האָבן געוויס אָדער גאָר קיין מענער נישט אָדער אַזעלכע מענער, וועלכע פאַרדינען גאָר נישט?

מיר דוכט, אַז ווען מען פאַרקויפט אַלע פּלעשער מיט אַמאָל אָדער אַפילו אַלע הערינג מיט אַמאָל, וואָלט דער אַרויסגענומענער „קאַפּיטאַל" אויך נישט געקלעקט אויף אַ וואָך לעבן פאַר איין מענטשן. און די פרויען זענען געוויס מוטערס נישט פון בן־יחידים.

די דאָזיקע קשיה צו פאַרענטפערן נעם איך זיך נישט אונטער. איך מוז אָבער זאָגן, אַז איינס איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז דאָס איז, דוכט

זיך, דער לעצטער דור קרעמערקעס און פעדלערקעס מיט גראַשנדיקע הע־רינג און מיט ליידיקע פלעשער.

איך בין פון יאטקעווער גאס געגאנגען אין א יידישער פאָלקס־שול און דאָרטן האָב איך געטראָפן די קינדער פון די מוטערס פון יאטקאָווער גאס. איך האָב ארייננעקוקט טיף אין די אויגן, אין די שיינע לעבעדיקע, אויפגערייצטע יידישע אויגן פון די דאָזיקע קינדער; איך האָב זיי געזען לערנען יידישע ליטעראטור, פיזיק אויף יידיש און נאטור־וויסנשאפט. און וואָס פאר אן אימפולסיווער לעבן האָט דאָרטן געשלאָגן! וואָס פאר א באגייסטערונג און א פארכאפטקייט!

איך האָב געשמועסט מיט צענדליקער מיידלעך פון די קלאסן פון 11, פון 12 און פון 13 יאָר — און איך האָב זיך איבערצייגט, אז די דאָזיקע שול איז דער גרעסטער פיינט פון אונדזערע לופט־פרנסות. ס'איז גאָר אוממעגלעך זיך פאָרצושטעלן, אז פון די דאָזיקע קינדער זאָל עמעצער זיך שטעלן אין מארק ביי שמאטעס אָדער הערינג. זעלבסטשטענדיקע, זעלבסטווירדיקע און שטאָלצע מענטשן גיט ארויס די שול! זיי וועלן זיך לערנען א מלאכה, די שווערסטע ארבעט, אָבער דעם מארק, די קרעמל, די שמאטע־פרנסה האָט מען פיינט מיטן גאנצן פייער פון דער נשמה. איך וויים, אז דאָס לעבן קאָן צעברעכן די שענסטע אידעאלן און קאָן דעם איידלסטן מענטשן איינטונקען אין שמוץ, איך וויים אָבער אויך, אז ביל־דונג און קולטור, און זעלבסטווירדע און שטאָלץ שפּילן אויך א גרויסע ראָלע אין לעבן.

איך האָב באזוכט קורסן פון שלאָסעריי. 15 יידישע בחורימלעך, וואָס זענען א גאנצן טאָג פארנומען, לערנען זיך די דאָזיקע מלאכה. און ס'איז געווען אן אמתע הנאה צו זען די דאָזיקע יונגע פרישע יידישע בחורים, וואָס זענען ארייננעטון אין דער שלאָסעריי מיט נישט ווייניקער התמדה ווי מיר אמאָל אין דער גמרא. מען לערנט פלייסיק, ערנסט, גרינט־לעך — מען וויל טאקע קאָנען די ארבעט, ווייל „געגוג האָבן זיך אונדזערע עלטערן אָנגעמוטשעט מיט האנדלען מיטן ווינט", ווי איינער א שעמעוו־דיקער בחור האָט אויסגעקוועטשט פון זיך.

יאָ, מען קאָן כמעט מיט די הענט אָנטאפּן דאָס וואקסן פון א נייעם יידישן דור, פון א נייער יידישער פסיכאָלאָגיע. ווי צוריק ערשט מיט עט־

לעבע צענדליק יאָרן איז יעדער יידיש קינד געוואקסן אין א לופט פון אָפענער פאראכטונג צו ארבעט, צום בעל־מלאכה, צום מענטשן פון וואר־שטאַט, אזוי איז איצט פּונקט א פארקערטע שטימונג: מען איז מקנא דעם, וואָס קאָן אן ארבעט, מען שעצט הויך דעם, וואָס איז אן ארבעטער אָדער א בעל־מלאכה און מען שעמט זיך מיט א לייִדיק־גייער, מיט א גאָר־נישט־קענענדיקן, מיט א לופט־מענטשן.

דאָס איז אויך א רעוואָלוציע — א רעוואָלוציע אין גייסט פון פאָלק, וואָס איז ארויסגערופן געוואָרן פון טיפע עקאָנאָמישע אורזאכן וואָס שטויסן צו ווייטערדיקער פּראָגרעסיווער אנטוויקלונג פון יידישן לעבן.

דאָס האָב איך געפילט איצט אין פּוילן אויף שריט און טריט, כאָטש די יידישע פאבריקאציע און די מלאכה לעבן איבער א שווערן קריזיס.

און אפשר א סך מער, ווי א שווערן קריזיס. אין יאָר 1924 האָבן געארבעט 12 גארבארניעס און אין יאָר 1926 — נאָר 5. אין יאָר 1924 האָבן געארבעט 3 ציגל־פאבריקן, און אין יאָר 1926 — קיין איינע נישט. פון 9 טאבאק־פאבריקן איז נישט געבליבן קיין איינע, ווייל די רעגירונג האָט איינגעפירט טאבאק־מאָנאָפּאָל און האָט געשלאָסן אלע ווילנער טאַ־באק־פאבריקן. די באלעבאטים האָט מען פאר זייערע פאבריקן באצאָלט, אָבער די ארבעטער האָט מען פשוט ארויסגעוואָרפן אויפן גאס אויף הפקר. פון 184 זאוואָדן און פאבריקן, וואָס האָבן געארבעט אין יאָר 1924, זענען געווען טעטיק אין יאָר 1926 נאָר 58, עס הייסט ווייניקער פון א דריטל. און מען דאַרף געדענקען, אז די צאָל פאבריקן פון יאָר 1924 איז אויך א סך קלענער ווי פאר דער מלחמה.

שוין פון די דאָזיקע עטלעכע ציפער קאָן מען זיך פאָרשטעלן ווי חרוב ס'איז די ווילנער אינדוסטרי, וועלכע איז לויט די באלעבאטים נאָך געווען כמעט איינגאנצן א יידישע און וועלכע האָט געהאט א סך הונדער־טער יידישע ארבעטער. און מען מוז מודה זיין, אז פאר ווילנער אינדוסטרי איז כמעט נישטאָ קיין האָפענונג אויפגעשטעלט צו ווערן, אויב ס'וועט נישט איינגעשטעלט ווערן קיין זייער נאָענטע באציאונגען צווישן פּוילן און רוסלאנד.

אין ווילנע האָט די יידישע מלאכה געשפּילט זייער א גרויסע ראָלע. און דאָ איז דער חורבן אפשר נישט אזוי גרויס, ווי אין דער פאבריקאציע,

אָבער דאָך געגוג שווער. אין אַלגעמיינעם קאָן מען רעכענען, אז די יידישע האנטווערקעריי האָט זיך פארקלענערט אין פארגלייך מיט פאר דער מלחמה אויף א דריטל. און אין דער האנטווערקעריי איז אויך פאָרגעקומען דאָס זעלבע ווי אין האנדל: דער ארבעטער, וואָס איז געבליבן אָן ארבעט, האָט אונטער דער ערד געקראָגן געלט און געעפנט אן אייגענעם ווארשטאט. אָט אזוי האָבן זיך שרעקלעך פארמערט די אזוי גערופענע „כאלופניקעס" אָדער „קוסטארן", ווי מען רופט זיי אין רוסיש. מען איז ב י י ז י ך, אָבער ס'איז טויזנט מאָל ערגער ווי ב י י י ע נ ע ם: מען ארבעט גאנצע טעג און נעכט; מען קאָנקורירט איינער מיטן צווייטן מיטן שוויים און מיטן לעצטן טראָפן בלוט. די גרויסע ווארשטאטן זענען אין אלע מלאכות אונ־טערגעגאנגען.

די שניידער־בראנזשע ווייזט אמבעסטן, וואָס די יידישע האנטווער־קעריי האָט דורכגעלעבט פאר די לעצטע יאָרן.

אין ווילנע האָבן געארבעט עטלעכע ווארשטאטן מיט 40 און מיט 20 ארבעטער קליידער פאר רוסלאנד; חוץ דעם פלעגט מען ארויסגעבן אהיים הונדערטער יידישע ארבעטער די דאָזיקע מאנדעט־ארבעט; ווילנער פארטיקע קליידער זענען געגאנגען קיין סיביר, קאווקאז, אוקראינע און אין אנדערע ווייטע געגנטן פון רוסלאנד. די דאָזיקע עקספּאָרט־פאבריקאציע האָט זיך כמעט אינגאנצן אָפּגעשטעלט: קיין רוסלאנד קאָן מען נישט שיקן קיין סחורה און אנדערע מערק האָט זיך נישט איינגעגעבן צו באקומען. מען ארבעט איצט אויס פארטיקע קליידער אין ווילנע, אָבער אין זייער א קליינער מאָס, נאָר פארן היימישן מארק.

פאר דער מלחמה זענען געווען אין ווילנע אומגעפער 200 ווער־שטאטן מיט מער פון 600 באשעפטיקטע ארבעטער, ווו מען האָט אויסגע־ארבעט פארטיקע קליידער. איצט זענען דאָ ביי הונדערט ווארשטאטן, ווו מען מאכט מאנדעט־ארבעט, אָבער אין אלע הונדערט ווארשטאטן זענען באשעפטיקט סך־הכל ביז 50 מענטשן, שוין מיט די לערן־ייגגלעך. ביי אזא נישטיקער צאָל ארבעטער און ביי אזא צעוואָרפנקייט איבער די ווארשטאטן קאָן, פארשטייט זיך, דאָ קיין רייד נישט זיין וועגן א פרוכטבארן קלאסן־קאמף. ארבעט מען טאקע 16 און 18 שעה אין מעת־לעת און מען איז גליקלעך אז מען האָט די ארבעט.

גאנץ גרויס איז געווען אויך די באשטעלער־שניידעריי. ס'זענען געווען אין ווילנע ביז 15 גרויסע יידישע ווארשטאטן, ווו ס'פלעגן זיצן ביז צען ארבעטער אין יעדן; דער באלעבאָס האָט גאָרנישט געארבעט, ווארום ער האָט געהאט אויך א קראָם מיט שטאָף ביים ווארשטאט און געווען פארנומען מיט איינקויפן סחורה און מיט די באשטעלער פון קאָס־טיומען. איצט איז נישטאָ קיין איין יידישער ווארשטאט מיט צען ארבע־טער; מערסטנטיילס זיצן דריי־צוויי ארבעטער.

בכלל האָט זיך די צאָל שניידער־ווארשטאטן פון „זאקאז"־שניידער פארטאָפּלט, פון 300 איז געוואָרן 600, אָבער אין די אמאָליקע 300 ווער־שטאטן האָבן געארבעט דריי מאָל מער מענטשן, ווי אין די איצטיקע 600.

ביי די יידישע שניידער זענען געווען פאר דער מלחמה אפשר דריי פערטל קריסטלעכע קונדן, און דאָס זענען געווען די בעסטע קונדן; דער רוסישער אָפיציר, דער רוסישער באאמטער, די רוסישע אינטעליגענץ. דאָ איז געווען דאָס אייגענע, ווי אין די געשעפטן: צווישן יידן און פּאָליאקן האָט דער רוס בעסער געהאט צו טון מיטן יידן. דער ייד פלעגט טאקע אים גוט באדינען און פלעגט אים געבן קרעדיט. איצט איז אקוראט פארקערט: דער פוילישער אָפיציר און באאמטער ווייכן דעם יידישן מייסטער. און נאָך א זאך. פאר דער מלחמה זענען געווען אויך אין ווילנע עטלעכע גוטע פוילישע ווארשטאטן, אָבער די מערהייט ארבעטער אין די דאָזיקע קריסט־לעכע ווארשטאטן זענען געווען יידישע; איצט איז קיין איין יידישער אר־בעטער נישטאָ אין די קריסטלעכע ווארשטאטן.

דער יידישער ארבעטער, דער בעסערער, דער קוואליפיצירטער, איז איצט אָפּהענגיק נאָר פונעם יידישן באלעבאָס; דער לעצטער האָט נאָר דעם יידישן קונה — קאָן מען זיך שוין פּאָרשטעלן, וויפל מאָל שווערער עס איז געוואָרן די לאגע אינעם דאָזיקן פאך.

די לאגע פון די יידישע שוסטער האָט זייער גוט כאראקטעריזירט איינער טאקע פונעם דאָזיקן פאך, אן אלט יידל פון א יאָר עטלעכע און זעכציק, א ליטוואק, וואָס לערנט מסתמא נאָך איצט גאנץ גרינג א פּרק משניות, אָבער דורך און דורך אן אפיקורס. א סקעפּטיקער, מיט א קרי־טישן צוגאנג צו געשעענישן און מענטשן, מיט א גאנץ גוט אויג צו כאַפּן דאָס לעבערלעכע און קאָמישע אין יעדן, האָט ער אין א לענגערער רעדע

נעגעבן א בילד, אז פאר מיינע אויגן איז געשטאנען דער לעבעדיקער יידי־שער ארבעטער מיט זיין דערשלאגנקייט און געפאלנקייט ביי זיך.

„דער שוסטער מוז שטיין נידעריקער, ווייל ער זיצט נידעריקער פון אלע בעלי־מלאכות; אונדזער מלוכה איז די מלאכה, און אונדזער טראן איז אויפן מיסט... וואס מען טראגט אויף די פיס איז נישט דאס, וואס מען טראגט אויפן קאפ". — דאס זענען נאר א פאר ווערטלעך פון די צענדליקע, וואס ער האט ממש געשאפן אין זיין רעדע.

און ער דערציילט, ווי מען קוקט אויף א שוסטער ביי יידן; ווי א יידענע אן אלמנה ברענגט א יינגל צו א שוסטער, וויינט און קלאגט, וואס זי מוז נעבעך אים אפגעבן פאר א שוסטער, ווייל ער טויג צו גארנישט, ווייל ביי אנדערע בעלי־מלאכות האט מען אים משלח געווען, און טאקע נאר גראבע, פארשטאפטע קעפ גייען אין שוסטעריי, און דעריבער ליגט די דאזיקע מלאכה אזוי טיף אין דער ערד און גייט ביסלעכווייז איבער אין „גויאישע הענט".

און ער דערציילט ווייטער, ווי די „גויאישע הענט" האבן צוביסלעך באקומען „יידישע קעפ", האבן געעפנט זייער גוטע ווארשטאטן מיט גרויסע פענסטער צו דער גאס, מיט גרייטע שיך צום פארקויפן, האבן אריבערגע־צויגן צו זיך די בעסטע און רייכסטע קונים, און דער יידישער שוסטער, כמעט נאר א לאטוטניק, א פארטאטש, איז פארשטופט געווארן אין די הינטער־געסלעך, אין די פינסטערע קעלערס, וווהין מען ברענגט נאר אלטע שטיוול צו פאהריכטן.

אמת, ס'איז נאך איצטער אויך דא ביז 300 יידישע שוסטער־וואר־שטאטן; פאר דער מלחמה איז אבער געווען מער פון 600 יידישע וואר־שטאטן. אין אלע ווארשטאטן זענען איצט דא סך־הכל 40 יידישע אר־בעטער און ביי 25 יידישע לערן־יינגלעך. דאס איז אייגנטלעך אן אלגע־מיינע דערשיינונג אין אלע לענדער פון געוועזענעם רוסלאנד — די שוס־טעריי, די האנט־שוסטעריי, גייט איבער אין קריסטלעכע הענט. דעם יידן ציט צו העכערע מלאכות און בעסער באצאלטע.

אין ווילנע איז פאר דער מלחמה געווען שטארק אנטוויקלט די אזוי גערופענע מעכאנישע שוסטעריי, און זי איז געלעגן אויסשליסלעך אין יידישע הענט: אי די באלעבאטים און אי די ארבעטער זענען געווען יידן.

ווילנע פלעגט פארקויפן פארטיקע שיך קיין רוסלאנד. איצט איז קיין עקס־פארט נישטא. זענען איצט פארנומען אין דער מעכאנישער שוסטעריי ביז 50 ארבעטער, פון וועלכע 35 זענען יידן.

אינטערעסאנט איז דער פאך פון זעמשער, פון הענטשקעס. דאס איז אויך געווען אן ארטיקל פאר עקספארט. רוסלאנד פלעגט אפנעמען 80 פראצענט פון די הענטשקעס, וואס פלעגן אויסגעארבעט ווערן אין ווילנע. איז טאקע דער ארטיקל געלעגן טיף אין דער ערד אין דער צייט פון דער מלחמה און נאך דער מלחמה. אבער איצטער לעבט גראדע דאס פאך איבער אן אויפלעבונג.

מיט וואס דערקלערט זיך דאס? א דאנק דעם טאריף־קריג מיט דייטש־לאנד האט זיך איינגעגעבן די ווילנער פאבריקאנטן צו פארכאפן די פויליש מערק, אפילו די, וואס האבן מער פון הונדערט יאר געהערט צו דייטשלאנד און זענען שטארק צוגעבונדן געווארן צו א דייטשישן מין סחורה. פויזן קויפט איצט הענטשקעס אין ווילנע; גאליציע, וואס איז געווען תמיד פארבונדן מיט עסטרייך, קויפט אויך שוין צוביסלעך הענטשקעס אין ווילנע.

א מיטעלער ארבעטער פארדינט פון 50 ביז 60 זלאטעס א וואך, דאס הייסט פון פינף ביז זעקס דאלאר א וואך; א קליינע צאל, טאקע גאר א קליינער פראצענט ארבעטער, פארדינט 100 זלאטעס א וואך, און אין דעם זעמשער־פאך זענען דא קוואליפיצירטע ארבעטער, וואס פארדינען 170 זלאטעס א וואך, דאס הייסט שוין כמעט 20 דאלאר א וואך. אזעלכע „אריסטאקראטן" זענען, אין פארגלייך מיט דער גרויסער מאסע, וואס פארדינט נאר 5־6 דאלאר א וואך, א נישטיקע צאל. ס'זענען אבער דא נישט ווייניק ארבעטער, וואס פארדינען 20־30 זלאטעס א וואך, דאס הייסט סך־הכל 2־3 דאלאר א וואך, און אלע פרויען־ארבעטערינס פארדינען נישט מער פון 30 זלאטעס א וואך.

דאס לעבן אין פוילן איז, פארשטייט זיך, א סך ביליקער, ווי אין אמעריקע, אבער אומזיסט גיט מען נישט, נישט קיין דירה, נישט קיין ברויט, נישט קיין קארטאפל און אוודאי נישט קיין שיך. ווי אזוי זשע לעבט מען מיט 5־6 דאלאר א וואך? איז דער תירוץ: מען לעבט טאקע נישט,

מען מוטשעט זיך, מען הונגערט, מען גייט אפּגעריסן און מען טרוימט אָדער וועגן עמיגרירן אָדער באַקומען עטלעכע דאָלאַר פון אמעריקע.

ס'איז זיך זייער שווער פאָרצושטעלן דאָס לעבן פון די מיליאָנען יידן פון גאַנץ מזרח־אייראָפּע אָן דעם דאָזיקן מלאך־הגואל, אָן דעם פּאָסט־טרעגער, וואָס ברענגט די מתנה פון אמעריקע.

די לאַגע פון די ארבעטסלאָזע איז כמעט א האָפענונגסלאָזע, ממש א פארצווייפלטע — קיינער גלויבט נישט, אז ס'זאָל קומען צו אן אויס־גלייך מיט רוסלאַנד און אז דער דאָזיקער מארק זאָל זיך עפענען פאַר פּוילן. יאָרן ציען זיך די אונטערהאנדלונגען; אלע מאָל מאכט מען א טומל, אז אָט־אָט שרייבט מען אונטער אן אָפּמאַך, און תמיד לאָזט זיך אויס מיט אן אנטטוישונג. איז מען שוין אזוי צוגעוווינט צו די דאָזיקע אנטטוי־שונגען, אז מען האָט אבסאָלוט אויפגעהערט צו גלויבן אין אן אָפּמאַך מיט רוסלאַנד.

אן אינטערעסאַנטע דערשיינונג וואַרפט זיך אין די אויגן אין ווילנע. א גרויסער טייל פון אלטן דור קרעמער און בעלי־מלאכות איז אונטער־געגאַנגען. זיי האָבן נישט געקענט אויסהאלטן דעם צו גרויסן שטורעם פון דער צייט. איך האָב געהאַט פארזאַמלונגען מיט בעלי־מלאכות פון אלע גרעסערע פאכן, און אומעטום איז 90 פּראָצענט באַשטאַנען פון מענ־טשן צווישן 30 און 40 יאָר אלט, און ס'האָט זיך ארויסגעוויזן, אז דריי פערטל פון די איצטיקע האַנטווערקער־באַלעבאַטים זענען געווען מיטגלי־דער פון פּראָפעסיאָנעלע פאראיינען אָדער פון די סאָציאַליסטישע פּאַר־טייען. און הערט מען א רעדע פון א האַנטווערקער־באַלעבאָס, דערקענט מען טאַקע באַלד, אז ער איז געגאַנגען אין חדר פון א סאָציאַליסטישער פאַרטיי. נישט מחמת ער איז געבליבן א סאָציאַליסט; פאַרקערט, די דאָ־זיקע „געוועזענע" זענען ערגער פון נישט געוועזענע, נאָר מחמת ער איז אינטעליגענטער, פאַרשטייט ברייטער און טיפער עקאָנאָמישע פראַגן, איז אויך פּאָליטיש באַוווסטזיניקער און זעלבסטשטענדיקער. מיט דעם דער־קלערט זיך טאַקע, וואָס די האַנטווערקער־אָרגאַניזאַציעס אין פּוילן זענען אזוי אַקטיוו, נישט שלעכט אָרגאַניזירט און גענוג זעלבסטשטענדיק אין פאַרטיידיקן זייערע אינטערעסן אין יידישע אָדער מלוכהשע אינסטיטוציעס.

XI

די געפאַלענע יידישע ווילנע

ווילנע איז איצט א טויטע שטאָט. שוין די גאסן מאכן אויף א פרישן מענטשן א שווידערלעכן איינדרוק. אמת, די טראָטוארן זענען־אביסל צו־געפוצט, די הייזער זענען אויך אביסל ארומגעוואשן און ארומגערייניקט. די מענטשן אויף די גאסן אָבער זעען אוים נאָך דערשלאָגענער, נאָך געפאלענער, נאָך פארלאָזטער, ווי צוריק מיט דריי יאָר. אזוי אָרים גע־קליידט גייט מען נישט אין קיין שום שטאָט אין פוילן. די קליידער פון די מענטשן זענען דאָ אזוי אָרים און אָפּגעטראָגן, אז דער דלות ווארפט זיך אין די אויגן. דערביי זעט מען, אז דער דלות איז א תושב, א פעסטער באלעבאָס אין שטאָט, און ער קלייבט זיך גאָרנישט ווען עס איז אוועק־צוגיין פון דאנען.

מען נעמט אָן שוין אין ווילנע מיט ליבע די געשאפענע לאגע, און דער קבצן צעלייגט זיך ברייט און הערשנדיק אין אלע ווינקעלעך פון לעבן. עס זענען נישטאָ קיין האָפנונגען, קיין אויסזיכטן אויף בעסערע צייטן, מוז מען שלום מאכן מיטן דלות.

אין קיין שום שטאָט פון פוילן זעט מען נישט אזויפיל פארהאקטע און געשלאָסענע קראָמען, ווי אין ווילנע. אויף סטראשונס גאס האָב איך פון 42 קראָמען אָנגעציילט 16 פארמאכטע. אויף דער גאס פון גאון איז איינע פון יעדע 4—5 קראָמען פארמאכט, אויך אויף דייטשער גאס, אויף זאוואלנער גאס, אויף טראָקער גאס טרעפט מען געשלאָסענע געשעפטן.

אמת, איך בין געווען אין ווילנע סוף יאנואר, אין דעם מאָנאט, ווען מען דארף ארויסנעמען פאטענטן. מעגלעך, אז סוף כל סוף וועלן נאָך א סך קרעמער באקומען געלט פון אמעריקע אָדער פון א קרעדיט־קאסע, און זיי וועלן אויסקויפן פאטענטן. אָבער שוין דאָס אליין, וואָס מען איז

געצווונגען צו פארמאכן די קראם אויף א מאנאט אדער צוויי, באווייזט, ווי גרוים די נויט איז, ווי אָרים די באפעלקערונג איז.

אין סוחרים־פאראיין האט מען מיר אָנגעגעבן, אז היינטיקן יאנואר האבן זיך געשלאסן 352 קראָמען און 60 ווארשטאטן, ווייל זיי האבן נישט געקאָנט אויסקויפן קיין פאטענטן. וויפל פון זיי עס וועלן אויסקויפן פאַטענטן און וועלן עפענען די קראָמען, און וויפל עס וועלן איבערלאָזן פאַרקלאפט די טירן און וועלן מוזן זוכן נייע פּרנסות, קאן מען דערוויילע נישט וויסן. פארמאכטע קראָמען מאכן עפּעס אן איינדרוק, ווי נאך א פּאָגראָם, ווען נאך נישט אלע האבן זיך אומגעקערט אין שטאָט אריין, אדער נישט אלע יורשים האבן געעפנט די קראָמען פון זייערע דערהרגעטע עלטערן.

די יידישע באפעלקערונג, וואס ווערט געפייניקט פון די שטייערמאַנער און ווערט רואינירט פון דעם אנטיסעמיטיזם, פילט זיך טאקע ווי נאך א פּאָגראָם, נאך א שטייער־פּאָגראָם, וואס ציט זיך יאָרן און יאָרן און מען זעט נאר קיין סוף נישט צו דעם. און די טראגעדיע פון א שטייער־פּאָגראָם און אנטיסעמיטיזם־פּאָגראָם האב איך ערשט דערפילט, ווען איך האב אָנגעהויבן אריינגיין אין די אָפענע מאגאזינען אינעווייניק.

א סך ווילנער געדענקען געוויס דאָס גרויסע געשעפט פון זאלקינד. העכער הונדערט יאָר עקזיסטירט דאָס געשעפט, האט איבערגעלעבט א סך פארשידענע צייטן, גוטע און שלעכטע, צייטן פון אויפבלי און קריזיס. אבער דערגאנגען דעם געשעפט די יאָרן זענען דער אנטיסעמיטיזם און דער דרוק פון די שטייערן אין דער לעצטער צייט, נאָכדעם ווי פוילן איז געוואָרן זעלבסטשטענדיק.

פאר דער מלחמה האבן אין זאלקינדס געשעפט געארבעט ביז 150 מענטשן — אָנגעשטעלטע, בוכהאלטערס און פשוטע ארבעטער. עס איז געווען א גרויס קליידער־ און גאלאנטעריי־געשעפט, מיט אן אייגענעם גרויסן ווארשטאט, ווו עס האבן געארבעט ביז 50 שניידער. דאס געשעפט האט פארנומען א גאנץ גרויס הויז פון דריי שטאָק און האט שטענדיק אויסגעזען לעבעדיק, פריש, וואקסנדיק און דערפאָלגרייך.

ווען איך בין איצט אריין אין זאלקינדס געשעפט, איז מיר ממש פינסטער געוואָרן אין די אויגן. טיף אין געשעפט איז געווען גאָר טונקל, אין די אויבערשטע שטאָקן איז געווען פינסטער. נאָר פאָרנט, ביים אריינ־

גאנג, איז דער מאגאזין געווען באלויכטן אויף עטלעכע טריט. עס האָט זיך ארומגעדרייט איינער מיט אן ארומגעבונדענעם קאָפּ, נאָר די אויגן האָבן ארויסגעסטארטשעט און געקוקט עפּעס אין דער פינסטערער ווייטקייט, און זיך געוואונדערט אויפן אריינגאנג פון א פרעמדן מענטשן, וועלכער שטערט דאָ די קברים־שטילקייט. נאָך צוויי מענער זענען געשטאנען ביי דער קאסע אָנגעשפּארט אָן דער וואנט, רואיקע, פארגליווערטע, ווי פאראורטיילטע. ביי די פּאָליצעס זענען געשטאנען 2 מיידלעך. זיי ציטערן אויף ביי מיין אריינגאנג. זיי זענען נישט געוווינט, ווייזט אויס, צו ווערן באאומרואיקט.

די דריי מענער זענען די באלעבאטים. די מיידלעך זענען פארבליבן פון דער גרויסער צאָל אָנגעשטעלטע. זיי זענען די לעצטע צאנקענדיקע ליכטלעך, וואָס וועלן מסתמא אינגאנצן אויסגעלאָשן ווערן, וואָרום דאָס געשעפט מוז זיך שליסן. דאָס וואָרט „חורבן" איז צו שוואך פאר דעם צושטאנד, וואָס איך האָב געטראָפן אין דעם געשעפט, ווו מען פלעגט שטענדיק לאנג מוזן ווארטן, ביז עמיצער פון די אָנגעשטעלטע וועט פריי ווערן.

א מרה שחורה פאלט אָן פון דער איצטיקער פינסטערקייט, פוסטקייט, שטילקייט און פון די שטילע טריט פון באלעבאָס מיטן ארומגעבונדענעם קאָפּ, וואָס דרייט זיך ארום ווי א שאָטן, ווי א סימבאָל פון דעם אויסגעלאָשענעם לעבן. איך האָב זייער לאנג פארבראכט אין געשעפט און געהאט א לענגערן שמועס מיט די באלעבאטים וועגן די סיבות, וואָס האָבן רואינירט אזא פעסט און ראיעל געשעפט.

אָט זענען די סיבות: שוין די מלחמה האָט געגעבן א שטארקן קלאַפּ, ווייל די באפעלקערונג איז געוואָרן פאראָרימט. ווילנע איז געווען ביים פראָנט און איז אָפּט געווען אָפּגעשניטן פון דער גאנצער וועלט. נאָכדעם איז געקומען די אינפלאציע. די סחורה איז איינגעשרומפּן געוואָרן און די פּאפּירענע מיליארדן זענען געוואקסן. ביים איינשטעלן דעם ווערט פון געלט, פון דער פוילישער זלאָטע, האָט זיך באקומען א ביסעלע סחורה מיט א גאנץ קליינעם ווערט. דאָס זענען געווים געווען וויכטיקע קלעפּ, וועלכע האָבן אָפּגעשוואכט דעם קאפּיטאל פון געשעפט. אָבער אָט די אלע קלעפּ

האָבן נאָך דאָס געשעפט נישט חרוב געמאכט. אוועקגעלייגט אינגאנצן דאָס געשעפט האָבן פאקטאָרן פון א גאנץ אנדערן כאראקטער.

זאלקינדס געשעפט האָט געלעבט דער עיקר פון דעם קונה — דעם באאמטן. דער רוסישער באאמטער, דער רוסישער אָפיציר האָט געקויפט אָן געלט, אויף אָפּצאָלן, און האָט צענדליקער יאָרן געקויפט אין איין געשעפט. באאמטע פון צענדליקער מלוכה־אנשטאלטן האָבן געקויפט ביי זאלקינדן. און די אלע קונים זענען איצט נישטאָ. פוילישע באאמטע, פוילישע אָפיצירן קויפן ביי יידן נאָר דאַן, ווען זיי האָבן שוין קיין אנדער ברירה נישט. אָבער פון טאָג צו טאָג ווערן אזעלכע פאלן זעלטענער. עס עפענען זיך פוילישע קראָמען, וועלכע פארנעמען דעם אָרט פון די יידישע.

אין קיין שטאָט פילט מען טאקע נישט אזוי די קאָנקורענץ פון דעם אויפגעקומענעם פוילישן קרעמער, ווי אין ווילנע. דאָ איז אויפגעקומען ערשט די לעצטע יאָרן א גוט פויליש גאלאנטעריי־געשעפט, וואָס האָט אוועקגענומען דעם פדיון ביי זאלקינדן. אויך איז אויפגעקומען א ניי מאנופאקטור־געשעפט, א פויליש, וואָס האָט אָפגעצויגן די בעסטע פוילישע קונים פון שניט־סחורה.

עס איז אויך אויסגעוואקסן א גאנץ גרויס פויליש געשעפט פון אפטייק־סחורות, און דאָס זייער בארימטע יידישע געשעפט פון אפטייק־סחורות פון די ברידער סעגאל צאנקט און ווערט איינגעשרומפן פון טאָג צו טאָג אלץ מער און מער. די ברידער סעגאל זענען באקאנטע ציוניסטן. איינער פון זיי לעבט איצט אין ארץ ישראל, וווּ ער האָט א סך גערטנער און וווּ זיין זון איז טראגיש אומגעקומען ביי דעם לעצטן פאָגראָם אין פאלעסטינע. סעגאלס געשעפט אין ווילנע האָט פאר דער מלחמה געהאט ביז הונדערט אָנגעשטעלטע, און איצט האָט עס שוין ווייניקער פון 10.

אין ווילנע איז דער קאמף פון פוילישן קרעמער קעגן דעם יידישן א גאנץ שטארקער, און ווייל ער האָט אויף זיין צד די פוילישע מאכט, זיגט ער אָפט. אָט איז א ביישפיל: די דירעקציע פון די אייזנבאנען האָט צוגעשיקט צו אירע באאמטע א צירקולאר, אין וועלכן זי רעקאָמענדירט זיי צו קויפן ביי פוילישע קרעמער. דער צירקולאר זאָגט נישט, אז מען זאָל באָיקאָטירן יידישע קראָמען, אָבער דער פוילישער באאמטער שטויסט זיך גרינג אָן, וואָס מען מיינט, און ער איז גערן גרייט מקים צו זיין די

מצוה פון ארויסשטויסן יידן. און די „באנק פּאָלסקי״, די מלוכה־באנק, איז אויך נישט אין יידישע הענט, נאָר אין ריין פּוילישע. פארשטייט זיך שוין, אז א פּוילישער קרעמער באקומט א סך עפטער, גיכער און מער קרעדיט, איידער א יידישער.

וואָס פאר א קרעדיט־פּאָליטיק די פּוילישע מלוכה־באנק טרייבט, ווערט קלאָר פון די פּאָלגנדיקע ציפערן. אינעם יאָר 1929, למשל, האָבן פון דער מלוכה־באנק געהאט קרעדיטן:

לאָדזש — — — — — — —	103	מיליאָן זלאָטעס
פּויזן — — — — — — — —	312	״ ״

מען דארף גאָרנישט שטודירן אזוי גרינטלעך דאָס פּוילישע עקאָ־נאָמישע לעבן, כדי צו וויסן, אז פּויזן האָט נישט אפילו קיין פערטל אינ־דוסטרי פון לאָדזש. לויט דער גרויס פון אומזאץ־שטייער פארנעמט לאָדזש דאָס צווייטע אָרט נאָך ווארשע און פּויזן פארנעמט דאָס פינפטע אָרט. פארוואָס זשע, פרעגט זיך, קומט פּויזן דריי מאָל מער קרעדיט, ווי לאָדזש? אפשר איז לאָדזש אזוי רייך, אז זי נויטיקט זיך נישט אין קרעדיטן? לאָזט זיך אויס, אז אפילו די וועלט־בארימטע מאנופאקטור־פירמע פון די פּאָזנאנסקים האָט דאָס יאָר דיסקאָנטירט וועקסלען אויף דער בערזע און האָט געצאָלט מער פון 20 פּראָצענט. קאָן מען זיך שוין פאָרשטעלן, וואָס פאר א נויט עס מוז זיין אין לאָדזש אין געלט.

מען מוז דעריבער זוכן אן אנדער דערקלערונג, און עס איז נישט שווער צו געפינען. אין לאָדזש זענען אלע פאבריקאנטן, חוץ גאָר, גאָר זעלטענע אויסנאמען, יידן און דייטשן, אָבער נישט קיין פּאָליאקן. און אין פּויזן זענען יידן פאראן גאָר ווייניק, און אפילו דייטשן זענען דאָרטן אויך ווייניק געבליבן.

נאָר לאָמיר זיך אומקערן צו ווילנע. א ביישפּיל, ווי אזוי דער יידי־שער בעל־מלאכה ליידט פון דעם אנטיסעמיטיזם, קאָן מען זען פון פּאָל־גנדיקן פאקט: פאר דער מלחמה זענען געווען אין ווילנע פון 300 ביז 350 יידישע מאליארעס. זיי האָבן דער עיקר געארבעט אויף דער ליניע פון דער אייזנבאן, ביי די רעגירונגס־גימנאזיעס און אויך ביי פּריוואטע געביידעס. דער גרעסטער בוי־אונטערנעמער איז געווען די מלוכה.

איצט לאָזט מען קיין יידן צו מלוכה־ארבעט אבסאָלוט נישט צו. זעלטן ווען אפילו דער מאגיסטראט גיט א יידישן מאליאר א שטיקל אר־בעט. זענען טאקע איצט פאראן אין גאנץ ווילנע נאָר א 40 יידישע מאַ־ליארעס און א 30 לערנייננגלעך אין דעם פאך. קריסטלעכע מאליארעס זענען פארן קריג געווען גאָר ווייניק, אפשר 5־6 מאָל ווייניקער. ווי יידישע. איצט איז פארקערט. איצט איז די צאָל קריסטלעכע מאליארעס צען מאָל מער, ווי די צאָל יידישע. פאר דער מלחמה איז געווען אין דעם פאך איין יידישער אונטערנעמער, וואָס האָט געהאט 80 יידישע ארבעטער. איצט זענען כמעט קיין אונטערנעמער נישטאָ. אלע זענען קליינע בעלי־מלאכות, וואָס ארבעטן מיט א יינגל.

כמעט דאָס אייגענע איז פאָרגעקומען מיטן פאך פון בוי־סטאָליא־רעס. פאר דער מלחמה זענען געווען אין דעם פאך יידישע ארבעטער פון 300 ביז 350. עס זענען געווען דריי גאָר גרויסע פאבריקן, וואָס האָבן באשעפטיקט מער פון 200 ארבעטער. איצט זענען געבליבן נאָר וועלכע 50־60 יידישע ארבעטער, אי דאָס זענען זיי צעוואָרפן איבער א סך קליינע װארשטאטלעך. און נאָכאמאָל דאָס אייגענע — די צאָל פון די קריסטלעכע בוי־סטאָליארעס האָט זיך שטארק פארגרעסערט. די איינציקע דערקלערונג איז דאָס, וואָס פריוואטע מענטשן בויען ווייניק און זעלטן. בויען בויט נאָר די מלוכה און די שטאָט, און זיי נעמען נישט צו קיין יידן.

דער ווילנער ראיאָן איז פון שטענדיק אָן געווען רייך מיט וועלדער. ווי אומעטום אין פוילן, ליגט דער וואלד־מסחר אויך אין ווילנע אוים־שליסלעך אין יידישע הענט. אין דער שטאָט ווילנע אליין זענען נאָך איצט פאראן א 200 וואלד־סוחרים און סוחרימלעך מיט א 400 אָנגעשטעלטע. אלע אָן אויסנאַם זענען יידן. אין דער גאנצער ווילנער געגנט לעבן ביז 1000 יידן, באלעבאטים און אָנגעשטעלטע, פון וואלד־מסחר. מיט זייערע פאמיליעס מאכן זיי אויס מסתמא ביז 4000 פערזאָן, ווייל דאָס זענען מער־סטנטיילס יידן מיט גרויסע פאמיליעס. ארום די 4000 יידן לעבן נאָך 1000 יידן אלס הענדלער און בעלי־מלאכות.

איצט איז געקומען די גזירה פון אויפהערן פארקויפן מלוכה־וואלד. דאָס האָט געטראָפן ווי א דונער די יידן. פאר די קריסטלעכע וואלד־אר־בעטער איז נאָך איצט בעסער. די מלוכה וועט געווים צאָלן נישט ערגער

ווי די יידישע פּריוואַטע אונטערנעמער. זי וועט אָבער א סך זעלטענער איבעררייסן די ארבעט און וועט א סך בעסער אָפּהיטן די געזעצן פון אר־בעטס־טאָג און פאַרזיכערונג.

אויפן אָרט פון די 500־600 יידישע אָנגעשטעלטע וועלן קומען מסתמא נישט ווייניקער פון 1000 קריסטלעכע אָנגעשטעלטע. די נאַציאָ־נאַליזאַציע לאָזט זיך אויס דעריבער נישט נאָר צום קאָפּ פון דער יידישער בורזשואַזיע, נאָר אויך צום קאָפּ פון די יידישע ארבעטער.

עס איז געגנוג אויסצוהערן נאָר א פּאָר ווילנער יידן וועגן די שטייערן, וואָס מען רייסט פון דער באַפעלקערונג, כדי צו באַקומען א בילד, אז די שטייער־מאָנער זענען אמתע מערדער, אמתע רוצחים. טאַקע זיי פירן דאָס איצט צו מערסטע זעלבסטמאָרדן. עס איז דערגאַנגען אזוי ווייט, אז אין ווילנע איז אפילו א קריסטלעכער קרעמער מיטן נאָמען דוקאָווסקי באַגאַנגען זעלבסטמאָרד און האָט איבערגעלאָזט א בריוו צום פינאַנץ־אַמט, אז ער גייט פון דער וועלט, ווייל ער קאָן מער נישט אויסהאַלטן פון דעם שטייער־מאָנער, וואָס צאַפּט פון אים זיין בלוט.

דער דאָזיקער איין אונאיינציקער קריסטלעכער זעלבסטמאָרד אויף די צענדליקער יידישע זעלבסטמאָרדן האָט אָנגעמאַכט א גרויסן רעש אין גאַנץ פּוילן, און די גאַנצע פּרעסע האָט זיך ענדלעך אָפּגערופן. אזוי לאַנג ווי נאָר יידישע סוחרים און נאָר יידישע קרעמער האָבן זיך געוואָרפן פון די הויכע עטאַזשן און זיך צעשמעטערט די קעפּ, האָבן אלע פּוילישע צייטונגען געשוויגן.

מען דאַרף דערביי פאַרשטיין, אז בכלל גענומען זענען די שטייער־קאָמיסיעס א סך, א סך ווייכער צו די קריסטלעכע סוחרים און קרעמער, ווי צו די יידישע. ווען איך בין געווען אין פּוילן, איז כמעט נישט אריבער קיין איין טאָג, ווען דאָ אָדער דאָרטן זאָלן יידן נישט באַגיין זעלבסטמאָרד צוליב שטייערן. אין לעמבערג האָט זיך אויפגעהאָנגען א מוטער פון זעקס קינדער נאָכדעם, ווי מען האָט ביי איר צוגענומען פון קראָם דאָס לעצטע ביסל סחורה. עס איז אינטערעסאַנט, אז אפילו א פּוילישער נאַציאָנאַל־דעמאָקראַט, וואָס איז לויט זיין פּראָגראַם אַן אַנטיסעמיט, האָט זיך צע־וויינט אין וואַרשעווער שטאָט־ראַט, ווען א בונדיסט האָט געלייענט דעם

דאָקומענט, ווי מען האָט ביי א יידישער פאמיליע צוגענומען דעם לעצטן זאק קארטאָפל צוליב שטייערן.

א לאָדזשער סוחר, וואָס איז געפאָרן מיט מיר פון לאָדזש קיין וואר־שע, האָט מיר דערציילט פאָלגנדיקע כאראקטעריסטישע געשיכטע: ער האָט אין לאָדזש א מאנופאקטור־קראָם. האָט ער די לעצטע צוויי יאָר געצאָלט איין פראָצענט פון זיין לייזונג, ווייל ער איז א הורטאָווניק. קומט נישט לאנג א נייער שטייער־אינספעקטאָר און פסקנט, אז ער איז נישט קיין הורטאָווניק, נאָר א דעטאליסט און דארף דעריבער צאָלן צוויי און א האלב פראָצענט פון זיין לייזונג.

איז ער שוין גרייט צו באצאָלן, געפינט אָבער דער אינספעקטאָר, אז ער דארף נאָך באצאָלן פראָצענטן און שטראָפן פאר די לעצטע צוויי יאָר, און דאָס מאכט אויס אקוראט צוויי מאָל אזויפיל, וויפל די גאנצע סומע שטייערן. לויפט ער קיין ווארשע בעטן ביים מיניסטער, מען זאָל אים נישט רואינירן, מען זאָל אים נישט מאכן פאר קיין קבצן. אָבער עס איז א שוואכע האָפענונג, אז מען וועט זיך צוהערן צו זיין שטים, אז מען וועט זיך רעכענען דערמיט, וואָס אייגנטלעך זענען דאָ שולדיק די באאמטע און נישט דער קרעמער.

אזעלכע פאלן זענען ממש פאראן הונדערטער און טויזנטער. עס איז גענוג צו זאָגן, אז אין די לעצטע יאָרן האָבן די שטייער־באאמטע איינגע־מאָנט אין פוילן מיט 200 מיליאָן זלאָטעס מער, ווי מען האָט באשטימט. און דאָס איז אלץ אָפגעצאפט בלוט פון יידישע, אָפטמאָל גאָרנישט רייכע קרעמער און קרעמערלעך.

ווען דער דערמאָנטער קריסטלעכער קרעמער אין ווילנע איז באגאנגען זעלבסטמאָרד, האָט מען פארמאכט אין שטאָט כמעט אלע קראָמען און אויף דער לויה איז געגאנגען א גוואלדיק גרויסער עולם. מען האָט אויף אזא אופן כאָטש פראָטעסטירט קעגן די אוממענטשלעכע האנדלונגען פון די שטייער־באאמטע. ווארפט זיך אָבער א ייד אראָפ פון פינפטן שטאָק, ווייל מען האָט ביי אים צוגענומען דעם לעצטן ביסן, באהאלט מען אים שטילערהייט ערגעץ הינטערן פארקאַן. די קרובים שעמען זיך גאָר אויס־צוזאָגן, אז זייערער א פאָטער אָדער א פעטער איז אוועק פון דער וועלט צוליב די שטייער־מערדער. די רבנים האָבן אפילו צוריק מיט א פאָר יאָר

ארויסגעלאָזן אין אויפרוף, אַז מען טאָר נישט אָפּגעבן קיין כבוד זעלבסט־מערדער, ווייל זיי האָבן קיין עולם־הבא נישט.

ווייל מען זען, ווי ווילנע גייט אונטער, איז גענוג צו זיצן א האַלבע שעה אין דער גמילות־חסדים־קאַסע אָדער אין דער עמיגראַציע־ביוראָ. לייען 50 אָדער 100 זלאָטעס אָן פּראָצענט אויף אויסצאָלן אין קליינע ראַטעס — דאָס איז דער ציל פון גמילות־חסדים־קאַסעס, וואָס דער „דזשאָינט" שטיצט אין הונדערטער יידישע שטעט און וואָס זענען איצט די פּאָפּולערסטע און אויך די באַליבטסטע אינסטיטוציעס אומעטום.

די קאַסעס זענען באַשאַפן געוואָרן פאַר די שוואַכסטע און אָרימסטע טיילן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פּוילן. ביי זיי זענען 5 אָדער 10 דאָלאַר אזא באַדייטנדיקער „קאַפּיטאַל", אַז זיי קאָנען אים אין ערגעץ נישט באַקומען, און פון אזא קאַפּיטאַל איז אָפּהענגיק זייער גאַנצע עקזיסטענץ.

די גמילות־חסדים־קאַסע אין ווילנע פירט דורך זייער גוט איר אויפגאַבע פון ראַטעווען די גאָר קליינע מענטשעלעך, קליינע קרעמערלעך, וואָס האָבן סחורה פאַר 50 זלאָטעס, די ווייבער, וואָס פאַרקויפן פרוכט אָדער עופות, די לאַטוטניקעס און סתם גאָר אָרימע בעלי־מלאכות.

אָבער צו דער קאַסע, וואָס איז באַשטימט פאַר די אָרימסטע, קומען, ליידער, אַזעלכע מענטשן, וואָס אין אַ נאָרמאַלער צייט וואָלטן זיי זיך גאָר געשעמט אריינצוגיין אין דער קאַסע. איך בין דאָרט געזעסן און געזען, ווי עס קומט א מענטש, וואָס האָט אַן אָפּן געשעפט, און ער בעט א הלוואה, ווייל אָן די הונדערט זלאָטעס, אָן די עלף דאָלער, קאָן ער נישט אויסקויפן קיין פּאַטענט און מוז שליסן די קראָם. עס קומען אָן בעלי־מלאכות, וואָס האָבן ערשט מיט א פּאָר יאָר צוריק געהאַלטן 2־3 אַרבעטער און געהאַט פיין פּרנסה. עס קומען אָן לערער, אָנגעשטעלטע, אַרבעטער און אין דער אמתן כמעט אַלע קלאַסן. און אויב ביזן לעצטן יאָר האָבן כמעט אַלע געצאָלט, ווייל מען האָט געוווּסט, אַז אין דער קאַסע וועט מען געוויס באַקומען נאָך אַמאָל די הונדערט אָדער פופציק זלאָטעס, ווי נאָר מען וועט אויסצאָלן, איז איצט די לאַגע א סך ערגער, א סך טרויעריקער. די צאָל פּראָטעסטירטע וועקסלען איז צוויי מאָל מער פון דער צאָל באַצאָלטע.

אין עמיגראַציע־ביוראָ האָב איך געטראָפן אין וואַרט־צימער א גרויסן עולם. כמעט אַלע זענען זיי יונגע מענטשן פון 25 ביז 30 יאָר אַלט, מענער

און פרויען, יונגעלייט און מיידלעך. איך האָב געפרעגט א יונגן מאן פון א יאָר 25, צי האָט ער עמיצן אין בראזיל, וואוהין ער קלייבט זיך פאָרן. זיין ענטפער איז געווען קורץ און שארף: „איך פאָר צו גאָט! איך האָב דאָרטן קיינעם נישט, נאָר דאָ האָב איך דאָך גאָרנישט".

דאָס איז געווען די שטימונג פון דעם גאנצן עולם — פאָרן אין עק וועלט אריין, אבי זיך ארויסרייסן פון דאַנען, אבי אויפהערן אויסגיין און אונטערגיין דאָ אין שטאָט, וווּ מענטשן האָבן אויפגעהערט צו האָפן, אויפגעהערט צו גלויבן אין בעסערע צייטן. ווילנער יידן פאָרן אין אלע עקן וועלט, אין אלע מלוכות פון דרום־אמעריקע, אפילו אין די מלוכות פון מיטל־אמעריקע, וווּ עס זענען גאָר נישטאָ קיין יידן. זיי פאָרן קיין אפריקע, קיין אויסטראַליע און וווּהין נאָר די שיפן און באנען פירן. מען קאָן זאָגן, אז ווילנער יידן האָבן דורכגעלייגט א וועג אין אייניקע לענדער פון דרום־אמעריקע און מיטל־אמעריקע, וווּהין יידן זענען קיינמאָל נישט געפאָרן.

ענערגיע און מוט פעלט נישט די ווילנער יידן. אָט שטייט פאר מיר א יידיש מיידל, וואָס זעט אויס פון א יאָר 19. אין דער אמתן ווערט זי אין א פּאָר חדשים ארום 21. איר פאָטער איז אין ניו־יאָרק און ער וויל זי נעמען צו זיך. דער אמעריקאנער קאָנסול פאָדערט קלאָרע באווייזן, אז זי איז נישט עלטער פון 21 יאָר. זי האָט אָבער נאָר א צייגעניש פון רב פון שטעטל. און וועלן אוועקגיין נאָך 2 חדשים, וועט זי טאקע ווירקלעך פארלירן איר רעכט צו קומען צום פאָטער קיין ניו־יאָרק.

א מער פארצווייפלטן פּנים איז זיך שווער פאָרצושטעלן. דאָס מיידל האָט ממש געציטערט און האָט קוים איינגעהאלטן די טרערן. און דאָס איז נישט קיין איינציקער פאל. מען האָט מיר דערציילט אויך אין ווארשע, און אין לעמבערג, און אין ביאַליסטאָק, אז די אמעריקאנער קאָנסולן מאַ־טערן ממש, צאַפּן דאָס בלוט ביי די אומגליקלעכע עמיגראַנטן, וועלכע האָבן ליוטן געזעץ א רעכט אריינצוקומען די ערשטע אין דער קוואָטע.

ביי די אלע יונגע מענטשן, וואָס האָבן נישט קיין אָפיציעלע דאָקו־מענטן, אז זיי זענען יינגער פון 21 יאָר, מאכן די קאָנסולן מיט א כיוון שוועריקייטן, כדי דער טערמין זאָל פאָריבער און זיי זאָלן פארלירן דאָס רעכט אריינצוקומען אין די פאראייניקטע שטאטן.

אין דער ווארשעווער ביוראָ האָב איך געזען אזא יונגן מאן, וואָס

אין צוויי וואָכן ארום פארלירט ער שוין זיין רעכט צו קומען קיין ניו־יאָרק. אין פארלויף פון צוויי וואָכן איז אוממעגלעך צו מאכן אזוי פיל דאָקר־מענטן, וויפל דער קאָנסול פאָדערט. דער יונגערמאן האָט געטענהט, האָט געבעטן, געמאכט פּלענער, אָבער דער פּארוואַלטער פון דער ביורא האָט געמוזט אים אָפּן דערקלערן, אז זיין לויפן צו אדוואָקאטן וועט זיין ארויס־געוואָרפן און וועט אים קאָסטן אומזיסט געלט, און עס איז אן עבירה אי די מי, אי דאָס געלט.

מען האָט אָבער געפילט, אז ביים יונגנמאן איז דאָס די איין און איינציקע האָפענונג, די לאַנגע יאָרן געטרוימטע און געחלומטע האָ־פענונג, וואָס פארלירן זי, הייסט פארלירן אלץ, הייסט פארלירן די איינ־ציקע מעגלעכקייט עפּעס צו דערגרייכן אין לעבן. שוין 5 יאָר, אז ער האָט געענדיקט די שול, און די אלע 5 יאָר האָט ער נאָר געוואַרט און ארויס־געקוקט אויף דעם מאָמענט, ווען עס וועט שוין קומען זיין רייע און ער וועט אנטלויפן קיין ניו־יאָרק צום פאָטער. איך בין זיכער, אז דער יונגער־מאן האָט קיין וויזע נישט באקומען. איך בין נישט זיכער, אז דער יונ־גערמאן לעבט נאָך. צו פארצווייפלט איז געווען זיין פּנים, צו דערשלאָגן איז געווען זיין נשמה.

פאר ווילנע איז כאראקטעריסטיש דאָס, וואָס אלע קלאסן זענען דער־שלאָגן, אלע קלאסן זענען פאראָרימט. פארשטייט זיך, עס זענען נאָך דאָ אויך אין ווילנע אפילו גבירים און סתם רייכע לייט. זיי זענען אָבער אין אזא קליינער, אין אזא אומבאדייטנדיקער צאָל, אז זיי פילן זיך גאָר נישט אין שטאָט. און דערצו האלטן זיי אין איין פאלן.

אין אלע שטעט זענען דאָ געגנוג יורדים, אָבער אין ווילנע איז נישט געבליבן אפילו קיין סימן פון די אמאָליקע רייכע לייט. אין ווארשע, לאָדזש, קראָקע, לעמבערג — אומעטום האָב איך געטראָפן אין די קאפעען און רעסטאָראַנען א סך יידן, א סך יידישע שיין און רייך געקליידעטע פרויען.

אין ווילנע זעט מען נישט קיין יידן אין די בעסערע רעסטאָראַנען. איך בין ספּעציעל געגאנגען אין די פּאָר רעסטאָראַנען, וווּ עס שפּילט ביי־נאכט מוזיק און וווּ מען טאנצט. יידן האָב איך דאָרטן נישט געטראָפן. חוץ באאמטע און אָפיצירן, זעט מען בכלל נישט אין די רעסטאָראַנען קיין ציווילע מענטשן. אין ווארשע אָבער זענען אפילו אין דער איצטיקער שווע־

דער צייט די טייערסטע קאַפעען און רעסטאָראַנען געפּאַקט, און טאַקע דאָס רוב מיט יידן.

פאַרוואָס האָט ווילנע מער געליטן פון אַנדערע שטעט? האָבן דאָך וואַרשע, לאָדזש, ראַדאָם, ביאַליסטאָק און אַלע איבעריקע שטעט אויך פאַרלוירן דעם פריערדיקן רוסישן מאַרק פאַר זייערע סחורות. די אַלע אויסגערעכנטע אינדוסטרי־שטעט האָבן געוויס אַ סך פאַרלוירן מיט דעם, וואָס זיי זענען אָפּגעריסן געוואָרן פון רוסלאַנד. ווילנע האָט אָבער אַלץ פאַרלוירן. יענע אַלע שטעט האָבן פאַרלוירן רוסלאַנד און האָבן געוווּנען פּויזן, אויבערשלעזיע און גאַליציע, וועלכע פאַרגיטיקן אין אַ גאַנץ גרויסער מאָס דעם פאַרלוסט פון רוסישן מאַרק און נעמען צו אַ סך סחורות און אינדוסטרי־אויסאַרבעטונגען.

ווילנע ליגט אָבער צו ווייט פון די אַלע נייע פּוילישע געגענטן. זי קאָן נישט קאָנקורירן מיט די שטעט, וואָס זענען נאָענטער צו יענע מערק. ווילנע געניסט דעריבער גאָרנישט פון די אַלע נייע מערק. אַ חוץ די זעמ־שער, די העטשקע־מאַכער, וועלכע זעצן אָפּ גאָר גרויסע פּאַרטיעס סחורה אין פּויזן, האָט קיין איין אַרטיקל, וועלכער פלעגט אַמאָל אויסגעאַרבעט ווערן אין ווילנע, נישט פאַרנומען קיין אָרט אויף די אַלע מערק. די זאָקן־אינדוסטרי, וואָס האָט אַמאָל באַשעפטיקט טויזנטער מענטשן, איז אינ־גאַנצן טויט. די גרייטע קליידער־פּראָדוקציע איז כמעט ווי טויט. די גאַר־בעריי גוססט און שטאַרבט. און אַזוי איז אין אַלע פאַכן, אין אַלע צווייגן פון האַנדל און אינדוסטרי.

ווילנע האָט נישט נאָר פאַרלוירן די רוסישע מערק, וווּהין זי פלעגט שיקן גרייטע קליידער, שיך, זאָקן און לעדער, נאָר אויך די נאָענטע מערק. קאָוונער, מינסקער, וויטעבסקער גובערניעס פלעגן זיין גאָר גרויסע קונים ביי ווילנע. איצט זענען זיי אַלע אָפּגעשניטן און אָפּגעריסן פון ווילנע.

אָפּגעצוימט מיט גרענעץ־ווענט פון אַלע געגענטן, מיט וועלכע ווילנע האָט געהאַנדלט הונדערטער יאָרן, אָפּגעשניטן פון דעם רוסישן מאַרק, פאַר וועלכן ווילנע האָט אַלץ מער און מער גענומען אַרבעטן די לעצטע צענדליקע יאָרן פאַר דער מלחמה, איז ווילנע איצט אויך ווייט פון די פּוי־לישע רייכע מערק. זי איז פאַרשטופּט אין אַן ענג ווינקל, אויסגעמאַטערט

פון דער מלחמה, געשטיקט פון אנטיסעמיטיזם, אויסגעזויגן פון די שטיי־ערן, ליגט די אמאָל רייכע און שיינע יידישע ווילנע א קראנקע און שוואכע, א געפאלענע און דערשלאָגענע, אָן גלויבן און האָפענונג אויף בעסערע און ליכטיקערע צייטן.

XII

איבעריקע

צי די פיש אין וואסער ציטערן דעם גאנצן חודש אלול, דאָס ווייס איך נישט. אָבער אז דער גרעסטער טייל פוילישע יידן ציטערט נאָך ביז איצט, האָט אמת מורא פאר גאָט און גלויבט, אז מען שמייסט און מען קאטעוועט אויף יענער וועלט פאר עבירות און מען זעצט אין גן־עדן פאר מצוות, וועגן דעם איז גאָר קיין ספק נישט.

קיין שום טייל פון יידישן פאָלק האָט נישט ארויסגעוויזן אזויפיל עקשנות, איינגעשפארטקייט, צולהכעיסקייט און קאָנסערוואטיזם, ווי די פוילישע יידן. פאר מיינע אויגן האָבן צענדליקע אוקראאינישע שטעטלעך ממש איבערנאכט אָפּגעשניטן די פאות, אונטערגעשניטן די קאפּאָטעס, אוועקגעוואָרפן די תפילין אויפן בוידעם, אוועקגעשענקט די סידורים און די מחזורים די פאקן־טרעגערס, אָנגעשריען אויף די זיידעס און באבעס, זיי זאָלן זיך נישט מישן נישט אין זייערע געשעפטן — און מען איז גע־וואָרן „גויים". מען האָט געקנאקט רוסיש, געחזרט די רוסישע פּאָעטן פּושקין און לערמאָנטאָוו, געטראָגן קאצאפּסקע העמדלעך, געגעסן חזיר אויף ביידע באקן און ראש השנה און יום כפור שפּאצירט אין וואלד ארום שטעטל און זיך אונטערגעפּאשעט מיט מיטגענומענע לעבערלעך און פּוּפּ־קעלעך פון די כפרות. די טאטעס און די מאמעס האָבן אָפּט אפילו נישט פּראָטעסטירט און געקרעכצט און געזיפצט, וואָס זיי האָבן קיין שכל נישט געהאט און נישט געוואָרן קיין „מענטשן" אין זייערע יונגע יאָרן.

און דאָ, אין פּוילן, שניידט מען און מען שניידט די פאות שוין מער פון הונדערט יאָר; מען רייסט שטיקער פון די לאנגע קאפּאָטעס; מען באָמ־באַרדירט די בתי־מדרשים מיט השכלה, מיט אויפקלערונג, מיט אסימי־לאציע, מיט סאָציאליזם, מיט קאָמוניזם; מען אטאקירט די צדיקים און די רבנים מיט גראָבע פילאָזאָפישע ביכער און מיט קליינע שונד־בראָשורן

וועגן די געהיימנישן פון טערקישן הויף. מען פארפלייצט די ישיבות מיט ערנסטער און מיט גיפט־ליטעראטור, און מען רייצט אָן דעם יצר־הרע אויף די ישיבה־בחורים.

און דאָך, יעדעס מאָל, ווען איך קום קיין ווארשע און קיין לאָדזש, קיין לעמבערג און קיין קראָקע, קיין קוטנע און קיין וולאָצלאוועק, טרעף איך נאָך אלץ די לאנגע קאפּאָטע באהערשן דאָס בילד; די אָרטאָדאָקסיע, די פרומע יידן, הערשן אין די קהילות; די צדיקים געוועלטיקן איבער די מוחות און נשמות און ווערן נאָכגעיאָגט פון טויזנטער און צען־טויזנטער מענטשן, נאָכגעיאָגט ביז איינשטעלן דאָס לעבן. איך טרעף נאָך אלץ אכט און ניין יאָריקע קינדערלעך מיט פּאות ביזן ווייטן האלדז און יונגע ווייבלעך מיט שייטלעך איבער די אויגן. איך טרעף נאָך אלץ די בתי־מדרשים, מנינים און שטיבלעך פול געפּאקט. און דער חסידישער טאנץ און דער ברען־געזאנג אין די חסידישע שטיבלעך צו שלש־סעודות הילכן אריבער, שרייען אריבער די געזאנגען און אויסגעשרייען פון אלע נאציאָנאלע און סאָציאליסטישע גרופּעס און קרייזלעך.

געוויס, געוויס — דאָס ראנגלען זיך וועט נישט העלפן. דער מלאך־המות פון אסימילאציע טוט זיין ארבעט פלייסיק און גרינטלעך, באזונדערס דער מלאך־המות פון דער שפּראך־אסימילאציע. דאָס בילד ענדערט זיך, און דער וואָרעם טאָטשעט און טאָטשעט און פרעסט זיך איין אויך אין קערפּער פון די פּוילישע יידן. אָבער דערווייל זענען נאָך די פרומע יידן די מערהייט. די פּוילישע יידן זענען די איינציקע אין דער וועלט, וואָס האָבן א יוגנט א רעליגיעזע, א פרומע; א יוגנט וואָס איז שוין באוווּסטזיניק געטריי די אלטע פירונגען און שיצט און כאָוועט די דאָזיקע איינגעוואָרצלטע פירונגען מיט מיטלען, מיט די זיידע־מיטלען און אויך מיט די נייעסטע און מאָדערנסטע מיטלען.

און אָט ביי די דאָזיקע פרומע, גאָטס־פּאָרכטיקע, גאָטס־ציטערנדיקע פּוילישע יידן זענען גראָד אין חודש אלול געוועזן אזויפיל און אזעלכע שוידערלעכע זעלבסטמאָרדן, אז מען קען נישט שווייגן. מען קען נישט און מען טאָר נישט שווייגן, ווען מען ווייסט אפילו, אז מען קען דאָ נישט העלפן. מען מוז נישט מיד ווערן צו שרייען און שרייען, אז חוץ דלות און אָרימקייט, חוץ הונגער און נויט, וועלכע טרייבן געוויס און קענען

טרייבן נאָך ווייטער, ווי אויף יענער וועלט, זענען די פּוילישע יידן גייסטיק קראַנק. זיי זענען קראַנק פון פאַרצווייפלונג, פון האָפענונגסלאָזיקייט, פון אויסזיכטסלאָזיקייט. זיי זענען קראַנק פון הילפלאָזיקייט, פון פאַרלוירנ־קייט, פון הפקרקייט. אין צענדליקער פאַלן וואָלט מען געקענט מיט א קליי־נער סומע, מיט א ברידערלעכער האַנט אפשר ראַטעווען פון טויט, אפשר אומקערן דעם אפּעטיט און חשק צום לעבן.

„כ׳בין מוחל אזא לעבן! לאָזט מיך שטאַרבן!״ — אָט אזוי האָט געשריען א יונג יידיש מיידל, וואָס האָט אויסגעטרונקען א פלעשל קאַר־באָליק עסיק און וועלכע דער דאָקטאָר האָט געוואָלט ראַטעווען.

„כ׳בין מוחל אזא לעבן!״ — שרייט אַרויס פון יעדן יידישן זעלבסט־מערדער. און עס פילט זיך, אז די מענטשן האָבן שוין פּשוט מער נישט קיין פיזישע און נישט קיין גייסטיקע כוחות צו קעמפן פאַרן טרוקענעם שטיקל ברויט, פאַר א דאַך איבערן קאָפּ. זיי קענען מער נישט איבערטראָגן דעם צער פון די הונגעריקע, אומשולדיקע קינדער. שטאַרבן, אויסגיין, נישט ווערן איז דער גרעסטער גליק. די בעסטע אויסלייזונג, דער איינציקער אויסוועג.

אָט איז א כאַראַקטעריסטישע טראַגעדיע פאַר וואַרשע, וואָס האָט געקאָסט א לעבן פון גאָר א יונגן מענטשן, פון א מענטשן וואָס האָט נאָך ממש נישט פאַרזוכט פון לעבנס־בעכער. אין וואַרשע אויף שליסקע גאַס, נומער 48, האָבן געוואוינט יוסף וואַסערשטיין מיט זיין פרוי פעסל, מיט וועלכער ער האָט ערשט מיט 20 מאָנאַטן צוריק חתונה געהאַט און וועלכע איז סך־הכל אַלט געווען 21 יאָר.ביידע האָבן געהאַנדלט אין מאַרק. האָט גאָט צוגעשיקט וואַסערשטיינען א גרויסע מציאה — ער האָט געקויפט ביליק טאָמאַטן און געהאָפּט צו פאַרדינען אי אויף שבת, אי אויף ראש השנה, וואָס קומט באַלד נאָך שבת.

אָבער א מענטש טראַכט און פּאָליציי לאַכט. ווי וואַסערשטיין האָט זיך נאָר באַוויזן אין גאַס מיטן קאָשיק, אזוי איז ער גלייך אריינגעפאַלן אין די הענט פון א פּאָליציסט, וואָס האָט אים אוועקגעפירט אין חד־גדיא. גאַסן־האַנדל איז פאַרבאָטן, און טויזנטער יידן לויפן אַרום אומלעגאַל מיט זייערע קאָשיקעס, לויפן, באַהאַלטן זיך, פאַלן אריין, קויפן זיך אויס און קויפן זיך אָפּ און יאָגן זיך ווידער מיט די קאָשיקעס איבער די גאַסן און

איבער די הויפן און האנדלען און וואנדלען און ברענגען אין אוונט עפעס אהיים. נישט מער זאל היטלער האבן און נישט זאטער זאל געבלם זיין, אבער מען לעבט! וואסערשטיין האט אבער אנגעטראפן אויף א שלעכטן פאליציסט און איז טאקע פארבליבן אין געפענגעניש גאנצע צוויי טעג — פרייטיק און שבת.

איז דאס נישט אזא אומגליק! און דאס יונגע ווייבל האט שוין גע־ווּסט, ווו מען דארף זוכן דעם פארפאלענעם מאן און איז געווען גרייט אליין אפילו אויך אפקומען די שטראף. א מענטשן קומט גאר נישט אפ פון זיצן א פאר טעג אונטערן שלאס. אבער טאמאטן זענען איידעלער פון מענטשן און פארטראגן נישט די שטיקנדיקע און שטינקנדיקע לופט פון ווארשעווער געפענגענישן, און טאמאטן פוילן, אזא טבע האבן זיי. און זונטיק, ווען וואסערשטיין איז ארויס פריי, האט ער שוין געבראכט אהיים פוילע טאמאטן, און דאס איז געווען דער גאנצער קאפיטאל זייערער, די איינציקע האפענונג אויף מאכן יום־טוב! דעם קאפיטאל האט מען באקור־מען, ווייל מען האט פארזעצט דעם איין־און־איינציקן מאנטל פון דער פרוי.

די נערוון פון דער פרוי האבן נישט אויסגעהאלטן. זי האט צעריסן די קליידער אויף זיך און געריסן ווארפן פון פענסטער פון דריטן שטאק. דער מאן האט זי פארהאלטן, בארואיקט. שכנים האבן געבראכט פינף זלאטעס, געשאפן א גרונט קאפיטאל אויף טרייבן ווייטער די געשעפטן, אבער דער גורל פון דער פרוי איז שוין געווען א באשטימטער: זי האט פאר די פינף זלאטעס שוין געקויפט נישט קיין איידעלע טאמאטן, וואס פוילן אזוי גיך, נאר א גרויסע פארציע קארבאל. און אויסגעטרונקען די קארבאל האט זי אזוי גרינטלעך און שנעל, אז קיין שום רפואות און קיינע געשרייען האבן זי שוין נישט אויפגעוועקט. און די שכנים זאגן, אז דער מאן איז זי מקנא — שוין איבערגעקומען! אויסגעלייזט!

אויף גענשע 45 אין ווארשע האט געוווינט דער הענדלער יצחק בער־לינערבלוי, ער איז אלט געווען 43 יאר. ער האט געהאט א פרוי און א זון פון 10 יאר. ער האט געהאנדלט מיט לייוונט און איז געווען באקאנט אלס ארנטלעכער, אנשטענדיקער און רואיקער מענטש. פיר טעג פאר ראש־השנה גייט בערלינערבלוי אוועק פון שטוב, גייט צוויי הייזער ווייטער, גייט ארויף אויפן דריטן שטאק און ווארפט זיך אראפ אזוי געלונגען, אז דער

גאַנצער קאָפּ צעשיט זיך און ער איז טויט אויפן אָרט. די אורזאַך? נאָר בויט! נאָר מורא פאַרן מאָרגנדיקן טאָג! נאָר גייסטיקע פאַרלאָרנקייט און האָפענונגסלאָזיקייט.

דעם איינענעם טאָג האָט זיך אויף קעמפּנע גאַס נומער 6 אַראָפּגעוואָרפן פון פערטן שטאָק דער גאַסן־הענדלער מענדל גוטשטאַט, ער איז אַלט געווען 50 יאָר. ער איז געשטאָרבן אין שפּיטאָל.

דעם זעלבן טאָג האָט אויף מוראַנאָוו 19, אין וואַרשע, זיך אַראָפּגעוואָרפן פון פערטן שטאָק דער 20יאָריקער יחיאל סקאָראָכוד. דער זעלבסטמערדער איז געווען א מאַפּעצירער. ער האָט געהונגערט יאָרנלאַנג שטיל און אָן טענות צו דער וועלט, און נאָר ביים שטאַרבן האָט ער געגעבן א שטאַרקן קלאַפּ אין די שטיינער פון הויף, א קלאַפּ, וואָס האָט פיר אַזוינער פאַרטאָג אויפגעוועקט די שכנים און זיי דערקלערט: „איך בין אייך מוחל אַזאַ לעבן! איך בין אייך מוחל אַזאַ לעבן!"

און שפּעטער מיט א טאָג איז אַריינגעשפּרונגען אין טייך ווייסל בן ציון מושינסקי און דערטרונקען געוואָרן. ער איז געווען אַן אינטעליגענט. ער האָט פאַרקויפט זשורנאַלן און געזוכט אַבאָנענטן. די לעצטע צייט האָט ער שטאַרק, אָבער שטיל געהונגערט. זיינע באַקאַנטע מיינען, אַז ער איז שוין לאַנג געווען א יענער־וועלטיקער, אַז ער האָט זיך שוין פון לאַנג געפילט פאַר אַן איבעריקן אויף דער וועלט.

איבעריקע — אַזעלכע זענען פאַראַן נישט טויזנטער, נישט צענדליקער טויזנטער, נאָר אפשר הונדערטער טויזנטער. דאָס איז אפשר די גרעסטע קללה, די שרעקלעכסטע פלוך — איבעריקע! איבעריקע! דערביי זענען פאַראַן א סך מינים און א סך שטופן, מדרגות, אייניקע פילן זיך איבעריק נאָר אין פוילן און גלויבן, אַז ערגעץ אַנדערשוווּ קענען זיי נאָך לעבן און צונויץ קומען. אַנדערע אָבער גלויבן, אַז זיי זענען בכלל איבעריקע אויף דער וועלט. די מוטיקסטע פון די איבעריקע ציען די שלוסן. די שוואַכע און געבראָכענע שלעפּן זיך אַרום אויף דער וועלט. אָבער וואָס קענען שוין איבעריקע אויפטון? וואָס קענען שוין איבעריקע אויסקעמפן?

מיט וואַרשע קאָנקורירט לאָדזש. אַקוראַט א וואָך פאַר ראש־השנה האָט דער 52יאָריקער קצב קוכטשיק זיך אויפגעהאַנגען ביי זיך אין יאַטקע אויף א האָק, אויף וועלכן ער פלעגט שטענדיק הענגען פלייש. ער איז געווען

אמאָל א באַלעבאָס. ער האָט געלאָזט א פרוי מיט עטלעכע קינדער. די געשעפטן זענען געגאַנגען שלעכט.

ער האָט אין דער היים קיין וואָרט נישט געזאָגט, איז אוועק אין יאטקע גאַנץ פרי, זיך פארשלאָסן פון אינעווייניק און זיך געזעגנט מיט דער וועלט. די שטוב מענטשן האָבן עפּעס דערפילט אן אומרו, א שרעק, א רוף צו דער יאטקע — און זיי זענען אלע געלאָפן און שוין געטראָפן א טויטן מאן און פאָטער, וואָס איז געהאנגען אויף דעם אייגענעם האָק, אויף וועלכן דער זעלבסטמערדער האָט דרייסיק יאָר געהאנגען געקוילעטע אָקסן, און אין דער אמתן — מיט וואָס איז דער מענטש חשובער פון אן אָקס? בפרט נאָך אן איבעריקער מענטש?

און דעם זעלבן טאָג האָט זיך געהאנגען אין לאָדזש דער 23יאָריקער הערש מארגאָליס, א זון פון באַלעבאטישע עלטערן. ער האָט זיך געהאנגען איבער 50 זלאָטעס, און געלאָזט א צעטעלע, אז קיינער איז נישט שולדיק אין זיין טויט. קיינער? יאָ, איבעריקע באשולדיקן נישט קיינעם, זיי גייען אוועק און ראמען אָפּ דעם וועג. זיי גייען אוועק אָן צאָרן און אָן פּראָטעסט, אויב מען זאָל נישט רעכענען דאָס אוועקגיין אליין פאר א פּראָטעסט.

XIII

די חבלי־לדה פון יידישן ארבעטער־קלאס

די חבלי־לדה פון יידישן ארבעטער זענען געווען און זענען געבליבן ביז איצט א סך שווערער, ווי די זעלבע ביי די ארומיקע פעלקער. אויב ארבעט בכלל איז געווען הונדערטער יאָרן א קללה און א חרפּה אין א יידישער פאמיליע, איז אָפּהענגיקע ארבעט, ארבעט ביי יענעם, ביי א באלעבאָס, געווען א טאָפּלטע קללה און א טאָפּלטע חרפּה. נאָך איצט איז זיין ביי יענעם אן אומגליק, א טראגעדיע פאר א יידישן בחור אָדער פאר א יידיש מיידל. מען איז אָפט גרייט מער צו ארבעטן און ווייניקער פארדינען, אבי זיין אין דער היים, ביי זיך, אליין א באלעבאָס פאר זיך און איבער זיך.

דער געוועזענער פויער, וואָס קומט אין שטאָט און קלאפּט אָן אין טיר פון פאבריק, קומט מיט א קאָפּ, וואָס האָט געטראָגן הונדערטער יאָרן דעם יאָך פון פריץ, פון האר; ער קומט מיט א געזונטן גוף, וואָס איז פארהארטעוועט אין שווערער ארבעט, און מיט א נשמה, וואָס האָט הונדערטער יאָרן איינגעזאפּט אין זיך אונטערטעניקייט און אונטערגעוואָרפנקייט. האָבן א באלעבאָס איבער זיך, א האר, וועמענס ווילן מען מוז אויספילן, איז ביי אים גאָר א געוועלנלעכע זאך. דער ייד אָבער, וואָס קומט פון שטעטל פון א באלעבאטיש הויז, פון א שטוב פון א קרעמערל אָדער מעקלערל, פון א שטוב פון א חזן אָדער שמש, פון א שדכן אָדער סתם לופט־מענטשן, און ווען אפילו פון א שטוב פון א זעלבשטענדיקן בעל־מלאכה — אָט דער דאָזיקער ייד ברענגט אין שטאָט אריין נישט נאָר א גוף, א שוואכערן, נאָר אויך א ווייניקער צוגעפּאסטע נשמה פאר אָפּהענגיקער ארבעט; א נשמה, וואָס לאָזט זיך ווייניקער אריינפּאסן אין דער מעכאניזירטער און דיסציפּלינירטער פאבריק־ארבעט. און אויב אין א לאנד קומט אויף איינצייטיק א פאבריק־פּראָדוקציע און א היים־אינדוסטרי און עס שטייען גרייט

צוויי ארבעט־זוכנדיקע מאסן, א דאָרפיש־פויערשע און א קליינשטעטלדיק־קרעמערישע, וועט די לעצטע געווים אויסקלייבן דעם וועג צו דער היים־אינדוסטרי, וואָס לאָזט כאָטש א שאָטן פון זעלבשטענדיקייט, וואָס לאָזט א סך מער האָפענונגען אויף ארויפארבעטן זיך, ארויפדראפּן זיך אויף דעם באַלעבאָס־שטאפּל.

פיזיש און פּסיכיש זענען די צוויי ארבעט־זוכנדיקע מאסן געווען אזוי פארשידן, אז זייערע וועגן האָבן ביי דער קלענסטער מעגלעכקייט זיך גע־מוזט פונאנדערגיין. גיט מען נאָך צו צו דער דאָזיקער פיזישער און פּסי־כישער דיסטאַנץ צווישן די צוויי ארבעט־זוכנדיקע גרופּן דעם קולטורעלן מהלך, וואָס האָט זיי געהאלטן ווייט איינעם פונעם אנדערן און די שפּראַכ־לעכע פארשידנקייט, וואָס האָט זיי צעטיילט, און מיר באקומען צוויי לגמרי פרעמדע וועלטן, וועלכע דער סאָציאַלער גורל האָט, אמת, שפּעטער גע־טריבן צו צוזאמענגיין, וועלכע אָבער אין זייער אָנהייב־קאמף פאר אַן ארבעט־פּלאַץ אין דער אויפקומענדיקער אינדוסטרי האָבן געמוזט פילן מער דאָס, וואָס זיי צעשיידט און צעטיילט, ווי דאָס, וואָס זיי פאר־אייניקט און צוזאמענבינדט.

פארן פאבריקאנט, פארן יידישן און אוודאי שוין פארן קריסטלעכן, איז די דאָרפישע נישט־יידישע פּויערים־מאסע מיט איר געזונטן גוף און פּרימיטיווער פּסיכיק, מיט אירע נישטיקע באדערפענישן און נאָך נישטיקערע השגות, געווען א סך ביליקער און באקוועמער ווי די קליינשטעטלדיקע קליינ־בירגערלעכע יידישע מאסע מיט איר שוואכן גוף און צערייצטע נערוון; מיט איר העכערן לעבנס־ניוואָ און אנטוויקלטן מוח; מיט איר צו גרויסן איינ־טערעס צום מעכאניזם פון דער אונטערנעמונג און גרינגן תופס זיין די באוועג־פּרוזשינעס פונעם דאָזיקן מעכאניזם; מיט איר נשמה־דירעוודי־קייט און פּסיכישער אקטיווקייט; מיט איר שטרעבן, ווי אמגיכסטן זיך באַ־פרייען פון ארבעטער־יאָך און אריבערכאפּן זיך אין באַלעבאטים־לאגער; מיט איר גוואלדיקן דראנג צו ווערן זעלבסטשטענדיק, אָרגאניזירן, שאפן, דרייען, טון און אויפטון.

און אויב די פּאופּעריזירטע פּויערים זענען אין גרויסע מאסן אריינ־געגאנגען אין די ברייטע פאבריק־טויערן פון דער גרויס־אינדוסטרי, האָבן זיך די פּאופּעריזירטע קליינשטעטלדיקע יידישע מאסן אריינגעריסן, פון

איין זייט, אין די קאנטארן און ביוראען פון די גרויסע יידישע פאבריקן, וווּ זיי האבן געפונען בעסערע ארבעט־באדינגונגען און גרעסערע אויפשטייג־מעגלעכקייטן, ווי אין דער פאבריק גופא, און פון דער צווייטער זייט, האבן זיי זיך געווארפן אין נאך גרעסערע מאסן אויפן וואקסנדיקן האנטווערק און אויף דער קרובהשער צום האנטווערק היים־אינדוסטריע.
אין די לעצטע צוויי אינדוסטרי־צווייגן האבן זיי געהאט אין די גרויסע שטעט גוטע פארבינדונגען און טראדיציעס; דא האבן זיי נישט געטראפן אין אזא פארנעם, ווי אין דער פאבריק־אינדוסטרי, דעם פיזיש שטארקערן און קולטורעל אפגעשטאנענערן פויערישן קאנקורענט. אינעם האנטווערק און אפילו אין דער היים־אינדוסטרי איז אין דער ערשטער תקופה פון אויפבלי פון דער אינדוסטרי אין פוילן דער פארדינסט געווען העכער, ווי אין דער פאבריק; די ארבעט־באדינגונגען זענען דא נישט געווען אזוי אבסאלוט קעגן דער גאנצער מיטגעבראכטער נישט־דיסציפלינירטער און גישט־קאלעקטיוויזירטער קליינבירגערלעכער פסיכאלאגיע; און ענדלעך, די אויסזיכטן אויף ארויסרייסן זיך פונעם ארבעטער־יאך, ארויסשפרינגען פונעם ארבעטער־שפאן און אריבערשפרינגען אין באלעבאטים־לאגער זענען דא געווען א סך ברייטער.

די שמאלע טויערן פונעם האנטווערק און פון דער היים־אינדוסטרי האבן אבער נישט געקענט איינשלינגען אלע באופעריזירטע, צו ארבעט געצוווּנגענע קליינבירגערלעכע יידישע מאסן. פון דער צווייטער זייט, האט דער ארבעטער־קאמף געבראכט צו א באדייטנדיקער פארבעסערונג פון די ארבעט־באדינגונגען, וואס זענען אין דער גרויס־אינדוסטרי אין א סך א גרעסערער מאס פארווירקלעכט געווארן און האבן געהאט אונטער זיך א פעסטערע באזע, ווי אין די אינדוסטרי־צווייגן, וואס האבן באקומען דעם נאמען „יידישע" און וואס זייער כאראקטעריסטישער שטריך איז געווארן די שוויץ־סיסטעם. די יידישע האנטווערקער־מאסן האבן זיך דעמאלט גענומען רייסן אין די ברייטע טויערן פון דער גרויס־אינדוסטרי. זיי האבן אבער געטראפן די פאבריקן באזעצט און באזעצט פון א נאציאנאל־איינהייטלעכער ארבעטער־מאסע, אין וועלכער ס'איז שווער געווען זיך אריינצורייסן. ס'איז אויך שווער געווען דעם איינצלנעם יידישן ארבעטער, א פרעמדן, אן אנדערן, מיט אן אנדער שפראך, מיט אנדערע לעבנס־גע־

וווינהייטן, מיט אנדערע מאנירן און דרכים, זיך איינלעבן אין דער דאָ־זיקער פון איין נאציע־שטיק אויסגעגאָסענער מאסע. חוץ דעם האָט די דאָזיקע באַזעצטע נישט־יידישע ארבעטער־מאסע געהאט א שטענדיקן צו־שטראָם, א שטענדיקן דראנג פון קרובהשע, דאָרפישע מאסן אויף די צו־געקומענע נייע ערטער, פון מאסן, וואָס זענען איר געווען נאָענטער און טייערער, ווי די פרעמדע יידישע מאסע. דאָרטן, ווו די יידישע ארבעטער־מאסע, ווי אין ביאַליסטאָק, איז געקומען צו דער רעכטער צייט, איידער די מעכאניזירטע טעקסטיל־אינדוסטרי איז געוואָרן באַזעצט פון איין נאַ־ציאָנאַלער ארבעטער־גרופּע, און ווו דער דראנג פון די יידישע ארבעטער־מאסן אין דער מעכאניזירטער גרויס־אינדוסטרי איז געווען אָרגאניזירט און אָנגעפירט פון א מאסן־אָרגאניזאציע — דאָרטן איז טאקע דער דער־פאָלג געווען און געבליבן עד היום א באַדייטנדיקער: אין ביאַליסטאָק מאכן אויס די יידישע מעכאנישע וועבער העכער א העלפט פון אַלע מעכאנישע וועבער. ליידער, האָבן די יידישע ארבעטער־אָרגאניזאציעס זיך אַזעלכע צילן דעמאָלט נאָך נישט געשטעלט. דער עיקר חסרון אָבער איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס אויך דער סטיכישער דראנג פון די יידישע מאסן אין דער פאבריק אריין האָט א סך פארלוירן אין זיין אינטענסיווקייט און אין זיין עקשנות אדאנק די ברייטע עמיגראציע־מעגלעכקייטן. אין משך פון ערשטן פערטל פון לויפנדיקן יאָרהונדערט האָבן פון מזרח־אייראָפּע אָפּגעוואַנ־דערט קיין אמעריקע מער פון א מיליאָן יידישע ארבעטנדיקע עלעמענטן. אמעריקע האָט אויף א שטיק צייט באַפרייט די יידישע מאסן פון דער היסטאָרישער נויטווענדיקייט נישט נאָר איבערגיין צו ארבעט־פרנסות אין די אַלטע היימען, נאָר אויך זיך צופּאסן צו די ארבעט־באַדינגונגען פון דער ארבעטער־מערהייט און זיך מאכן קאָנקורענץ־פעאיק אויפן ארבעט־מארק. אָבער די מאטעריעלע און סאָציאַלע עליה, וואָס אמעריקע האָט אין משך פון א האלבן יאָרהונדערט געגעבן מיליאָנען יידן פון מזרח־אייראָפּע, האָט זיך פארענדיקט — און מיר לעבן אין אן עפּאָכע, ווען די ברייטע יידישע מאסן זענען געצוווּנגען זיך צוצופּאסן צו די שווערסטע ארבעט־באַדינגונגען פונעם אָרטיקן ארבעט־מארק. די יידישע מאסן וועלן מוזן מאכן דעם צווייטן גרויסן אָנשטרענג און ווערן גלייך צו דער ארומיקער באַפעלקערונג נישט נאָר אין פּרט פון ארבעטן בכלל, נאָר אויך אין פּרט

פון ארבעטן אויף די זעלביקע באדינגונגען און מיט דער זעלביקער דיס־ציפּלין און אונטערגעאָרדנטקייט, ווי די ארומיקע מערהייט ארבעטער־מאסע.

אָט שטייט פאר מיר א וועבער פון 64 יאָר. ער ארבעט ביי טרילינגען אויף דער פאבריק — א גאנצער עטאזש מיט העכער 50 שטולן איז פאר־נומען אויסשליסלעך מיט יידישע ארבעטער און ארבעטערינס. דער צוויי־טער עטאזש איז פארנומען אויסשליסלעך מיט קריסטלעכע ארבעטער און ארבעטערינס. יעדער עטאזש איז פארפעסטיקט ביי א „נאציאָנאלער" גרופּע — ווערט פריי א שטול אויפן „יידישן" עטאזש, פארנעמט דעם פּלאץ א יידישער וועבער און דאָס אייגענע אויפן „נישט־יידישן" עטאזש. דער 64יאָריקער וועבער־זקן מיט א פּאטריארכאליש־שיינער באָרד, מיט א הדרת־פּנים גאָרנישט פון קיין ארבעטער, שטייט ביי א וועב־שטול שוין 49 יאָר. ער וועבט און וועבט און בלייבט א קבצן. זיינע עלטערן האָבן געהאט א טאבאק־פּאבריקל. ער האָט געארבעט אין פאבריקל פון 13 ביז 15 יאָר. ביז 13 יאָר געלערנט אין חדר און נאָך איצט האקט דער אלטער אריין א פּסוק און א מימרא, אז מען פילט, אז ער האָט דעם גאנצן לעבן זיך נישט אָפּגעריסן פון א יידישן ספר. צו 15 יאָר איז ער געוואָרן א וועבער און האָט גלייך גענומען פארדינען 6 רובל א וואָך. דעמאָלט איז געווען א צייט, ווען ביאליסטאָק האָט געזוכט וועבער, די אינדוסטרי האָט געהאלטן אין איין וואקסן. פון די ארומיקע שטעטלעך זענען געלאָפן בחו־רימלעך, קינדער פון פיינע משפּחות, פון באלעבאטישע הייזער, פון קרע־מער, פון סוחרים אין אויך פון כלי־קודש און פלעגן זיך לערנען וועבעריי. איינצלנע האָבן זיך ארויפגעארבעט און געוואָרן פאבריקאנטן; הונדערטער זענען געבליבן ארבעטער. ס'האָט געצויגן די יוגנט אין שטאָט אריין, אין די פאבריקן — פּטור פון בייזן טאטן, פון שטרענגן מלמד און דערצו פארדינט מען אליין געלט און מען לעבט א זעלבסטשטענדיק לעבן. נאָך איצט צינדט זיך אָן א פייערל אין די אויגן פונעם זקן, ווען ער דערציילט, ווי צו דרייצן יאָר האָט ער שוין פארלאָזט דעם חדר מיטן בייזן רבין און מיטן רימענדיקן קאנטשיק און צו 15 יאָר פריי געוואָרן אויך פון טאטע־מאמע און אָנגעהויבן לעבן א פריי לעבן. מען פילט אין זיין דערציילן, ווי ענג, ביז דערשטיקט צו ווערן, ס'איז געווען אין דער אלטער יידישער פאמיליע, אינעם אלטן חדר. מיט א באזונדערער גאווה און שטאָלץ דער־

ציילט דער אלטער וועבער, ווי אין יאָר 1906, ווען זיין באַלעבאָס האָט ארויסגעוואָרפן די האַנט־שטולן און מיט זיי צוזאַמען געוואָלט אויך ארויס־וואַרפן די יידישע ארבעטער, האָבן די לעצטע זיך פאַרבאַריקאַדירט אין פאַבריק און געזאָגט: „נאָר איבער אונדזערע טויטע קערפּערס וועלן די קריסטלעכע ארבעטער צוקומען צו די מעכאַנישע שטולן". „מער ווי 25 יאָר בין איך געשטאַנען אויף מיין פּלאַץ ביים האַנטשטול, די בעסטע יאָרן אוועקגעגעבן, און איצט גאָר וויל מען מיך ארויסוואַרפן! ניין, בלוט האָט זיך געגאָסן און מיר האָבן אויסגעפירט".

דער אַלטיטשקער האָט זעקס קינדער, אַלע ארבעטן. ווער ס'איז גע־וואָרן א סטאָלער, ווער א וועבער און צוויי מיידלעך זענען נייטאָרקעס. נאָר איין זון, וואָס איז צוריק מיט אכט יאָר אוועק קיין מעקסיקע, האָט זיך גענומען צו פּעדלעריי, אָבער דער אלטער גלויבט, אז וויבאַלד ער וועט א ביסל זיך באַקענען מיטן לאַנד, וועט ער זיך נעמען פאַר זיין פאַך — סטאָלעריי און וועט נישט בלייבן ביי דער מיאוסער פּעדלער־פּרנסה. רע־דנדיק מיטן דאָזיקן פּאַטריאַרכאַלישן וועבער, פילט מען, אז אָט דאָ ווערט געשאַפן יידישע ארבעט־טראַדיציע; אָט דאָ ווערט ארבעט איינגעוואָרצלט און טייער; אָט דאָ ווערט איבערגעריסן די יחוס־קייט פונעם האַנדלען און וואַנדלען און פון „תורה איז די בעסטע סחורה".

אָט זענען מיר אין שטוב ביי א לווינקעטניק. ער זיצט ביים טיש און לייענט סענקעוויטשן אין יידיש. ער זיצט אין א קליינעם צימער. אין איין ווינקל — א פּליטע אויף צו קאָכן; אין מיטן צימער א טיש; ארום טיש פיר איינפאַכע לאַנגע בענק. אויף דער וואַנט צוויי בילדער — ד"ר הערצלס און מעדעמס. ביים פענסטער הענגען א פּאָר תפילין. אין צווייטן צימערל שטייען נאָר צוויי בעטן, זיי פאַרפולן דאָס גאַנצע צימערל: צום צווייטן בעט מוז מען קריכן איבערן ערשטן בעט, וואָס שטייט האַרט ביי דער טיר, ריכטיקער ביים לאָך, ווייל קיין טיר איז נישטאָ. דער וועבער איז איצט אַלט 57 יאָר. די עלטערן האָבן געוווינט אין א דאָרף, געהאַלטן א שענק און געהאַנדלט מיט תבואה. ער אַליין האָט אין די יונגע יאָרן געלערנט אין א ישיבה, געקאָנט גאַנץ גוט גמרא, אָבער נאָכדעם, ווי מען האָט דעם פּאָטער רואינירט, צוגענומען ביי אים דעם שענק, איז ער געצוווּנגען געווען זיך נעמען פאַר ארבעט. ער איז געוואָרן א וועבער, ווי א סך יידישע יונ־

געליט. ער האָט זיך ארויפגעארבעט און פאר דער מלחמה האָט ער שוין געהאט 5 אייגענע שטולן און געהאלטן 3 פרעמדע ארבעטער.

די מלחמה האָט אים רואינירט. מען האָט אים גענומען אין דער ארמיי. ער איז אנטלאָפן, געהאט צרות, געליטן גלות און סוף כל סוף זיך ארויסגעדרייט א לעבעדיקער און נאָך א סך וואָגלענישן און מאטערנישן זיך דערשלאָגן צוריק קיין ביאליסטאָק, צו דער פאמיליע. ער האָט געמוזט אָנהייבן פון דאָס ניי. ער האָט זיך אויסגעלערנט מעכאנישע וועבעריי, אָבער פונעם דלות איז שווער פּטור צו ווערן, ער האלט פעסט אין קלעם. ער האָט געהאט ארבעט:

אין יאָר	1925	— — — — —	3½ חדשים
" "	1926	— — — — —	4½ "
" "	1927	— — — — —	4 "
" "	1928	— — — — —	5 "
" "	1929	— — — — —	3 "

אָנהייב 1930 איז ער געווען ארבעטסלאָז שוין מער ווי א האלב יאָר, און דערצו ליגט זיין פרוי קראנק און אויף איר קרענק גייען אוועק די לעצטע גראָשנס.

אין שטוב איז נאס און קאלט. אז ער האָט ארבעט אלע 6 טעג אין וואָך, פארדינט ער 42 זלאָטעס א וואָך. אלס ארבעטסלאָזער באקומט ער רעגירונגס־אונטערשטיצונג 12 זלאָטעס א וואָך, אָבער מען האָט אים אראָפּגענומען פון דער ליסטע, ווייל ער האָט קינדער, וואָס פארדינען. ער האָט פיר זין — איינער איז א העברעאישער לערער, א געוועזענער ציוניסט. געווען אין ארץ ישראל עטלעכע יאָר און געקומען צוריק אן אנטוישטער. דער צווייטער זון איז א סטאָלער, א קאָמוניסט. דער דריטער — אן אָנגעשטעלטער אין א געשעפט און דער פערטער לערנט זיך ערשט א מלאכה. די לעצטע צוויי זין זענען בונדיסטן.

אלע קינדער זענען פלייסיקע לייענער פון ביכער און צייטונגען. דאווענען דאוונט נאָר דער פאָטער; די קינדער נישט. אָן כעס און אָן פארדרוס דערציילט דאָס דער פאָטער, און מען באקומט דעם איינדרוק, אז ער אליין איז אויך נישט פרום, נאָר דאוונט פון געוווינהייט. דערפאר לייענט

ער א סך ביכער, שוין דורכגעלייענט נישט נאָר אַלע יידישע שרייבער, נאָר אויך אַלץ פון טאָלסטאָי און זאָלאַ, וואָס ס'איז נאָר דאָ אין יידיש. דער דלות און די איבערגעלעבטע צרות האָבן דעם דאָזיקן אין תוך אינטעליגענטן מענטשן געמאַכט א ביסל פאַרגרעבט; זיין אָפּגעלאָזט אויסזען באַהאַלט זיין אינעווייניקסטע אינטעליגענץ.

און אָט זענען מיר אין א צווייטער וווינונג פון א וועבער. דער איז שוין א וועבער בן וועבער. זיין פאָטער האָט נאָך געאַרבעט ביי וועבעריי; ער איז שוין אויסגעוואַקסן ביים האַנטשטול פון זיין פאָטער. דער זיידע איז געווען א מלמד אין א נאָענט שטעטל, א ייד א למדן געווען, וואָס האָט געקנעלט ביז 75 יאָר און האָט „אויפגעשטעלט א סך תלמידי חכמים". דער אַלטער האָט געוואָלט ביים זון, דעם וועבער, אויסנאַרן דאָס אייניקל און פון אים מאַכן אַזא יידן, אויף וועלכן ער זאָל קאָנען זאָגן: „זה חלקי מכל עמלי". אָבער דאָס האָט זיך אים נישט איינגעגעבן. דאָס אייניקל איז צו 14 יאָר אַנטלאָפן פון דער גמרא צום וועבשטול. ס'איז געווען א צייט, ווען וועבער האָבן גוט פאַרדינט און ס'האָט אים געצויגן אין פאַבריק אריין. ער האָט געאַרבעט אין איין פאַבריק 20 יאָר; דורכגעלעבט אַן אינטענסיוו פּאָליטיש לעבן און ס'טוט אים נישט באַנג, וואָס ער האָט פאַרלאָזט די גמרא. פון דער גמרא איז אים אויך ווייניק געבליבן און א חוץ א יידישער צייטונג לייענט ער גאָרנישט. צוריק מיט פיר יאָר איז די פאַבריק, וווּ ער האָט געאַרבעט 20 יאָר, אריבערגעפירט געוואָרן קיין רומעניע. ער האָט נישט געוואָלט מיטפאָרן און איז צוויי יאָר ארומגעגאַנגען ליידיק. א גליק, וואָס זיין פרוי איז א נייטאָרין און פאַרדינט 15 זלאָטעס א וואָך. אין יאָר 1928 און אין דער ערשטער העלפט 1929 געהאַט אַרבעט און זיך אביסל אָפּגעגעסן צו זאַט, נאָר שוין פיר מיט א האַלבן חודש גייט ער ארום ליידיק.

די צוויי קינדער זענען אין תלמוד תורה. דאָס מוז מען. מען קאָן נישט לאָזן קיין יינגלעך אָן א שול. אין שטוב, אין ווינקל, זיצט דער ווייבס אַלטע מוטער — 70 יאָר אַלט. דאַר, בלייך, א פאַרמעט פּנים, מער טויט ווי לעבעדיק, אויף דריי פערטל שוין אין די הענט פון מלאך־המות. זי קרעכצט, נאָר זי קרעכצט נישט מיט קיין געוועגלעכן קרעכץ, נאָר מיט עפּעס א געדיכטן שווערן בויך־טיפן קרעכץ. איר קרעכצן פאַרשטאַרקט די

מרה שחורה, וואָס הענגט איבער דער שטוב. אויף די ווענט הענגען 3 פּושקעס: פאַר ר׳ מאיר בעל נס, פאַר דער תלמוד תורה און פאַר דער נאָוואָהאָראָדקער ישיבה. דאָס האָט די אַלטע מיט זיך געבראַכט אין שטוב אַריין.

און אַט בין איך אין א שטוב, ווו איך טרעף א טאַטן מיט א זון, ביידע אינטערעסאַנטע טיפּן. ביידע זענען וועבער, ביידע פון ישיבה געקומען און געבליבן עד היום בני־תורה, מענטשן, וואָס לייענען און טראַכטן, וואָס לעבן אן אינטענסיווו גייסטיק לעבן. דער פאָטער האָט ביז 20 יאָר געלערנט אין ישיבה. אָבער פון גמרא האָט מען נישט געקאָנט אָנלייגן קאַרטאָפל אין טעפּל, ווי ער דריקט זיך אויס, און ער איז געוואָרן א וועבער. די וועבעריי האָט זיך תמיד גערעכנט אין ביאַליסטאָק פאַר אן אַריסטאָקראַטישער אַרבעט. דער זון האָט אויך געלערנט אין ישיבה, שוין נאָר ביז 15 יאָר און איז אויך געוואָרן א וועבער. ער איז א גוטער קענער פון דער נייער יידישער ליטעראַטור און דרייט איבער פּרצס ווערטער, אז וואָס גרעסער דער סוחר, אַלץ קלענער דער ייד: „וואָס מער אַרבעט, אַלץ ווייניקער ישיבה". דער זון איז שוין אויך אַלט 39 יאָר און איז שוין 24 יאָר אן אַרבעטער, נישט נאָר א וועבער, נאָר אויך א סטאָלער. ער איז שוין געווען אין ארץ ישראל, און פאַרן פאָרן אהין האָט ער זיך אויסגעלערנט סטאָלעריי, ווייל מיט וועבעריי קאָן מען דאָרטן נישט פאַרדינען.

אויפן וועג פון טרילינגס פאַבריק צו די גאַסן פון דער יידישער אָרימקייט האָב איך זיך אַריינגעכאַפּט אין א וואַרשטאַט פון יידישע לווינקעטניקעס. אין וואַרשטאַט זענען געווען א 20 וועבשטולן, וואָס האָבן געהערט צו 15 מענטשן, ווייל 5 לווינקעטניקעס האָבן געהאַט צו צוויי שטולן און האָבן פאַרדונגען די שטולן צו אַנדערע. מען האָט אָפּגעשטעלט די אַרבעט און מען האָט מיך אַרומגערינגלט. איבערגעבן די רייד פון די מענטשן איז אוממעגלעך: דאָס איז געווען אזא פאַרצווייפלטער יאָמער, אזא האַרצרייסנדיקע קלאָג, אז איך בין אוועק פון דאָרטן שרעקלעך א צעבראָכענער. אַט רעדט א בחור׳ל פון 18 יאָר: קיין אויגן זעט מען כמעט נישט; נידעריק, דאַר, קליין, בכלל עפּעס גאָר קיין קערפּער נישט; אויפן קאָפּ שיטערע, רויטע האָר; ער אַרבעט אויף א געדונגענעם שטול, פאַרדינט 25 זלאָטעס א וואָך; 10 זלאָטעס באַצאָלט ער דעם באַלעבאָס פון שטול און 15 בלייבט

אים צום לעבן; ארבעט 16 און 17 שעה אין מעת לעת און איז גליקלעך, אז ס'איז כּמעט פאַראַן ארבעט; אָבער ארבעט איז דאָ העכסטנס א האלב יאָר — און דאָס צווייטע האלב יאָר? אויף דער דאָזיקער קשיא איז קיין ענטפער נישט געווען.

אָט שטייט א הויכער ייד, 38 יאָר אלט, אָבער האָט שוין א סך גרויע האָר; א פּנים פון אן ענערגיש, פעאיקן מענטשן — ער רעדט אָפּגעהאַקטע ווערטער: מען ליגט אין א גרוב; מען באַגראָבט זיך אליין; מען לויפט איינער פאַרן אנדערן צום פאַבריקאַנט, מען לאָזט אראָפּ פון די פרייזן און מען דערלייגט מיט בלוט — מען ארבעט מער מיט א שעה, מער מיט צוויי שעה און מער מיט דריי שעה; ארבעט איך 15 שעה, ארבעט דער צווייטער 16 שעה אין מעת לעת און קומט דער דריטער און ארבעט 17 שעה אין מעת לעת און לאָזט נאָך ביליקער; אזוי טרייבן מיר זיך אליין אין קבר אריין און קיינער איז נישט שולדיק, ווייל אלע זענען הונגעריק און אלע האָבן קינדער אינדערהיים; איך האָב פינף פּיצעלעך און ער, וואָס ארבעט נעבן מיין שטול, האָט שוין זעקס קינדער, ווי זשע קאָנען מיר טראַכטן וועגן תכלית, וועגן געזונט, וועגן עקספּלואַטאַציע און וועגן אָרגאַניזאַציע און וועגן נאָך אזעלכע גוטע זאכן?

און אָט רעדט א דריטער — אן עלטערער ייד, עטלעכע און זעכציק יאָר, איבער פערציק יאָר געארבעט ביי א האַנטשטול, שוין עטלעכע יאָר ארבעט ער ביי א מעכאַנישן וועבשטול, אן איינזאַמער זקן, דאָס ווייב שוין לאַנג באַגראָבן, די קינדער צעזייט און צעוואָרפן איבער דער גאָרער וועלט: צוויי זין אין רוסלאַנד, וואָס האָבן גאָר פארגעסן אָן אלטן טאַטן, איינער אין ניו־יאָרק דערמאָנט זיך איין מאָל אין א יובל און וואַרפט עפּעס צו, און איינער, דער יינגסטער, אין מעקסיקע, נאָר פון אים זענען דערווייל קיין גוטע בשורות נישטאָ; איז דער אלטער דאָך צופרידן, וואָס אויף דער עלטער איז אים דאָך געבליבן פון עטלעכע און פופציק יאָר האָרעוואַניע אן אייגענער קאַפּיטאַל, אן אייגענער מעכאַנישער וועבשטול, אויף וועלכן צענדליקער זיינס גלייכן זענען אים מקנא, אָבער ארבעט, ארבעט, ווו נעמט מען ארבעט כּמעט 6 חדשים א יאָר?

און אין דער זייט שטיל, נידערגעשלאָגן, אָפּגעשטופּט פון מער באַ־רעדעוודיקן עולם, שטייט א טיפּ, וואָס מאַכט דעם איינדרוק בכלל פון א

מענטשן אָן עלנבויגנס, אָן אפגעשטופּטער פון לעבן, אַן אונטערגעגעבענער דעם גורל אָן פּראָטעסט און אָן פּארדרוס — ער שווייגט, אָבער זיין שווייגן פּאראינטערעסירט און אינטריגירט. איך ווער געוואָר, אַז דאָס איז געווען א ווייל־לערנער, א זיידענער יונגערמאן און פון גאָר א באַלעבאַטישער משפּחה. די מלחמה האָט אים, א יונגערמאן פון עטלעכע און צוואנציק יאָר, געמאכט פאר א נע ונדניק: די עלטערן זענען ערגעץ אין רוסלאנד געבליבן שטעקן אין די ווייטסטע מקומות, וווהין היימלאָזע זענען פאר־שיקט געוואָרן נאָך אָנהייב מלחמה; ברידער און שוועסטער האָט ער ערגעץ, ער האָט אָבער נישט קיין שום פארבינדונגען און קיין שום אדרעסן, און ער ווייסט נישט, ווער ס'איז לעבן געבליבן און ווער ס'איז איינגעשלונגען געוואָרן פון דער מלחמה, פון די פּאָגראָמען, פון דער רעוואָלוציע, פונעם מעראָר, פונעם הונגער, פון די עפּידעמיעס און פון טויזנטער אנדערע מלאכי־חבלה, וואָס האָבן זיך די לעצטע יאָרן געיאָגט נאָכן מענטשן און באזונדערס נאָכן יידן. — ער אליין איז א גראָדנער, בשעת דער מלחמה פרייוויליק געלאָפן קיין רוסלאנד; אין יאָר 1920, בשעת דעם הונגער אין רוסלאנד, האָט ער זיך דורכגעריסן דורכן גרענעץ, געווען נישט איין מאָל אין די נעגל פון מלאך־המות, נאָר מיט נסים זיך ארויסגעריסן און זיך דערשלעפּט ביז ביאַליסטאָק און דאָ זיך אויסגעלערנט וועבעריי און ארבעט אויף א פרעמדן וועבשטול און פארדינט 15 זלאָטעס א וואָך, און לעבט אבסאָלוט איינזאם און שווייגט תמיד.

לאָמיר זיך אביסל פארהאַלטן ביי די שטימונגען פון די יידישע פאַ־בריקאנטן און יידישע ארבעטער — שטימונגען, וואָס זענען גאנץ קלאָר מרמז, אַז די דיסטאנץ צווישן יידישן און נישט־יידישן ארבעטער האַלט אין פארשווינדן. פון איין זייט בייט זיך שטארק דער יידישער ארבעטער — הן אין זיינע מאטעריעלע פאָדערונגען און הן אין זיין פּסיכישער איינ־שטעלונג לאָזט ער זיך אראָפּ צו דער נישט־יידישער מער־הייט; פון דער צווייטער זייט, וואקסן אַלץ מער די שטאָטישע, קולטורעלע עלעמענטן צווישן די נישט־יידישע ארבעטער, וואָס דערהייבן זיך צו די פאָדערונגען און השגות פונעם יידישן ארבעטער.

אויף דער פראַגע, פארוואָס ער נעמט נישט אָן קיין יידישע אָנגע־שטעלטע אין זיינע צוויי צענדליק פיליאלן, וועלכע איז געשטעלט געוואָרן

אַ יידישן באַלעבאָס פון אַן אוניווערסאַל־מאַגאַזין אין דייטשלאַנד, האָט ער ציניש און אָפנהאַרציק, אָבער זייער צוטרעפנדיק געענטפערט בערך אַזוי: געשעפט איז געשעפט! איך דאַרף אָנגעשטעלטע, וואָס ווען זיי קומען אין קראָם, זאָלן זיי נישט נאָר מיט זייערע הענט און פיס זיין ביי דער אַרבעט, נאָר אויך מיטן קאָפּ און מיטן מוח; זיי זאָלן, בשעת זיי זענען אין קראָם, נישט האָבן קיין אַנדערע מחשבות און געדאַנקען — נישט טראַכטן בייטאָג, ווי כאַפּט מען זיך אַרויס אין ביבליאָטעק אַריין בייטן אַ בוך; נישט טראַכטן וועגן שפּראַך אָדער אַנדערע קורסן, וווּהין מען אַנטלויפט באַלד ווי מען ווערט נאָר פריי; נישט אין זינען האָבן קיין פּראָ־פעסיאָנעלע אָדער פּאָליטישע פאַרזאַמלונגען, הכּלל מיר דאַרפן נישט קיין מענטשן, וואָס מיט די פיס זענען זיי אין קראָם און מיטן קאָפּ זענען זיי ערגעץ אַנדערש! און אויך דאַרפן מיר נישט קיין מענטשן, וואָס שטופּן צופיל די נאָז אַהין, וווּהין מען דאַרף נישט — אין די חשבונות און אין די נעמען פון די פירמעס, וואָס שטעלן צו סחורה אָדער וואָס נעמען אָפּ סחורה; וואָס ווילן אומבאַדינגט וויסן אַלע פּרוזשינעס און פּרוזשינקעלעך פון גאַנצן געשעפט; וואָס ווילן נישט איינשטיין ביי דעם טישל, וואָס איז זיי באַשטימט און „מלא כל הארץ כבודם"; דאָס געשעפט דאַרף רואיקע, דיסציפּלינירטע, פּשוטע, נישט צו קלוגע און אוודאי נישט צו איבערגע־שפּיצטע מענטשן. און דער יידישער אָנגעשטעלטער איז גאָר נישט פּשוט, גאָר נישט רואיק און לעבט תמיד מיטן געדאַנק, ווי ווערט מען שוין אַליין אַ באַלעבאָס.

אָט דאָ האָבן מיר די גאַנצע פּראָגראַם, וואָס גיט אַ שליסל צו פאַר־שטיין אַ גאַנץ גרויסן טייל פון די סיבות, וואָס האָבן געמאַכט דעם יידישן לוין־נעמער, אַלץ איינס צי דעם יידישן אַרבעטער אין לאָדזש אָדער דעם יידישן אָנגעשטעלטן אין דייטשלאַנד, פאַר דעם נישט־געווּונטשענעם.

אין קעגנזאַץ צו דער דאָזיקער רעדע פון אַ יידישן אַרבעטגעבער אין דייטשלאַנד לאָמיר לאָזן זיך אויסרעדן אַ לאָדזשער אַרבעטער. אויף אַ פאַרזאַמלונג פון עטלעכע צענדליק יידישע טעקסטיל־אַרבעטער אין לאָדזש האָט אַן עלטערער אַרבעטער, וואָס שטייט ביי אַ וועבשטול שוין באַלד דרייסיק יאָר, אַזוי דערקלערט, ווי דער יידישער אַרבעטער האָט זיך געביטן: אין 1905 אָדער 1906, ווען איך בין אַריין אין פאַבריק, האָב

איך זיך באלד גענומען ארגאניזירן די ארבעטער פאר א שטרייק; וואס האב איך מורא געהאט? מען וועט מיך אפזאגן, וועל איך זיין ביים טאטן אדער איך וועל גאר אוועקפארן קיין אמעריקע. גאר אנדערש איז איצט — דער ייד ארבעט מיט רוחות; פארן איז נישטא וואוהין; זיצן ביים טאטן קען מען נישט היינטיקע יארן; באקומען א שטעלע איז פארן יידן שווערער, ווי פארן נישט־יידן, ציטערט דער ייד איבער זיין פלאץ, היט זיך, נישט צו פארלירן זיין פלאץ א סך מער, ווי דער נישט־ייד, און גיט זיך אונטער, ווערט רואיקער, שטילער, אונטערגעווארפענער. אט בין איך נישט לאנג אנגעקומען אויף א נייער פאבריק ארבעטן, האט מיך דער באלעבאס דעם ערשטן טאג אפגערופן אין א זייט און מיר געזאגט: „איך נעם אייך צו צו דער ארבעט, הגם איר זענט א ייד; זעט זשע אבער...״ ער האט פארשפארט ענדיקן, מיר האבן זיך פארשטאנען, און דער פאבריקאנט איז צופרידן... דער נישט־יידישער ארבעטער האט זיך געביטן, אבער גאר אין אן אנדער זין. ער איז שוין נישט דער דארפישער פויער, וואס איז גרייט צו ארבעטן 12-14 שעה אין מעת־לעת, האט נישט קיין קול־מורעלע באדערפענישן, פאליטיש פאסיוו, פסיכיש אונטערגעווארפן און קנעכטיש. ער האט שוין אפגעלעבט 30 יאר אין שטאט און האט זיך גע־וווינט צו א בעסערער קווארטיר, צו א בעסערן אנצוג, צו א צייטונג, צו א פראפעסיאנעלן פאראיין, צו א קינא, ער האט שוין א קינד אין א פאלקס־שול אדער גאר אין א גימנאזיע; ער האט קינדער אויף מלוכה אדער קא־מונאלע שטעלעס; ער פילט זיך פאר א בירגער פון זיין לאנד און פון זיין שטאט; ער וויל גאר נישט ארבעטן מער ווי אכט שעה, ווען ער ארבעט אפילו פון שטיק. ער האט גאר נישט אזוי מורא פאר בלייבן אן ארבעט, ווייל, ערשטנס, באקומט ער דאך שטיצע פון דער מלוכה און, צווייטנס, האט כמעט יעדע נישט־יידישע ארבעטער־משפחה איין גליד אויף א מלוכה אדער קאמונאלע שטעלע — ביי דער אייזנבאן, ביים טראמוויי, אין די שטאטישע אונטערנעמונגען אא״וו. יעדנפאלס איז ביי ארבעטלא־זיקייט זיין לאגע קיינמאל נישט אזוי טראגיש, ווי פון יידישן ארבעטער, וואס האט קיינעם נישט אויף קיין מלוכהשע אדער קאמונאלע שטעלעס, און דאס לעבן פון דער גאנצער פאמיליע הענגט אינגאנצן אפ נאר פונעם פארדינסט פון פאטער. דער איצטיקער נישט־יידישער ארבעטער האט דע־

ריבער אמאָל מער העזה ווי דער יידישער. דער יידישער אַרבעטער פילט אויף זיך די אחריות פאַרן יידישן אַרבעטער־כלל. אַרבעט איין ייד שלעכט, וועט מען באַלד זאָגן, אַז יידישע אַרבעטער בכלל טויגן נישט, יידישע אַרבעטער זענען פויל. דער יידישער אַרבעטער פילט אויף זיך דאָס אויג פון באַלעבאָס, וואָס עקזאַמענירט אים, פּרוּווט אים, איז אים חושד און איז גרייט יעדע קלייניקייט, וואָס ביים קריסט מערקט מען עס גאָר נישט, צו פאַרגרעסערן און מאַכן דערפון א גאַנצן ווען און עס אַרויפוואַרפן אויפן יידישן אַרבעטער־כלל. דער יידישער אַרבעטער האַלט אוים עקזאַמען אין דער גרויסער פאַבריק און ער שטרענגט אָן אַלע זיינע פּסיכישע און פיזישע כוחות נישט דורכצופאַלן, און דעריבער אַרבעט ער מיט רוחות און מיט אונטערגעוואָרפנקייט. דאָס איז גאָר א באַזונדער צושטאַנד, וואָס קיין שום נישט־יידישער אַרבעטער ווייסט פון דעם נישט.

און אָט איז א רעדע פון א יידישן מיטעלן פאַבריקאַנט אין לאָדזש: מיט יאָרן צוריק איז געווען אַן אינטערעס צוצונעמען קריסטן און נישט קיין יידן. אין די גאָר גרויסע פאַבריקן איז נאָך געבליבן די דאָזיקע טראַדיציע, אָבער אין די קלענערע פאַבריקן נעמט מען א סך גיכער יידישע אַרבעטער. דער קריסטלעכער אַרבעטער איז פויל — ער וויל נישט אַרבעטן קיין איבערשעהן און וועט לויפן צום אינספּעקטאָר אויסזאָגן, אַז מען אַרבעט אין פאַבריק מער פון אכט שעה; ער קוקט אַרויס, ס'זאָלן זיך וואָס גיכער ענדיקן די 20 אַרבעט־וואָכן, וואָס גיבן אים רעכט אויף מלוכה־שטיצע, ווי אַן אַרבעטלאָזן, און איז צופרידן בלייבן אָן אַרבעט און חדשים לאַנג נעמען שטיצע און נישט אַרבעטן. דער ייד איז פלייסיקער, איז גרייט צו אַרבעטן צוועלף שעה אין טאָג, אַבי מער פאַרדינען, אַבי אויסאַרבעטן מער; דער ייד גייט נישט אַזוי גערן נאָך דער אַרבעטלאָזן־שטיצע און באַקומט זי אויך נישט אַזוי גרינג. ציילט ער נישט די אַרבעט־וואָכן און פאָדערט נישט, אַז מען זאָל אים גלייך ביים אָנקומען רעגיסטרירן און צאָלן פאַר אים פאַרזיכערונג. מיטן יידישן אַרבעטער קען מען גיכער דורכקומען איידער מיטן נישט־יידישן, וואָס וועט דיך נאָך דעם מסרן, אַז מען האָט אים נישט רעגיסטרירט. פאַרן נישט־יידישן אַרבעטער זענען אַלע פאַבריק־טויערן אָפן — איז ער נאָך א מיוחס; פאַרן יידישן אַרבעטער זענען כמעט אַלע טויערן פאַרשלאָסן, האַלט ער זיך מיט די ציין דאָרטן, וווּהין ער האָט

זיך אַריינגעכאַפּט. דעם נישט־יידישן אַרבעטער מוז מען צאָלן מזומן געלט, ווען דער יידישער נעמט אויך אַ וועקסל. דער יידישער אַרבעטער איז פּראָ־דוקטיווער, מחמת ער וויל פֿאַרדינען וואָס מער, ער מוז אויסהאַלטן אַ גאַנצע פֿאַמיליע, ווען ביים נישט־יידישן אַרבעטער אַרבעטן אָפּטער די פֿרוי און די קינדער. דער ייד וואָלט שוין איצט אויך געשיקט זיין פֿרוי אויף אַרבעט, איז אָבער שווער די לעצטע יאָרן צו קריגן אַרבעט און די יידישע פֿרוי איז ווייניקער צוגעפּאַסט און ווייניקער געוווינט צו אַרבעט. אָבער אויך אין דעם פּרט האָט זיך אַ סך געענדערט — די יידישע פֿרוי און דאָס יידישע מיידל רייסן זיך צו אַרבעט, און בשעת ס'איז אויפֿגע־קומען די טריקאָטאַזש־אינדוסטרי, האָבן די יידישע מיידלעך, און צווישן זיי גאָר, גאָר אַ סך באַלעבאַטישע, געבילדעטע קינדער, טאַקע פֿאַרכאַפּט דעם גרעסטן אָרט. אין לאָדזש און אין די אַרומיקע שטעטלעך זענען איצט פֿאַראַן ביז 300 וואַרשטאַטן, ווו מען אַרבעט אויס סוועטערס — זענען מער פֿון 90 פּראָצענט אַרבעטער יידישע און אַ סך מער פֿרויען ווי מענער. דער ייד וויל היינט אַרבעטן, אַ וויל ער, עס זאָל נאָר זיין ביי וואָס. אַפֿילו אויף שוואַרץ־אַרבעט גייען היינט יידן גערן און אַרבעטן מיט בלוט און מיט שווייס, אַבי פֿאַרדינען. מען איז געוואָרן אויס מיוחסים; פּשוטע חיי־וקימס און מען איז גרייט צו אַרבעטן אַ שבת, אַ יום־טוב, אַ ביינאַכט, אַ בייטאָג, אַבי פֿאַרדינען. אַ ייד, אַז ער נעמט זיך, איז מיט היץ און מיט ברען און איר וועט זען, אַז זיי וועלן זיך אַריינשטופּן אויך אין די גרויסע פֿאַבריקן. ס'קומט אָן שווער, אָבער די וועלט דרייט זיך. וווּהין פֿאָרן איז נישטאָ, פּאַסט מען זיך צו און מען מוז זיך צופּאַסן. אויס בני־מלכים, אויס באַנק־קוועטשערס, אויס שטעקעלעך־מיוחסים, אויס גמרא־פּריצים — ס'איז אַ נייע וועלט אויפֿגעשטאַנען, און די יידן מוזן אויך זיין נייע, אַנדערע. קומען קיין לאָדזש הונדערטער און טויזנטער יידישע בחורים און מיידלעך פֿון דער פּראָווינץ, פֿון דער גמרא דער בחור און פֿון דער מאַמעס פֿאַרטוך דאָס מיידל — און נאָך דריי חדשים דערקענט מען זיי גישט, אַנדערע מענטשן געוואָרן, מ'האָט זיך אויסגעלערנט קלאַפּן אויף דער מאַשין און אַ נייע נשמה איז געבוירן געוואָרן. דאָס לעבן מייסטרעוועט און וועט שוין עפּעס אויסמייסטרעווען; דערווייל איז ביטער און פֿינסטער — אַלע ווילן אַרבעטן, און אַרבעט איז דאָ ווייניק. קומט אָן

יעדער פלאַץ פאַר א יידן מיט ווערים, אָבער ס׳רוקט זיך און פאַר מיינע אויגן האָט זיך דאָס יידישע לעבן שטאַרק געביטן, פאַרגוויאַישטער געוואָרן, פאַרוואָכעדיקטער געוואָרן, פאַרגרעבטער געוואָרן, אָבער געזונטער און עפּעס לייטישער געוואָרן. און נאָך א סוד וועל איך אייך זאָגן — איך נעם נאָר יידישע אַרבעטער, ווייל איך טראַכט מיר: וואָס דאַרף איך, אַז די אַר־בעטער זאָלן מיך אין צווייען פיינט האָבן, אי אַלס באַלעבאָס, אי אַלס יידן? ס׳איז גענוג פאַר מיר, אַז זיי האָבן מיך פיינט אַלס עקספּלאָטאַטאָר. איך פיל מיך דעריבער עפּעס מיט א יידישן אַרבעטער זיכערער און רואיקער.

ווי ס׳האָט זיך נאָך דעם אַרויסגעשטעלט, איז דער דאָזיקער פאַברי־קאַנט געווען אין די יונגע יאָרן א מיטגליד פון א יידישער סאָציאַליסטי־שער פּאַרטיי און איז גענוג באַקאַנט מיט די ווייטיקדיקע פּראָבלעמען און פראַגן פון יידישן עקאָנאָמישן לעבן בכלל און פון יידישן אַרבעטער־לעבן בפרט. ביים שמועס זענען אָבער געווען נאָך עטלעכע יידישע פאַבריקאַנטן און אויך א פּאָר יידישע אַרבעטער און אַלע האָבן צוגעגעבן, אַז דער רעד־נער האָט ריכטיק כאַראַקטעריזירט די לאַגע און גוט באַלויכטן די פראַגע.

מיר האָבן געלאָזט לעבעדיקע מענטשן אַרויסזאָגן זיך און מיר האָבן איבערגעגעבן כמעט וואָרט אין וואָרט זייערע רייד. וואָס זשע איז געדרונגען פון די דאָזיקע רייד? ראשית, אַז דער העכערער קולטורעלער צושטאַנד פון יידישן אַרבעטער אָדער אָנגעשטעלטן, זיין אַנטוויקלטער פּערזענלעכקייט־געפיל, זיין זעלבסטווירדע־געפיל, דאָס שמערצלעכע באַנעמען פון זיין קלאַסן־לאַגע, דאָס שטאַרקערע שטרעבן אַרויסצורייסן זיך פונעם יאָך פון קלאַסן־אונטערטעניקייט — דאָס אַלץ מאַכט דעם יידן פאַר א ווייניקער געוווּנטשענעם אין פאַבריק אָדער געשעפט. אָבער אויף וויפל דאָס אַרויס־רייסן זיך פון דער לאַגע פון א לוין־נעמער ווערט אַלץ שווערער און אומ־מעגלעכער און די לאַגע פון די יידישע מאַסן ווערט אַלץ טרויעריקער, וואַקסן אַלץ מער ביי יידן עלעמענטן, וואָס זענען גרייט זיך צוצופּאַסן צום קולטור־ און נשמה־צושטאַנד פון דער אַרומיקער באַפעלקערונג־מער־הייט און זיך צופּאַסן צו די אַרבעט־באַדינגונגען און אַרבעט־פאָדערונגען, וואָס הערשן אין דער אַרומיקער וועלט. פון דער צווייטער זייט פירט די אַנטוויקלונג פון די אַרומיקע לוין־נעמער דערצו, אַז די קולטורעלע און

פּסיכישע דיסטאַנץ צווישן יידישן און נישט־יידישן לוין־נעמער זאָל אַלץ מער און מער קלענער ווערן.

ס׳איז קלאָר, אַז אין פּוילן, ווו דער עקאָנאָמישער קריזיס ביי דער יידישער באַפעלקערונג האָט דערגרייכט זיין העכסטע און טראַגישסטע מדרגה, איז פאָרגעקומען א טיפער איבערברוך אין דער פּסיכאָלאָגיע פון די יידישע מאַסן בכלל און אויך פון די יידישע אַרבעטער־מאַסן, און דער דראַנג אין דער גרויס־אינדוסטריע און צו אַרבעט בכלל האָט אָנגענומען אַזאַ סטיכישן כאַראַקטער און אַזעלכע גרויסע מאַסשטאַבן, אַז ער וועט גובר זיין הן די אינעווייניקסטע און הן די דרויסנדיקע מניעות און אָבן־נגפים. די צופּאַסונגס־פעאיקייט פון די יידישע מאַסן וועט אויך דאָ זיך אַנטפּלעקן, באַזונדערס ווען זי ווערט אונטערגעטריבן פון א נויט, וואָס איר גלייכן איז כמעט נישטאָ — און אויף וויפל די אַרומיקע עקאָנאָמישע באַדינגונגען וועלן נאָר דערלויבן, וועלן מסתמא גרעסערע יידישע מאַסן זיך אַריינרייסן אין נייע אינדוסטריע־צווייגן און אין העכערע אינדוסטריע־פאָרמען.

מען קען אָננעמען, אַז דער איבערברוך אין דער פּסיכאָלאָגיע פון יידישן אַרבעטער און דער דראַנג פון די יידישע מאַסן צו אַרבעט האָבן שוין גורם געווען א טיילווייזן איבערברוך אין דער באַציאונג פונעם יידישן אונטערנעמער צו יידישער אַרבעט, און אויב ס׳איז נאָך גאַנץ ווייט פון גלייכבאַרעכטיקונג פון יידישער אַרבעט אין דער יידישער גרויס־אינדוסטריע, זענען מיר דאָך געגנוג ווייט אַוועק פון דעם אַבסאָלוטן באָיקאָט פון יידי־שער אַרבעט, וואָס האָט געהערשט צוריק מיט עטלעכע יאָר.

XIV

דער יחוס פון יידישן פאבריקאנט

נישט נאָר די צוויי ארבעטער־מאסן — די יידישע און די נישט־יידישע — קומען אין פוילן פון צוויי אבסאָלוט פארשידענע סאָציאלע, קולטורעלע און שטייגער־שיכטן, נאָר אויך די אונטערנעמער, די באלעבאטים, קומען מערסטנטיילס פון פארשידענע סאָציאלע און קולטורעלע וועלטן.

אויב אין דייטשלאנד און אין גרויס־רוסלאנד האָבן דער אויפגעקומענער בעל־מלאכה און דער רייכער הענדלער (גרויס־רוסישע „קופּעטשעסטוואָ") געשפּילט אין דער אנטוויקלונג פון דער אינדוסטרי א גאנץ באדייטנדיקע ראָלע, האָבן די דאָזיקע עלעמענטן אין דער פוילישער אינדוסטרי, אויף וויפל עס רעדט זיך וועגן נישט־יידישער אינדוסטרי, געשפּילט א גאָר נישטיקע ראָלע.

דער גוט־באזיצער אָדער דער געוועזענער גוט־באזיצער, דער הויכער מלוכה־באאמטער אָדער זיין זון, דער אינזשעניער, דער יוריסט, כמעט אויסשליסלעך קינדער פון די העכערע קלאסן — אָט פון די דאָזיקע עלעמענטן איז באשטאנען די מערהייט פון די קריסטלעכע אונטערנעמער ביז סאמע ערב מלחמה. זיי זענען דערצויגן געוואָרן דורות־לאנג אין אן אטמאָספער פון הערשן איבער די מאסן, שטיין איבער זיי, זיין ווייט און פרעמד צו זיי; אין אן אטמאָספער, וואָס האָט געשאפן א תהום צווישן זיי און די נידעריקע קלאסן. אויפגעקומענע פון פויערים אָדער ארבעטער, פון בעלי־מלאכות אָדער הענדלער, ארויפגעשפּרונגענע פון די נידעריקסטע שטאפלען צו די העכסטע זענען צווישן די נישט־יידישע פוילישע אונטערנעמער געווען זעלטענע דערשיינונגען. און אויב זיי זענען נאָך געווען אין

דער טעקסטיל־אינדוסטרי צווישן די דייטשע וועבער אין פּוילן, זענען זיי אין אַלע איבעריקע אינדוסטרי־צווייגן געווען אַ זעלטענער אויסנאַם.

גאָר אַנדערש איז געווען דער אָפּשטאַם פֿון ערשטן דור יידישע פֿאַבריקאַנטן. גאָר אין אַ קליינער מאָס שטאַמען די ערשטע יידישע פֿאַבריקאַנטן פֿון דער ירושהדיקער יידישער גרויס־בורזשואַזיע — פֿון יידישע באַנקירן, גוט־באַזיצער און גרויסע סוחרים. אין זייער גרעסטן טייל שטאַמען זיי פֿון די אייגענע שיכטן, פֿון וואַנען עס שטאַמען די יידישע אַרבעטער אָדער פֿון גאָר, גאָר נאָענטע און קרובהשע שיכטן. וועגן אַ קולטור־תהום, וועגן אַ פּסיכישער וואַנט־מחיצה צווישן דעם ערשטן דור יידישע פֿאַבריקאַנטן און צווישן יידישע אַרבעטער, וועגן אַזאַ תהום, ווי ביי די דאָזיקע קריסטלעכע פּאַרטנערן, קען גאָר קיין רייד נישט זיין. דאָס פֿעלן אָבער פֿונעם מחיצה־תהום צווישן באַלעבאָס און אַרבעטער; די פּסיכישע און קולטורעלע צו גרויסע נאָענטקייט צווישן די דאָזיקע סאָציאַל קעגנזעצלעכע קלאַסן; די מורא פֿון באַלעבאָס פֿאַר דער דאָזיקער נאָענטקייט, וואָס טראָגט אין זיך די קאָנקורענץ־סכנה פֿונעם סאָציאַל אונטערגעוואָרפֿענעם, אָבער פּסיכיש און קולטורעל כמעט גלייכן מענטשן — אָט דאָס אַלץ איז אפשר אויך געווען איינע פֿון די וויכטיקסטע סיבות, וואָס האָט אָפּגעשטויסן דעם יידישן פֿאַבריקאַנט פֿונעם יידישן אַרבעטער. אז די מורא פֿאַר דער רירעוודיקייט פֿונעם יידישן אַרבעטער און אָנגעשטעלטן, וואָס כאַפּט זייער גיך די קונץ פֿונעם געשעפֿט, איז נישט געווען קיין אומזיסטע, וועלן מיר באַלד זען פֿון דעם, וואָס פֿאַר אַ גרויסער פּראָצענט יידישע פֿאַבריקאַנטן זענען פֿריער געווען אָנגעשטעלטע אָדער מייסטערס.

מיר האָבן באַאַרבעט דעם ביאָגראַפֿישן מאַטעריאַל פֿון העכער הונדערט יידישע גרויסע און מיטעלע טעקסטיל־פֿאַבריקאַנטן פֿון לאָדזש און ביאַליסטאָק *) און עס האָט זיך באַקומען ביז גאָר אַן אינטערעסאַנט בילד. דאָס אַרויסקומען פֿון יידישע אונטערנעמער פֿון שיכטן, גאָר נאָענטע צו די זעלביקע שיכטן, פֿון וועלכע עס רעקרוטירן זיך די יידישע אַרבעטער,

*) לויט דעם בוך פֿון לאַזאַר קאַהאַן: „אילוסטרירטער יאָרבוך פֿאַר אינדוסטרי, האַנדל און פֿינאַנסן", לאָדזש, 1925.

ווערט דאָ באַשטעטיקט אין אַן איבערראַשנדיקער מאָס. בנוגע צו דער קולטור־סביבה איז גענוג צו זאָגן, אַז מער פון פינף און ניינציק פּראָצענט פון ערשטן דור יידישע טעקסטיל־פאַבריקאַנטן האָבן געלערנט אין חדר; מער פון דריי פערטל פון אַלע אונטערנעמער האָבן אין חדר און טיילווייז אין ישיבה פאַרענדיקט זייער בילדונג. אַ גאַנץ דריטל פון די גרויסע טעקסטיל־אונטערנעמער האָבן געלערנט אין ישיבות; מיט העכערער וועלטלעכער בילדונג איז נישט געווען צווישן די דאָזיקע פאַבריקאַציע־פּיאָנערן קיין איינציקער; נאָר אַכט פון פופציק גרויסע אונטערנעמער האָבן באַזוכט אַ וועלטלעכע שול, אי דאָס נאָר אַ פאָלקס־שול און נישט קיין מיטל־שול; צען פון פופציק גרויסע אונטערנעמער האָבן באַקומען זייער וועלטלעכע אויסבילדונג ביי פּריוואַטע לערער.

לאָמיר זען פון וואָס פאַר אַ מקומות שטאַמען די אונטערנעמער, מיט וואָס האָבן זיי זיך פאַרנומען, איידער זיי זענען געוואָרן פאַבריקאַנטן און מיט וואָס האָבן זיך פאַרנומען זייערע עלטערן.

פון 93 גרויסע און מיטעלע טעקסטיל־פאַבריקאַנטן, וואָס זייער געבורט־שטאָט איז באַקאַנט, זענען געווען:

געבוירענע אין קליינע שטעטלעך — —	69	74,2	פּראָצענט
געבוירענע אין מיטעלע שטעט — — —	8	8,6	"
געבוירענע אין גרויסע שטעט — — —	16 *)	17,2	"
צוזאַמען — — — — — — — — — —	93	100	פּראָצענט

ובכן, דריי פערטל פון די גרויסע און מיטעלע יידישע טעקסטיל־אונטערנעמער זענען געווען פון קליינע שטעטלעך; נאָר איין זעקסטל (17,2 פּראָצענט) זענען געווען געבוירענע אין גרויסע שטעט.

*) אַכט אין לאָדזש, פיר אין וואַרשע, דריי אין ביאַליסטאָק, איינער אין אָדעס.

בנוגע צו די פריערדיקע באשעפטיקונגען פון די פאבריקאנטן איז אינטערעסאנט צו באטראכטן באזונדער ביידע גרופּן:

די פריערדיקע באַשעפטיקונג פון די אונטערנעמער	גרויסע טעקסטיל אונטערנעמער אבס. צאָל	גרויסע טעקסטיל אונטערנעמער פּראָצ.	מיטעלע טעקסטיל אונטערנעמער אבס. צאָל	מיטעלע טעקסטיל אונטערנעמער פּראָצ.
געוועזענע אָנגעשטעלטע, קאָמי־סיאָנערן און וואָיאזשאָרן	26	49,1	19	47,5
געוועזענע סוחרים און קרעמער	8	15,1	2	5,0
געוו. רבנים און מיט היתר־הוראה	5	9,6	—	—
געוועזענע פאבריק־מייסטערס	2	3,8	16	40,0
אָנגעהויבן פון פאבריקאציע	12	22,4	3	7,5
צוזאמען	53	100,0	40	100,0

די ערשטע גרופּע, דער עיקר אָנגעשטעלטע, קינדער פון קליינשטע־טלדיקע באלעבאטים, וואָס האָבן זיך געלאָזט אין דער וועלט אריין זוכן מזל, ווייל אין קליינעם שטעטל איז נישט געווען וואָס צו טון און ווייל די ירושה פון טאטנס געשעפט האָט זייער ווייניק צוגעזאָגט; באלעבא־טישע קינדער, וואָס האָבן מיט פארביסענע ציין און פארביטערטע הער־צער זיך געשטעלט ביי יענעם פאר א „מענטשן"; קליינשטעטלדיקע סאָ־ציאלע יורדים, קינדער פון יורדים, וואָס האָבן געבראכט מיט זיך א שלל ענערגיע און רירעוודיקייט און א פעסטן עקשנותדיקן ווילן נישט בלייבן ביי יענעם א „מענטש", נאָר ווערן אליין א מענטש — אָט די דאָזיקע „מענטשן" ביי יענעם מאכן אויס כמעט א העלפט פון אלע גרויסע און מיטעלע פאבריקאנטן פון ערשטן דור יידישע אונטערנעמער. פארשטייט זיך, אז צווישן די „מענטשן" מאכן נישט אויס די אויפגעקומענע פאברי־קאנטן, געוועזענע אָנגעשטעלטע, אפילו קיין איין פּראָצענט — געשטרעבט און געטרוימט האָבן טויזנטער און פארווירקלעכט דעם חלום האָבן איינ־צלנע, די פעאיקסטע, די עקשנותדיקסטע, אָפט אויך די קמצנדיקסטע און

נעלט דורשטיקסטע. די דאָזיקע העלפט אונטערנעמער, וואָס האָט אַליין פאַרזוכט דעם טעם פון ארבעטן ביי יענעם, וואָס זענען געווען א שטיקל צייט לוין־נעמער, פּראָלעטאַריער, וואָס האָבן אַליין דורכגעמאַכט דעם וועג צום העכסטן סאָציאַלן שטאַפּל, וואָס זענען געווען אזוי נאָענט צו דער מאַסע, פון וועלכער עס קומט אויך א גרויסער טייל יידישע ארבעטער — אָט דווקא די דאָזיקע ארויפגעארבעטע זענען געווען און געבליבן די גרעסטע קעגנער פון יידישער ארבעט. און ס'איז פארשטענדלעך — זיי ווייסן דאָך צו גוט, ווי נאָענט אָפט דער יידישער ארבעטער שטייט צו זיין באַלעבאָס־פאַבריקאַנט אין פּרט פון פארשטיין נישט נאָר די טעכנישע זייט, נאָר אויך דעם גאַנץ קאָמפּליצירטן תוך פון דער אונטערנעמונג.

געוועזענע מייסטערס זענען אין דער גרופּע גרויסע אונטערנעמער זייער ווייניק (3,8 פּראָצענט), אָבער צווישן די מיטעלע פאַבריקאַנטן מאַכן זיי אוים גאַנצע פערציק פּראָצענט. ביידע גרופּן צוזאַמען — די געוועזענע אָנגעשטעלטע און קאָמיסיאָנערן און די געוועזענע מייסטערס — מאַכן אוים ביי די מיטעלע פאַבריקאַנטן 87,5 פּראָצענט פון אַלע יידישע מיטעלע טעקסטיל־אונטערנעמער. און נאָר 12,5 פּראָצענט זענען ביי די מיטעלע פאַבריקאַנטן געוועזענע סוחרים און קרעמער אָדער האָבן גלייך אָנגעהויבן פון פאַבריקאַציע. ביי די גרויסע אונטערנעמער איז די פאַרטיילונג פון דער צווייטער העלפט אונטערנעמער גאַנץ אַנדערש ווי ביי די מיטעלע. כמעט צען פּראָצענט זענען געווען רבנים אָדער האָבן זיך געגרייט צו זיין רבנים. געוועזענע פאַבריק־מייסטערס זענען גאָר ווייניק, אָבער די גרופּע, וואָס האָט גלייך אָנגעהויבן פון פאַבריקאַציע, ד"ה די גרופּע, וואָס איז געקומען מיט קאַפּיטאַל צו דער אונטערנעמונג, מאַכט אוים 22,4 פּראָצענט פון אַלע גרויסע אונטערנעמער; די געוועזענע סוחרים און קרעמער, מערסטנטיילס אויך מסתמא מענטשן מיט קאַפּיטאַל, מאַכן אוים מער פון 15 פּראָצענט.

אינטערעסאַנט איז דער אָפּשטאַם פון די יידישע טעקסטיל־פאַבריקאַנטן. לײדער, האָבן מיר ידיעות וועגן אָפּשטאַם נאָר וועגן 41 גרויסע אונטערנעמער. זיי פאַרטיילן זיך אזוי:

פון עלטערן סוחרים אָדער קרעמער — — — —	25	61,0 פּראָצ.
פון עלטערן גוט־באזיצער און באנקירן —	6	14,6 ״
פון עלטערן פאבריקאנטן *) — — — — —	5	12,2 ״
פון עלטערן רבנים און מלמדים — — — —	5	12,2 ״
צוזאמען — — — — — — — — — — — —	41	100,0 פּראָצ.

נאָר די צוויי מיטעלע גרופּן קען מען רעכענען צו דער יידישער גרויס־בורזשואזיע און זיי מאכן אויס אביסל מער פון א פערטל פון אלע גרויס־אונטערנעמער; די איבעריקע כמעט דריי פערטל פון די עלטערן פון די גרויסע אונטערנעמער זענען מיטעלע באלעבאטים אָדער נאָר פון די קליינע מענטשעלעך מיט די קליינע השגות. עס איז גאָר קיין ספק נישט, אז דער אָפּשטאם פון די מיטעלע יידישע טעקסטיל־אונטערנעמער איז א סך דעמאָקראַטישער, א סך פאָלקסטימלעכער, אזוי צו זאָגן.

כדי די געבראכטע ציפער זאָלן נישט בלייבן אבסטראקט און זאָלן באקומען פלייש און ביין, וועלן מיר ברענגען עטלעכע קורצע ביאָגראפיעס פון די יידישע פּיאָנערן אין דער טעקסטיל־אינדוסטרי.

„ישראל פּאָזנאנסקי איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1833 אין אלעקסאנדער, ביי לאָדזש, זיין פאָטער, קלמן פּאָזנאנסקי, איז געווען אן אָרנט־לעכער סוחר. חתונה געהאט מיט א טאָכטער פון משה הערץ, וועלכער איז געווען סעקרעטאר פון ווארשעווער קהלה, האָט ישראל פּאָזנאנסקי באלד נאָך דער חתונה זיך געמאכט א קליין געשעפטל אויף אלט־שטאָט אין לאָדזש **)״.

מיר לאָזן דורך די גאנצע געשיכטע, ווי דער דאָזיקער קליין־קרע־מער האָט אויפגעבויט זיינע ריזיקע פאבריק־געביידעס, פּאלאצן און הייזער און שטעלן נאָר פעסט, אז אין די פאבריקן פון די פּאָזנאנסקיס האָבן

*) דריי טעקסטיל־פאבריקאנטן, איין זויף־פאבריקאנט, איין בראָנפן־פאבריקאנט.

**) לאזאר קאהאן: „אילוסטרירטער יאָרבוך פאר אינדוסטרי, האנדל און פינאנצן״, לאָדזש 1925, ז. 52.

אין 1929 סטן יאָר נאָך דעם, ווי דאָס געשעפט איז פון מלחמה־צייט אָן שטאַרק געפאַלן, געאַרבעט 4297 אַרבעטער *). וויכטיק איז נאָך צוצו־געבן, אַז דער דערפאָלג פון די אונטערנעמער פון דער דאָזיקער פירמע איז געווען ביים לעבן פון אַלטן פּאָזנאַנסקי, וואָס קומט פון אַ פּשוטער באַלעבאַטישער שטוב, אַ סך, אַ סך גרעסער, ווי נאָך זיין טויט, ווען זיינע קינדער, שוין געבילדעטע, מיט גאַנץ אַנדערע השגות, מיט גאַנץ אַנדערע אַפּעטיטן, אַסימילירטע און אויך טיילווייז געשמדטע, האָבן איבערגענומען די געשעפטן.

אשר קאָן —„געבוירן איז אשר קאָן אין לאָדזש אין יאָר 1870. זיין פאָטער דערציט אים, ווי אַלע זיינע קינדער, אין שוים פון תורה. ער האַלט די בעסטע רביים און מלמדים און דער יונגער אשר, וועלכער איז געבענטש מיט אַ גוט גמרא־קעפּל, איז נאָך דערצו אַ מתמיד און אַזוי אַרום האָט דער פאָטער פון אים נחת אַלס וויל־לערנער, וואָס שניידט זיך צו ווערן אַן עלוי.

צו 16 און אַ האַלב יאָר מאַכט מען אים חתונה. ער ווערט אַן איידעם ביי זלמן רובין אין טאָמאַשאָוו, וועלכער איז געווען אַ חשובער קאָמי־סיאָנער **)".

מיר לאָזן דורך די געשיכטע, ווי קאָן ווערט אַ משכיל, לערנט זיך אויס דעם וועבער־פאַך, גרינדעט אַ פירמע בשותפות מיט אַנדערע, ווערט דירעקטאָר פון אַ גרויסער פאַבריק — פאַר אונדז איז וויכטיק און אינ־טערעסאַנט די לעצטע שורה: ביי אשר קאָן אין די פאַבריקן אַרבעטן איצט 8500 ***) אַרבעטער און דער אַמאָליקער מתמיד ערב עלוי און גאַנצער משכיל איז דער באַלעבאָס פון אַ גאַנץ שטעטל מיט פאַבריקן, הייזער, מיט אַן אייזנבאַן, מיט אַ קאָלאָסאַל פאַרצווייגטער נעץ טעקסטיל־אונ־טערנעמונגען.

זילבערשטיין — „אָנגעהויבן זיין קאַריערע האָט מאַרקוס זילבער־שטיין, ווי דער רוב פון די ערשטע יידישע אינדוסטרי־פּיאָנערן. נאָך דעם

---

*) Edward Rosset: “Łódź miasto pracy”, Łódź 1929, s. 43.

**) צימ. בוך פון ל. קאהאן, ז. 64.

***) צימ. בוך פון ראָססעט, ז. 44.

דריי דורות פון גראדזשיסק

משה־יעקב דער שניידער פון וואָלאָמין

(פאָטאָגראַפירט דורך אלטער קאציזנע)



ווי ער האט דערוואָרבן אביסל וועלטלעכע בילדונג, איז ער אָנגעקומען אלס בוכהאלטער ביי דער דייטשער פירמע קינדלער אין פאביאניץ" *).

אויף די פאבריקן פון זילבערשטיין האבן געארבעט אָנהייב 1929 — 1152 ארבעטער **).

ראָזענבלאט — „ישעיה ראָזענבלאט איז געבוירן געוואָרן אין לאָדזש. זיין פאָטער, וועלכער האט געשטאמט פון שטעטל פזשעדבארזש און איז געווען א רייכער חסידישער באלעבאס, האט פארמאָגט א גוט אין לאָדזשער אומגעגנט און אייניקע הייזער אין לאָדזש. באקומען א יידיש־רעליגיעזע דערציאונג, האט זיך דער יונגער ראָזענבלאט דאָך פרי אָפגעריסן פון שטיבל און פון דער גמרא און צו 18 יאָר הייבט ער שוין אָן אליין צו פאבריצירן".

אויף די פאבריקן פון ראָזענבלאט האבן געארבעט אָנהייב 1929 — 2551 ארבעטער.

די אייטינגאנס — „א דערציאונג האבן זיי באקומען א יידיש־באַ־לעבאטישע. זיי האבן געלערנט פריער אין חדר, דאן אין אָרשער שטאָ־טישער שול. נאום און באָריס, וועלכע זענען געקומען קיין לאָדזש, האבן דורכגעמאכט אלע עטאפן, וואָס דער לאָדזשער מענטש איז געוועגלעך דורכגעגאנגען. נאום איז אָנגעקומען צום טיכער־פאבריקאנט צמח, אָנהיי־בנדיק פון אונטערשטן שטאפל און כסדר געשטיגן אלץ העכער אויף דער לייטער פון לעבן, ביז ער איז אוועק פון דער פירמע און געגרינדעט א טיכער־פאבריק בשותפות מיט זיין שוועסטערקינד, מיכאל אייטינגאָן פון מאָסקווע.

„באָריס אייטינגאָן, קומענדיק קיין לאָדזש, **איז געווען א קורצע** צייט אין געשעפט פון זיין קרוב, באלד אָבער באקומען א פאָסטן אין דער אָנגעזעענער פירמע „שטילער און ביעלשאָווסקי" — בכן ביידע זענען געווען „מענטשן" ביי יענעם און איצט ארבעטן אויף די פאבריקן פון אייטינגאָן און קאָפּ. — 1028 ארבעטער.

מיר האבן ביז אהער געבראכט די ביאָגראפיעס פון די „בערן" פון

*) ציט. בוך פון ל. קאהאן, ז. 38.
**) ראָססעט, ז. 43.

דער לאָדזשער יידישער טעקסטיל־אינדוסטרי. לאָמיר נאָך ברענגען עטלעכע ביאָגראַפיעס פון די אונטערנעמער, וואָס ביי זיי ארבעטן צו 400-300 ארבעטער.

„ירחמיאל ליפשיץ איז געבוירן געוואָרן אין אזארקאָוו. זיין יחוס איז נאָר א גרויסער. זיין זיידע איז געוועזן אָזאָרקאָווער רב. זיין שלשלת היוחסין דערגייט אזש צום קאָצקער רבין. זיין פאָטער איז געווען א שיינער באַלעבאָס, א גלאָז־סוחר. צו 16 יאָר קומט דער יונגער ליפשיץ קיין לאָדזש צו זיין קרוב פייוול שולזינגער און ביי אים מאכט ער דורך די ערשטע „קלאסן" פון דער האנדלס־„אקאדעמיע".

איצט פארמאָגט ליפשיץ אן אונטערנעמונג, וואָס האָט אלע טעכנישע מיטלען אליין די סחורות פון אָנהייב ביזן סוף אויסצוארבעטן. די פאבריק באשטייט פון ראשעל־מאשינעס, רונד־ און שטריק־מאשינעס, אן איינענע וועבעריי פאר טיכער און אן אייגענע אפרעטור".

סאָלאָמאָנאָוויטש — געבוירן אין פעטריקאָוו. אייניקע יאָר געארבעט אלס שרייבער אין א וואלד, חתונה געהאט פון טאָמאשאָוו. זיין שווער איז געוועזן דער באקאנטער טאָמאשאָווער קאָמיסיאָנער און וואלד־הענדלער *).

פאָרעצקי און גאָוועגסקי אין ביאַליסטאָק האָבן איינע פון די גרעסטע טעקסטיל־אונטערנעמונגען. פאָרעצקי איז געבוירן געוואָרן אין שטשוטשין, ווילנער גובערניע, און גאָוועגסקי אין וואסילישקי, ווילנער גובערניע. ביידע האָבן געהאנדלט באלד נאָך דער חתונה מיט וואלד. זיי ביידע גרינדן די אונטערנעמונג, אָבער אנטוויקלט די אונטערנעמונג האָט דער עיקר פאָרעצקיס זון, וועלכער קומט אין 1896 קיין ביאַליסטאָק פון דער ישיבה און ווערט די טרייבנדיקע קראפט פון דער אונטערנעמונג. די דאָזיקע פאבריק איז באקאנט מיט דעם, וואָס דאָ זענען פאָרגעקומען די שווערסטע קאמפן פון די יידישע ארבעטער פאר צולאָזן זיי צו מעכאנישער וועבעריי און דאָ האָבן זיי אָפּגעהאלטן דעם ערשטן נצחון און באקומען די העלפט פון אלע מעכאנישע שטולן.

---

*) די נאָר וואָס ווי אויך די וויטערדיקע ביאָגראפישע ידיעות וועגן די פאבריקאנטן, זענען גענומען פון ל. קאהאנס בוך.

א. און י. פּיקעלני — זיי שטאַמען פֿון נאָוואָגרודעק. דער פֿאָטער זייערער, א גרויסער למדן און משׂכּיל, וועלכער האָט פֿאַרמאָגט א בראָנפּזאַוואָד, האָט דערצויגן זיינע זין אין יידיש־משׂכּילישן גייסט. אברהם פּיקעלני האָט דער ערשטער פֿון די קינדער זיך אַוועקגעלאָזט פֿון שטעטל זוכן א תּכלית, און אַזוי ווי די פֿאַמיליע האָט געהאַט א קרוב אין לאָדזש, און לאָדזש האָט געשמט אין ליטע אַלס „קליין־אַמעריקע", איז ער געקומען אַהין און באַקומען א שטעלע אין דער דייטשער פֿירמע „יוזעף ריכטער". די פֿירמע א. און י. פּיקעלני האָט איצט א מעכאַנישע וועבעריי אין זדונסקאַ־וואָליאַ מיט 112 וועבשטולן און א געשעפֿט אין לאָדזש.

אברהם משה פּרוסאַק — שטאַמט פֿונעם שטעטל דראָבנין, פּלאָצקער גובערניע. געבוירן 1820 אין א סוחרישער פֿאַמיליע. געקומען קיין לאָדזש א יונגערמאַן און זיך גלייך גענומען צו מסחר און פֿאַבריקאַציע; געווען א פֿרומער חסידישער ייד, פֿלעגט פֿאָרן צום רבין און פֿלעגט אָן דעם רבינס עצה גאָרנישט טון. אברהם משה פּרוסאַק איז געווען גאָר פֿון די ערשטע פּיאָנערן אין דער מעכאַנישער וועבעריי אין לאָדזש. דעמאָלט זענען נאָך געווען כּמעט נאָר דייטשע פֿאַבריקאַנטן און דייטשע מעכאַנישע וועבער; קיין יידישע פֿאַבריקאַנטן זענען נאָך כּמעט נישט געווען. אַז פּרוסאַק האָט געבראַכט מעכאַנישע וועבשטולן, האָט ער גענומען צו דער אַרבעט יידישע וועבער, וועלכע ער האָט אָנגעהויבן לערנען מעכאַנישע וועבעריי. צווישן די דייטשע מעכאַנישע וועבער איז געוואָרן א גרויסע מהומה, און זיי זענען געגאַנגען אונטער דער פֿירונג פֿון יוליוס הײַנצל, וועלכער איז נאָך דעמאָלט געווען א וועבער, שפּעטער אָבער געוואָרן א גרויס־אינדוסטריעלער און באַקומען אַפֿילו דעם טיטול באַראָן, אין יידישן קוואַרטאַל, כּדי צו פֿאַרניכטן די פֿאַבריקן. דער שטאָט־פּרעזידענט איז אָבער באַצייטנס דערפֿון געוואָר געוואָרן און האָט געשיקט קאָזאַקן, וועלכע האָבן די דייטשע וועבער צעיאָגט און פֿאַרטריבן.

הערמאַן פֿויסט — געבוירן אין טשענסטאָכאָוו. צו 13 יאָר לאָזט ער זיך שוין אַרויס אין דער וועלט מאַכן א לעבן פֿאַר זיך. ער קומט אָן אַלס אָנגעשטעלטער צום יידישן פֿאַבריקאַנט לעוויצקי אין פּאַביאַניץ. נאָך דעם באַקומט ער א שטעלע ביי די גרעסטע פֿאַבריקאַנטן אין פּאַביאַניץ, ביי די ברידער באַרוך. א פּאָר יאָר נאָך דער חתונה ווערט

ער א פאבריקאנט. איצט איינער פון די רייכסטע אונטערנעמער אין פאביאניץ.

ש. ה. ציטראָן — געבוירן אין מיכאלאָווא ביי ביאַליסטאָק, אן אייניקל פונעם באַוווּסטן באָדקער רב און רוזשאנער ראש־ישיבה. זיין פאָטער האָט געהאַט א שניט־קראָם אין מיכאלאָווא. ש. ה. ציטראָן לערנט אין ישיבות, קומט צו 17 יאָר קיין ביאַליסטאָק, הייבט אָן האנדלען מיט טוך און נאָך דעם ווערט ער א פאבריקאנט, איצט איינער פון די גרעסטע אונטערנעמער אין ביאַליסטאָק.

יעקב קאהאן — „זאָקן־קעניג" אין פוילן. געבוירן אין בערעזאָווקע ביי אָדעס; זיין פאָטער האָט געהאַט א שניט־געוועלבל. דער יונגער קאהאן האָט געלערנט ביי די בעסטע מלמדים און געשמט אלס עלוי. צו 12 יאָר ווערט ער א יתום; צו 13 יאָר פאָרט ער קיין אָדעס און ווערט א מ ש ר ת אין א מאַנופאַקטור־קלייט. שפּעטער גרינדעט ער א קאָמיסיאָן־קאָנטאָר אין אָדעס; פאָרט נאָך דעם אריבער קיין לאָדזש און ווערט א וו אָ י א ־ ז ש אָ ר. שפּעטער גרינדעט ער א זאָקן־פאבריק און פירט דער ערשטער איין אין לאָדזש מעכאנישע זאָקן־פאבריקאציע. איצט איינער פון די גרעסטע זאָקן־פאבריקאנטן אין לאָדזש. קאהאן האָט אין די יונגע יאָרן געשריבן אין „קול מבשר", אין פאָלקסבלאַט" און אין ספּעקטאָרס „הויז־פריינד".

י. שעפּס — געבוירן אין טאָמאשאָוו; אלס קינד שוין געשמט פאר אן עלוי. נאָך גאָר אלס יונגערמאן ווערט ער רב אין טאָמאשאָוו און צו 15 יאָר פּסקנט ער שאלות, אָבער ער לעבט נישט פון זיין רבנות, נאָר פון מסחר מיט וואָל. פון מסחר גייט ער איבער צו פאבריקאציע.

וואָלף אלט — געבוירן אין קאָוועל; געקומען קיין לאָדזש אלס קינד און געענדיקט דאָ א שול. צו 15 יאָר קומט ער אָן אין דער פאבריק פון הערמאן קאהאן, ווו ער ווערט א מייסטער. איצט זעלבשטענדיק, באשעפטיקט ביז 80 ארבעטער.

ברידער טייטלבוים — געבוירן אין גאָמבין.ביידע האָבן געארבעט אין דער פאבריק ביי וואָידיסלאַווסקי, געוואָרן מייסטערס. פארן קריג האָבן זיי שוין געהאַט אן אייגענע פאבריק, אין איר האָבן זיי באשעפטיקט ביז 300 ארבעטער. איצט באשעפטיקן זיי ביז 100 ארבעטער.

וואָס זעען מיר פונעם דאָזיקן צעטל ביאָגראפיעס? ראשית, אז אלע יידישע אונטערנעמער זענען געקומען אָן קאפיטאל, אָן געירשנטן קאפיטאל און אויך אָן אן אייגענעם גרויסן קאפיטאל. אלע ארבעטן זיך ארויף דאנק זייער אינטעליגענץ, זייער ענערגיע, זייער רירעוודיקן גייסט און אונטערנעמערישער פלינקייט. כמעט אלע יידישע אונטערנעמער הייבן אָן פון ארויסגעבן סחורה אהיים און ערשט נאָך דעם, ווי זיי מאכן אביסל קאפיטאל, גרינדן זיי פאבריקן. סאָציאל קומען כמעט אלע פון יידישן מיטלשטאנד, פון דער יידישער באלעבאטישער שטוב, אָבער פון אזא באלעבאטישער שטוב, וואָס שטייגט נישט, נאָר האלט אין פאלן. א גאנצע העלפט פאבריקאנטן גייען דורך א סטאזש פון ארבעטן ביי יענעם, מערסטנטיילס אלס אָנגעשטעלטע און משרתים, פארזוכן, הייסט עס, דעם טעם פון אָפהענגיקער ארבעט און מאכן אליין דורך דעם לעבנסגאנג פון אָרימען יידישן בחור צום גרויסן אונטערנעמער און קאפיטאליסט. קולטורעל קומען זיי אלע, כמעט אָן אויסנאם, פון חדר, פון טראדיציאָנעלער יידישער דערציאונג, פון דער גמרא, אָפט אפילו פון דער ישיבה — וועלטלעכע בילדונג באקומט דער רוב שוין אלס דערוואקסענע, שוין שטייענדיק אין לעבנסקאמף, אָפט ביי פריוואטע לערער, אָבער נישט זעלטן אויך דורך זעלבסטבילדונג.

דאָס איז געווען דער טיפ ערשטער דור יידישע טעקסטיל־פאבריקאנטן. אז דער צווייטער דור יידישע פאבריקאנטן האָט שוין גאָר אן אנדער פנים, איז קלאָר — הן סאָציאל, הן קולטורעל טיילט אים שוין אָפ א תהום פון יידישן ארבעטער, וואָס רעקרוטירט זיך נאָך עד היום אין א גרויסער מאָס פון די זעלביקע רייען, פון וואנען אין פריערדיקן דור זענען געקומען אויך די יידישע פאבריקאנטן. דער יידישער ארבעטער־קלאס קומט אָבער נאָך אין א גרעסערער מאָס פון רואינירטן קליינבירגערטום, פון די אָרימע מאסן בכלל, פון דעם המון, וואָס לעבט פון צופעליקע פרנסות און צופעליקע ארבעטן.

א גלענצנדיקע אילוסטראציע צו דעם, וואָס פאר א קאָלאָסאלע ראָלע די מיטגעבראכטע אָפשטאם־פסיכאָלאָגיע קען שפילן אין דער אנטוויקלונג פון די נייע באשעפטיקונגען, צו וועלכע מענטשן זענען איבערגעגאנגען,

גים אונדז דער צושטאנד פון דער ביאַליסטאָקער אינדוסטרי נאָך דער מלחמה.

אין ביאַליסטאָק איז איצטער די טעקסטיל־אינדוסטרי אינגאנצן אין יידישע הענט, אויף וויפל עס רעדט זיך וועגן באַלעבאַטים. חוץ איין פּלוש־פאבריק פון א דייטשן פאבריקאנט, זענען אַלע פאבריקן אין יידישע הענט. פאר דער מלחמה זענען געווען צען דייטשע פאבריקאנטן און מער פון הונדערט יידישע, שוין אריינגערעכנט די פאבריקאנטן, וואָס גיבן ארויס ארבעט אהיים. פון 66 וועבערייען, חוץ לוינקעטניקעס, זענען געווען אין 1912 יידישע 58 אָדער 87,9 פּראָצענט *).

די גרעסטע פאבריקן זענען געווען אין דייטשע הענט. די צען דייטשע פאבריקן האָבן באַשעפטיקט ביי א דריטל פון אַלע טעקסטיל־ארבעטער אין ביאַליסטאָק, האָבן געהאט פון 25 ביז 30 פּראָצענט פון אַלע וועב־שטולן און האָבן אויסגעארבעט פון 40 ביז 45 פּראָצענט פון דער גאנצער טעקסטיל־פּראָדוקציע. נאָך דער מלחמה האָט זיך די ביאַליסטאָקער טעק־סטיל־אינדוסטרי שטארק פארקלענערט — ערב מלחמה האָבן געארבעט בערך 1500 וועבשטולן; איצט נאָר ביז 1000. די פּראָדוקציע איז געפאלן אויף א העלפט. אויך די צאָל ארבעטער האָט זיך שטארק פארקלענערט — אין 1895 זענען געווען אין דער ביאַליסטאָקער טעקסטיל־אינדוסטרי פאר־נומען 4675 ארבעטער **); ערב מלחמה בערך ביז צען טויזנט ארבעטער; אין 1920 — 5133 ***) און אין 1928 — 3975 ***) ארבעטער. ביאַליסטאָק באַשעפטיקט, בכן, אין איר טעקסטיל־אינדוסטרי איצט ווייניקער ארבעטער, ווי מיט העכער דרייסיק יאָר צוריק.

פארוואָס זענען אַלע דייטשע טעקסטיל־פאבריקאנטן אונטערגעגאנגען און די יידישע זענען געבליבן? דאָס איז א גאנץ אינטערעסאנט קאפּיטל

---

*) א. זוסקינד: „פון ביאַליסטאָקער ארבעטער־לעבן" אין „פראגן פון לעבן", נומ. 2־3, 1912.

**) „די אנטשטייאונג, אנטוויקלונג און מצב פון דער ביאַליסטאָקער טעקסטיל־אינדוסטרי" אין יובל־זשורנאל פון פראָפ. פאראיין פון טעקסטיל־מייסטערס אין ביאַליסטאָק, 1929, מערץ, ז. 30.

***) דאָרטן, ז. 31.

ווירטשאפט־געשיכטע, וואָס ווייזט און באווייזט, וואָס פאר א גרויסער פאקטאָר ס׳איז די פסיכאָלאָגיע פון די פארשידענע אונטערנעמער־גרופן — דער אונטערנעמערישער גייסט, די עקשנותדיקע צופאסונגס־פעאיקייט, דאָס קענען זיך און יענעם דרייען און אויסהאלטן, אריבערטראָגן און דערשלעפן ביז בעסערע צייטן. באלד נאָך דער מלחמה האָט די ביאליסטאָקער טעקסטיל־אינדוסטרי אביסל אויפגעלעבט — די פוילישע מלוכה, וואָס האָט געפירט מלחמה מיט די באָלשעוויקעס, האָט געמאכט גרויסע באשטעלונגען. נאָך דעם האָט זיך אָנגעהויבן דער קריזיס — רוסלאנד איז געבליבן געשלאָסן. האָט מען געמוזט, ראשית, זען אויסנוצן, ווי ווייט מעגלעך, דעם אינעווייניקסטן פוילישן מארק, באזונדערס די ניי־צוגעקומענע צו קאָנגרעס־פוילן געגנטן. שנית, האָט מען געמוזט זוכן נייע מערק — אויפן ווייטן מזרח, אין כינע, אין יאפאן, אויפן באלקאן, אין אונגארן און ווו נאָר מעגלעך. ביז וואנען ס׳איז געווען די אינפלאציע און פוילישע סחורה איז געווען זייער ביליק, האָבן אויך די דייטשע פאבריקן געארבעט. נאָר אָט איז געקומען די סטאביליזאציע — די פוילישע סחורה איז געוואָרן ווייניקער קאָנקורענץ־פעאיק; קאפיטאל איז געוואָרן קנאפ און ווו צו באָרגן איז נישט געווען. די יידישע פאבריקאנטן האָבן דאָ ארויסגעוויזן ממש וואונדער — זיי האָבן געשיקט אגענטן אין די ווייטסטע מקומות פון אזיע; אזוי ווי רוסלאנד איז געווען פארשלאָסן, האָט מען געמוזט פאָרן ביי א דריי חדשים, ביז מען האָט זיך דערשלעפט קיין כינע און אין ווייטן מזרח; די סחורה פלעגט זיין אין וועג פון 5 ביז 6 חדשים; איידער דאָס געלט פאר דער סחורה פלעגט אָנקומען, פלעגט דויערן 9־10 חדשים. אייניקע גרויסע יידישע פאבריקאנטן זענען אליין אוועק אין די דאָזיקע ווייטסטע געגנטן פון אזיע און האָבן דאָרטן אויסגעקעמפט א פלאץ פאר זייערע סחורות. ביאליסטאָקער קאָלדרעס, למשל, זענען געוואָרן איינער פון די פארשפרייטסטע ארטיקלען אין כינע און טיילווייז אין יאפאן און האָבן אין א גאנץ גרויסער מאָס פארקאָנקורירט די ענגלישע סחורות. אויך אין די באלקאנלענדער, באזונדערס אין רומעניע און יוגאָסלאוויע, האָבן די ביאליסטאָקער פאבריקאנטן נאָך א לאנגן קאמף פארכאפט א באדייטנדיקן טייל פון

מארק. נישט גרינג איז זיי אָנגעקומען צו שאַפֿן אומזאַץ־קאַפּיטאַל — און אויך אין דעם פּרט האָבן זיי זיך ארויסגעוויזן אזוי פּיאָנעריש, אזוי צובאַסונגס־פּעאיק, אז די דייטשע פאבריקאנטן האָבן זיי בשום אופן נישט געקענט נאָכיאָגן. די ארבעטער האָבן זיי גענומען צאָלן מיט וועקסלען — מיט זעקס־חדשימדיקע און אפילו מיט אכט־חדשימדיקע וועקסלען. די ארבעטער פלעגן מוזן אויף די בערזשעס אָפּזעצן די וועקסלען. די קוויטאַנציעס פון די אָפּגעשיקטע אין די ווייטע מקומות וואַגאָנעס סחורה האָט מען אָפּגעזעצט, טיילווייז אין בענק, אָפט אין האמבורגער בענק, אָבער נישט ווייניק אויך ביי אָרטיקע פּראָצענטניקעס, וואָס האָבן זיך שטארק פארמערט אין גאַנץ פּוילן די לעצטע יאָרן. און ענדלעך — לייען פּשוט געלט: דער יידישער פאבריקאנט האָט זיך נישט געשעמט לייען ביי צענדליקער מענטשן קלענערע סומען, אבי צונויפקלאַפּן דעם נויטיקן קאַפּיטאַל. און גמילות־חסדים און יידישע לייַ־ און שפּאָר־קאַסעס זענען אויך נישט אויסגענומען געוואָרן פון יידישע מיטעלע און קליינע פאבריקאנטן. אַט דאָס דאָזיקע „יידישע" לויפֿן אין עק וועלט אויפֿצוזוכן נייע קונים און זיך צופּאַסן צום נייעם מארק, אוועקשיקן פּארטיעס סחורה, וואָס דאָס געלט פאר זיי וועט זיך אומקערן אין 9-10 חדשים ארום; אַט דאָס ריין „יידישע" דרייען זיך, כאַפּן, דעקן, באָרגן, לאַטען, און אייביק זיין אין א יאריד פון צאָלונגען און חובות, און נישט וויסן אפילו, וויפל וועקסלען דו האָסט אונטערגעשריבן און ווען אייגנטלעך זייערע טערמינען פאלן אויס; בכלל חתמענען וועקסלען אין די מאות, און אויף סומען פון צוואַנציק און דרייסיק זלאָטעס א וועקסעלע, און דאָס אַלץ אָן א שטרענגער בוכהאלטעריע, ווייל אויף אדמיניסטראַציע־הוצאות מוז מען שפּאָרן — אַט דער גאַנצער יאריד־אופן פון פאבריקאַציע, אַט דער גאַנצער טומל־טראַסק־כאַראַקטער פון דער פּראָדוקציע איז געווען אזוי פרעמד דעם דייטשן פאבריקאַנט, אז ער האָט גאָר אינגאַנצן ליקווידירט די אונטערנעמונגען. אויף אַזאַ אופן האָבן זיך די יידישע ירושה־רירעוודיקייט און דריי־געניטקייט ארויסגעוויזן אין דער דאָזיקער שעת צרה פאר באַזונדערס וויכטיקע פאַקטאָרן אין איינהאלטן אַלטע און אין פארכאַפּן נייע פּאָזיציעס.

XV

עמיגראַציע־טראַגעדיעס

נישט לאַנג צוריק איז מיר אויסגעקומען צו לייענען אין א יידישער צייטונג אַן ארטיקל וועגן עמיגראַציע. האָט דער שרייבער פון ארטיקל אזוי לייכט, מיט אזא גרינג הארץ געערדט, אז אייגנטלעך איז גאָר נישטאָ איצט קיין עמיגראַציע, און ווּהין קען מען פאָרן און צו וואָס דאַרף מען די אַלע קאָמיטעטן, וואָס זאָרגן כלומרשט פאַר די יידישע עמיגראַנטן און וואָס העלפן שאַפן מעגלעכקייטן פאַר אַן איינוואַנדערונג?

גראָד האָב איך געלייענט דעם אַרטיקל, ווען איך בין דאָ נישט לאַנג ספּעציעל געווען אין פּוילן און האָב באַזוכט די יידישע עמיגראַציע־ביוראָס. איך האָב געטראַכט, ווי גוט עס וואָלט געווען ווען מען קען אהער ברענגען כאָטש אויף א פּאָר שעה א גרויסע צאָל אַמעריקאַנער יידן, זיי זאָלן זיצן און אַריינקוקן אין די אויגן פון מענער, פרויען, יונגע מיידלעך און יונגע בחורים; זיי וואָלטן איבערלייענען אין זייערע אויגן אזוי פיל פאַרצווייפלונג, אזוי פיל צער און יסורים און אזוי פיל בענקשאַפט נאָך רו און נאָך א זיכערן ביסן ברויט; זיי וואָלטן באַלד פאַרשטאַנען ווי גרויס און ווי שאַרף די עמיגראַציע־פראַגע שטייט ביי די מיליאָנען יידן פון פּוילן, רומעניע, ליטע, לעטלאַנד און געוויס אויך פון רוסלאַנד, ווען מען זאָל נאָר קענען פון דאָרטן אַרויספאָרן.

עס וואָלט שוין געווען גענוג, ווען די אַמעריקאַנער יידן וואָלטן אזוי געזעסן א שטיקל צייט און נאָר געקוקט אין די אויגן פון אזוי פיל לעבענס, וואָס ווערן אויסגעלאָשן אין נויט און דחקות, און וואָס האָבן נאָך אזוי שטאַרק חשק זיך אַרויסצורייסן פון קלעם, אַרויסצושפּרינגען פון דלות־תהום און אויפלעבן פון דאָס ניי די שאַפנדיקע כוחות און ענערגיע. און איך וואָלט זיי אַוועקגעזעצט ביים אויפנאַם־טיש און געלאָזט דורכזען א פּאָר „פעקלעך".

יעדער איינער וועט דאָ איינזען, אז די פערציק טויזנט יידן, וואָס פאָרן איצטער ארויס א יאָר, פארשאפן טויזנט מאָל מער ארבעט, מער פיין, מער צרות, מער לויפעניש, מער טרערן און געוויינען, מער כלאָפּאָטן און קאָפּ־דרייעניש, ווי א מיליאָן יידישע עמיגראנטן האָבן פארשאפט פאר דער מלחמה. יעדער עמיגראנט — דאָס איז א בארג מיט צרות, פון דעם ארויסבאקומען אן איינפאכן פאפירל פון א פאָליציי־באאמטן ביז דורכשטופּן דעם עמיגראנט דורך די שמאָלע טויערן פון די איינוואנדערונגס־לענדער.

פאר דער וועלט־מלחמה זענען אלע צרות געווען פארבונדן נאָר מיטן איבערפאָרן די גרענעץ, ווייל פון רוסלאנד פלעגט מען אויך ביים צאַריש[ן] רעזשים נישט ארויסלאָזן. אָבער ווען מען איז שוין אריבער די גרענעץ, איז מען געווען א פרייער פויגל און מען האָט געקענט פאָרן, וווּהין מען האָט געוואָלט. קיין וויזעס האָט מען נישט געדארפט. איצטער אָבער זענען די קאָנסולאטן פון די איינוואנדערונגס־לענדער געוואָרן ערטער, ווו מען פארצאפּט די אָרימע מענטשן זייער בלוט, אמתע אינקוויזיציע־אנשטאלטן, ווו מען דרייט אויס די נערוון פונעם עמיגראנט, ווו מען מאטערט זיי אָפּט ווי אין גיהנום.

לאָמיר נעמען עטלעכע לעבעדיקעביישפּילן.

אָט איז א מיידל פון פופצן יאָר. זי הייסט רבקה בלומוואלד און קומט פון שעדלעץ. די עלטערן זענען אנטלאָפן קיין רוסלאנד, ווען די דייטשן האָבן אין יאָר 1915 פארנומען שעדלעץ, און האָבן איבערגעלאָזט דאָס קינד פון עטלעכע חדשים ביי אייגענע. נאָך דעם, שוין נאָך דער מלחמה, זענען די קרובים אויך אוועקגעפאָרן קיין רוסלאנד, אָבער נישט וויסנדיק גאָרנישט וועגן דעם קינדס עלטערן, האָבן זיי עס נישט מיטגענומען, נאָר געלאָזן אין שעדלעץ ביי א משפחה, וואָס האָט פון רחמנות וועגן צוגענומען די לעבעדיקע יתומה.

נאָך א סך איבערשרייבונגען און זוכענישן האָט זיך דעם „האיאס" איינגעגעבן צו געפינען די עלטערן פון קינד אין אמעריקע, וווּהין זיי האָבן פון רוסלאנד אויסגעוואנדערט נאָך דער מלחמה. א גליק! א שמחה! אָבער דער קאָנסול וויל נישט דערלאָזן, אז די לעבעדיקע יתומה זאָל נאָך פופצן

יאָר ארומוואלגערן זיך ביי פרעמדע מענטשן ענדלעך דערזען אירע על־טערן, פאלן אויפן האלדז פון איר אייגענער מאמע.

הייבט זיך אָן א סדרה פאפירן, וואָס דארפן דערוויזן, אז די רבקה בלומוואלד איז טאקע באמת אן אייגענע טאָכטער פון די בלומוואלדס, וואָס זענען שוין אין די פאראייניקטע שטאטן. די גאנצע מעשה מיט אנט־לויפן קיין רוסלאנד, איבערלאָזן א קינד, וואלגערן זיך פופצן יאָר אין פרעמדע הייזער, דער נס מיטן אויפזוכן פלוצלינג די עלטערן — דאָס אלץ האָט דעם קאָנסול געקלונגען צו לעגענדאריש, אז ער זאָל גלייך גלייבן. און רבנים האָבן געמוזט שווערן און מען האָט געמוזט צושטעלן בערג פאפירן פון פארשידענע פאָליציי־אמטן און געריכטן. ענדלעך האָט גאָט איבערגעקערט דאָס הארץ פון קאָנסול צום גוטן און ער האָט שוין איינ־געשטימט איר צו געבן א וויזע.

איז דאָך א שמחה! א גדולה! נישט נאָר דאָס מיידל איז גרייט צו טאנצן פון פרייד, נאָר אלע אָנגעשטעלטע פון עמיגראנטן־ביוראָ, וועלכע ווייסן גוט די ליידן און פיין פון דעם דאָזיקן קינד, וואָס האָט נישט פאר־זוכט קיין טעם פון טאטע־מאמע. אָבער א מענטש טראכט און גאָט לאכט. אין דעם לעצטן מאָמענט איז געקומען א נייע צרה — די אויגן זענען ביי איר נישט אינגאנצן געזונט און מען מוז זיי עטלעכע חדשים היילן. ווי־טער צרות, ווייטער טרערן. אָבער דער קאָמיטעט האלט אונטער אין איר די האָפענונג, און איך בין זיכער, אז זי וועט סוף כל סוף אריין אין קאָ־לומבוסעס גן עדן. רבקה בלומוואלד וועט אָנקומען צו אירע עלטערן קיין אמעריקע.

קיין דרום־אפריקע זענען די לעצטע יאָרן אריינגעפאָרן א פאָר טויזנט יידן א יאָר. פלוצלינג איז אין דרום־אפריקע, וואָס פארמאָגט לאנד פאר צענדליקער מיליאָנען מענטשן, געוואָרן ענג, און מען האָט דאָרטן אָפגע־שטעלט די איינוואנדערונג. עס זענען געבליבן א פאָר וואָכן, ווען מען האָט נאָך געקענט זיך אריינכאפן אין יענעם גן עדן. עס איז שווער אי־בערצוגעבן, וואָס עס האָט זיך אָפגעטון אין די פאָר וואָכן אין די שטעט־לעך און אין די עמיגראציע־ביוראָס. עס איז געווען ממש ווי אין א צייט פון א שרפה. הונדערטער טעלעגראמעס זענען געפלויגן פון דרום־אפריקע קיין קאָוונע און קיין ווארשע, און פון דאָרטן אין די שטעטלעך, ווו הונ־

דערטער ווייבער האָבן זיך געריסן צו זייערע מענער, קינדער — צו זייערע עלטערן.

מען קען מיט א רואיקן געוויסן זאָגן, אז די עמיגראַציע־ביוראָס האָבן דאָ א סך מענטשן פּשוט געראַטעוועט. זיי האָבן באַקומען שיפס־קאַרטן ממש פון אונטער דער ערד. זיי האָבן די קאָנסולן אָפּט מאָל פּשוט געצווּנגען צו געבן וויזעס, זיי האָבן אויך געהאָלפן מיט געלט, ווען עס האָט אויסגעפעלט צו א שיפסקאַרטע אָדער צו דער סומע, וואָס מען מוז ווייזן ביים אָנקומען. הכלל, מען האָט געראַטעוועט און דורכגעשטופּט פאַר די דאָזיקע פּאָר וואָכן אזוי פיל יידישע עמיגראַנטן, וויפל עס איז נאָר מעגלעך געווען.

דערביי האָבן זיך אָפּגעשפּילט סצענעס, וואָס דערמאָנען די מעשה מיט יענער יידישער גבירנטע בשעת די רוימער האָבן באַלאַגערט ירושלים. זי האָט געשיקט קויפן וויים ברויט אין מאַרק, נאָר די דינסט האָט נישט באַקומען קיין גאַנץ וויסן ברויט און איז געגאַנגען פרעגן, צי זאָל זי נעמען האַלב־וויים, און נאָך דעם שוואַרץ־ברויט און אזוי ווייטער, ביז זי האָט גאָרנישט געקראָגן.

די שיפסקאַרטן זענען געשפּרונגען אין די פּרייזן. אָרימע יידן זענען געפאָרן אין ערשטן קלאַס, ווייל עס זענען נישט געווען קיין שיפסקאַרטן פון דריטן קלאַס, און ביז וואַנען די יידענע האָט באַקומען געלט אויף צווייטן קלאַס, זענען די דאָזיקע שיפסקאַטן צעכאַפּט געוואָרן, און מען האָט שוין געמוזט זוכן געלט פאַרן ערשטן קלאַס. דאָס זעלבע איז געווען מיט דער גרויס פון דער סומע, וואָס מען האָט געמוזט ווייזן ביים אַראָפּ־גיין פון שיף. ווי אין פיבער האָבן געלעבט אי די עמיגראַנטן, אי די עמי־גראַציע־ביוראָס. מען האָט אָבער דורכגעשטופּט מער, וויפל מען האָט אליין געהאָפט.

אָט שטייען פאַר אונדז צוויי יידן אַנטלאָפענע פון רוסלאַנד. זיי האָבן גענגנבעט די גרענעץ. איך פאַרשפּאַר דערציילן, וואָס עס הייסט גנבענען די סאָוועטיש־פּוילישע גרענעץ. דאָס הייסט זיין מער אויף יענער וועלט, ווי אויף דער וועלט. זיי זענען גליקלעכע — זיי זענען שוין פון דער זייט. איצטער זענען זיי גרייט צו ליידן ווייטער, וויפל נאָר עס איז נויטיק, אבי זיך צו דערשלאָגן צו זייערע קרובים אין אַרגענטינע.

און דאָ הייבט זיך אָן א שטיקל ארבעט, וואָס אָן אן עמיגראַציע־ביוראָ וואָלטן די יידן געווים פארפאלן געוואָרן אָדער מען וואָלט זיי צו־ריקגעשיקט קיין רוסלאנד. מען דארף פועלן ביי דער פוילישער מאכט, זי זאָל זיי לאָזן בלייבן ביזן אָפּפאָרן קיין ארגענטינע; מען דארף קריגן וויזעס, שיפסקארטן, דאָקומענטן אין די צענדליקער, אלע טאָג א נייעם דאָקומענט. און די צוויי יידן זענען כמעט שטומע, ווייל זיי קענען נאָר יידיש און אביסל רוסיש. יעדער שטיקל ארבעט איז א בארג מיט צרות, מיט לויפעניש, מיט בקשות און תחנונים, מיט טעלעגראַמעס צו די קרו־בים קיין ארגענטינע. ביי יעדער שטיקל ארבעט ראטעוועט מען בוכשטעב־לעך צוויי יידישע נפשות פון אונטערגאנג.

דאָס זענען אלץ געוועגלעכע פאלן. די צוויי פארוואָגלטע לעבנס, וואָס מען דארף ראטעווען, דאָס מיידעלע, וואָס האָט פארלוירן אירע על־טערן, די פאָר הונדערט עמיגראנטן, וואָס ווילן זיך אריינכאפּן קיין דרום־אפריקע, איידער דאָס לאנד ווערט פארמאכט פאר עמיגראנטן, דאָס זענען אלץ טיפישע דערשיינונגען, טאָג־טעגלעכע זאכן, וואָס יעדער קען זען אין יעדן עמיגראַציע־ביוראָ.

עס איז גענוג צו זאָגן, אז די ווילנער עמיגראַציע־ביוראָ, למשל, האָט געהאט ביז איצט צו טון מיט עמיגראנטן, וואָס זענען געפאָרן אין פינף און דרייסיק לענדער. יידן פאָרן אין אלע עקן וועלט: קיין האָנדוראס, קיין פערו, קיין טשילע, קיין ווענעסועלא, קיין כינע, קיין יאפּאן, קיין גוואטע־מאלא, קיין אינדיע, שוין אָפּגערעדט פון אלע לענדער פון מערב־אייראָפּע און פון די באקאנטע איינוואנדערונגס־לענדער, ווי אמעריקע, ארגענטינע, בראזיל, אורוגוואי און נאָך אנדערע. נאָר צו געבן אינפאָרמאציע אליין, ווי אזוי צו באקומען א וויזע פאר די אלע לענדער מיט זייערע פארשידענע געזעצן און שוועריקייטן, וואָס אלע מאכן ביים אריינפאָרן, נאָר דאָס אליין איז אן ארבעט, וואָס האָט א ריזיקן געזעלשאפטלעכן ווערט.

נישט ווייניקער וויכטיק זענען די געלט־איבערווייזונגען.

דער קרוב, וואָס שיקט גלייך זיינע קרובים הונדערט אָדער צוויי הונדערט דאָלאר און זאָרגט נישט אזוי שטארק, וואָס דער קרוב וועט מאכן מיטן געלט, דער טרעפט צו א פּריוואטער באנק און קומט נישט אָן צום „האיאס”. אָבער שטעלט אייך פאָר דעם קרוב, וואָס פארדינט אויך

אין אַמעריקע קוים צום לעבן, און ווען ער שיקט זיינע אָרימע קרובים קיין אייראָפּע דרייסיק אָדער פערציק דאָלאַר, רייסט ער אָפּ פון זיינע אייגענע קינדער, אַזאַ קרוב וויל שוין באַזאָרגן זיינע אייגענע אין אייראָפּע נישט מיט אַ צוגעוואָרפענער נדבה, נאָר מיט אַ תכלית, מיט אַ הילף, וואָס זאָל אָדער שטעלן יענעם אויף די אייגענע פיס אָדער די הילף זאָל אים אַרויסגעגעבן ווערן אַזוי, אַז עס זאָל קלעקן אויף עטלעכע חדשים.

דער ייד פונעם פּיצינקן שטעטעלע אין פּוילן בעט אויס ביי זיין קרוב פופציק דאָלאַר אויף צו קויפן אַ וואַרשטאַט, אויף אָפּצוקויפן אַ קרעמל, אויף צו מאַכן אַ דאַך אויפן שטיבל, אויף אַרויסצופאָרן קיין בראַזיל, אויף צו קויפן אַ בהמה, פון וועלכער מען קען האָבן פּרנסה, אויף געבן נדן אַ טאָכטער. יעדע פּריוואַטע באַנק וועט די פופציק דאָלאַר אַרויסגעבן און וועט נישט גיין קאָנטראָלירן, צי איז שוין דער וואַרשטאַט געקויפט, צי איז שוין די שטוב אויסגעבויט און עס פעלט נאָר דער דאַך, צי איז שוין באמת דאָ אַ חתן פאַר דער אַלטער מויד און עס פעלט נאָר דאָס ביסל נדן. עס איז איר באַבעס דאגה, זי האָט דאָס געלט איבערגעגעבן דעם יידן און זאָל יענער טון, וואָס ער וויל.

און אָפט, גאָר אָפט טרעפט, אַז איידער דער חתן געפינט זיך אָדער איידער מען געפינט דאָס קרעמל אָדער דעם וואַרשטאַט צו קויפן, עסט מען אויף דאָס באַקומענע געלט, און מען וויינט נאָך אַמאָל און מען בעט נאָך אַמאָל ביים אַמעריקאַנער קרוב הילף און רעטונג.

גאָר אַנדערש זאָרגט אין אַזעלכע פאַלן דער „האיאס”. דער „האיאס” איז נישט קיין באַנק, ווו עס זיצן באַאַמטע, אָן הערצער און מיט האַרטע קאָלנערס. דאָס איז אַ געזעלשאַפטלעכע באַנק מיט האַרץ און פאַרשטענדעניש פאַר די נויטן סיי פון די געבער, סיי פון די נעמער. און ביז וואַנען ביים רב זענען נישטאָ די תנאים, גיט מען קיין נדן נישט אַרויס; ביז וואַנען עס איז נישטאָ קיין שיפסקאַרטע, גיט מען נישט דאָס געלט, וואָס איז געשיקט געוואָרן בפירוש אויף אַרויסצוּוואַנדערן קיין בראַזיל אָדער אַרגענטינע; ביז וואַנען עס איז נישטאָ שוין אַ געקויפטער וואַרשטאַט, ווערט נישט אַרויסגעגעבן די הילף, וועלכע איז באַשטימט בפירוש נאָר אויף דעם און נישט אויף אויפצועסן.

אָט דאָ שטעקט די גאַנץ גרויסע מצווה, דער גאַנץ גרויסער געזעל־

שאפטלעכער אויפטו פון די געלט־איבערשיקונגען דורכן „האיאס", וואס מען קען זארגן דורך זיי פאר א תכלית פארן קרוב, וואס מען קען פון ניו־יארק שטעלן א באשטימטן ציל פאר דעם געלט, וואס גייט קיין שניפישאק אדער קיין קוטנע. מען האט א געטרייען שליח, וועלכער זארגט, אז דער ציל זאל דערגרייכט ווערן.

עס דערגרייכט אפט אין די יידישע שטעטלעך ביז קאמישע זאכן. עס טרעפט, למשל, אז דער חתן וויל נישט שרייבן קיין תנאים אדער וויל נישט גיין צו דער חופה, ביז מען וועט אים נישט געבן דאס געלט אין קעשענע אריין. דער פאטער פון דער כלה האט אבער מורא ארויסצוגעבן דאס געלט. אויך דער „האיאס", ביי וועמען דאס געלט ליגט אויף חתונה מאכן דאס מיידל, וויל נישט פאר דער חופה ארויסגעבן דאס געלט. איז אבער דער „האיאס" א גרויסער בטוח און אויף זיין ווארט פארלאזט מען זיך. און אז דער „האיאס" זאגט דעם חתן, אז נאך דער חופה צאלט מען אים אויס דעם נדן, גייט מען שוין מיט שמחה צו דער חופה און מען טאנצט פריילעך נאך דער חופה.

אט אזוי איז דער „האיאס" נישט קיין טרוקענער באנק־באאמטער, נאר א שליח, וואס איז גאר משדך שידוכים, וואס פירט צונויף פארלעך. און דאס אייגענע, להבדיל, איז ביי צעשיידן, ביי גטן. דער מאן איז אין אמעריקע עטלעכע יאר, זיין ווייבל פון דעם פוילישן שטעטל פאסט אים שוין מער נישט, און ער וויל זי נישט ארויסנעמען. ער וויל איר געבן א גט, כדי ער זאל קענען חתונה האבן.

זי פאדערט געלט, ער איז איינשטימיק. ער שטעלט אבער א תנאי, אז דאס געלט זאל איר ארויסגעגעבן ווערן נאר דעמאלט, ווען די פרוי וועט צושטעלן א יידישן און ציווילן גט. ער גלויבט איר נישט דאס געלט, און זי גלויבט אים נישט דעם גט. קומט דער „האיאס" און צעקניפט דעם שווערן קנופ. אז דער „האיאס" זאגט דעם ווייבל, אז דאס געלט איז שוין נישט ביים שאלטעק, וואס האט אוועקגעווארפן אן אומגליקלעך ווייבל און זוכט גליקן מיט אנדערע ווייבער, נאר אז דאס געלט איז שוין אין „האיאס" און דער „האיאס" שטעלט עס צו נאך דעם גט, ווערט שוין אלץ רעכט.

און אז מען שיקט געלט פאר יתומים, אז מען זאל זיי אויסהאלטן אין א שול און צאלן פאר זיי שכר־לימוד, וועט א פריוואטע באנק אין

זינען האָבן צו צאָלן יעדן חודש שכר־לימוד? און אז מען שיקט א יידענע אויף אן אָפּעראַציע, נאָר מיט א תנאי, אז דאָס געלט זאָל געגעבן ווערן נאָר דער קליניק, ווו זי וועט זיך מאכן די אָפּעראַציע, וועט א פּריוואַטע באַנק ווירקלעך זיך שטאַרק נעמען צום האַרצן און זאָרגן, אז די פרוי זאָל דאָס געלט נישט אויפעסן און זיך אומבאַדינגט מאכן אן אָפּעראַציע?

נאָר דאָס איז אַלץ צרות פון איינצלנע מענטשן, וואָס דער אַמעריקאַנער קרוב וויל אַרויסהעלפן זיין קרוב אין אייראָפּע און וויל זיין זיכער, אז דורך זיין געלט וועט טאַקע קומען די ישועה. אָבער אָט איז אן אַנדער פאַקט. א לאַנדסמאַנשאַפט שיקט געלט א שטעטל, מען זאָל צעטיילן אזוי פיל און אזוי פיל די נויטבאַדערפטיקסטע. די זשיראַרדאָווער לאַנדסמאַנשאַפט האָט געשיקט קיין זשיראַרדאָוו דריי הונדערט און זעקס דאָלאַר פאַר 32 מענטשן. וועלכע באַנק וועט אויף זיך נעמען אזא אַרבעט? און ווען מען זאָל דאָס שיקן דורך פּאָסט, וויפל געלט וואָלט פאַרפאַלן געוואָרן אָדער וואָלט צוריקגעקומען, ווייל די אַדרעסן זענען נישט ריכטיק, די נעמען שטימען נישט, אָדער מען קען בכלל נישט געפינען דעם אָדער יענעם קבצן, וואָס וואַלגערט זיך ערגעץ אין א לאָך? דער „האיאַס" האָט געשיקט פון וואַרשע צוויי מענטשן, וועלכע האָבן צעטיילט דאָס געלט צווישן די נויטבאַדערפטיקטע.

עס איז באַקאַנט, ווי ביי אונדז יידן זענען די נעמען פאַרדרייט, און ווי זיי ווערן נאָך מער פאַרדרייט פון די קרובים אין אַמעריקע. אין פּאַס איז א ייד פאַרשריבן מאָטל און דער קרוב שרייבט מרדכי; אין פּאַס איז א פרוי פאַרשריבן טייבל און רופן רופט מען זי טאַניע, און דער קרוב שרייבט טאַקע טאַניע; אין פּאַס איז עמיצער פאַרשריבן משה, און דעם אַמעריקאַנער קרוב גלוסט זיך דווקא צו שרייבן מאָזעס. פאַרשטייט זיך, אז די פּאָסט גיט דאָס געלט נישט אַרויס. אן „אמתע" באַנק, א באַנק, וואָס ווייסט קיין חכמות נישט און פאַרשטייט נישט קיין יידישע איינפאַלן, שיקט דאָס געלט אָפּ צוריק קיין ניו־יאָרק צום קרוב.

עס איז ערב יום טוב. „מאָזעס" קוקט אַרויס אויף די פּאָר דאָלאַר, דאָס ווייבל איז קראַנק און קוקט אַרויס אויף געלט פון א שוועסטער, נאָר אין ביידע פאַלן האָט זיך אַריינגעדרייט דער אומגליק מיטן „מאָזעס" אויפן אָרט פון משה און מיט דער „טאַניע" אויפן אָרט פון טייבל, און קיין

געלט איז נישטא, כאטש מאך קיין יום טוב נישט און גיי נישט צום דאקטאר.

דער „האיאס" איז אבער נישט קיין „אמתע" באנק. עס איז א יידישע אינסטיטוציע, וואס ווייסט יא יידישע שטיק און ווייסט, ווי אזוי פון „דבורה" ווערט „דארע", און פון „עטל" ווערט „קלעאפאטרע". און זי האט געגוג שכל אויף נאר א פרעג טון ביים רב אדער דאקטאר פון שטעטל און אין א פאר טעג ארום ווערט שוין דאס געלט ארויסגעגעבן.

וויפל טראגעדיעס ווערן דא אויסגעמיטן? וויפל נפשות ווערן דא געראטעוועט? וויפל יום טובים ווערן נישט פארשטערט? און נאר דערפאר ווייל דער „האיאס" איז נישט קיין „אמתע" באנק מיט אייז־קאלטע באאמטע, וואס זארגן נאר פארן געלט און עס הייבט זיי נישט אן וויי טון פאר די לעבעדיקע מענטשן. דער „האיאס" זארגט אויך געוויס, אז דאס געלט זאל זיין גאנץ און זאל אנקומען אין די הענט, צו וועמען עס איז געשיקט געווארן. דער „האיאס" איז א יידישע און געזעלשאפטלעכע אינסטיטוציע און ווייסט, אז לעבעדיקע מענטשן קוקן זיך אוים די אויגן, ביז מען דערזעט דעם בריוועטרעגער מיט א בשורה, אז עס איז געקומען געלט פון אמעריקע, קען מען זיי נישט באשטראפן מיט אפשיקן דאס געלט צוריק נאר דערפאר, וואס דעם אמעריקאנער קרוב האט זיך פארוואלט צו שרייבן „מאזעס" און נישט „משה", „דארע" און נישט „דבורה".

ביי דער איצטיקער געפערלעכער לאגע פון די יידן אין גאנץ מזרח־אייראפא איז ארויסצוראטעווען עטלעכע הונדערט אדער עטלעכע טויזנט יידישע עמיגראנטן א גרעסערער אויפטו, ווי עס איז פאר דער וועלט־מלחמה געווען צו העלפן הונדערט טויזנט יידישע וואנדערער. און צושטעלן איצט צו דער צייט צען דאלאר אן ארימער אלמנה, אן ארימער יתומה, צי א גאנצער משפחה ארימע לייט, איז נישט קיין קלענערע מצווה, ווי עס איז געווען פאר דער מלחמה אפצושיקן טויזנט דאלאר. מען דארף זיך נאר אריינטראכטן אין דער זאך פון דער איצטיקער עמיגראציע־ארבעט, אין איר ווערט פאר די עמיגראנטן, אין די שוועריקייטן, מיט וועלכע זי איז פארבונדן, דעמאלט קען מען שוין נישט רעדן מיט א לייכט הארץ וועגן די עמיגראציע־אינסטיטוציעס.

פּרעסע שטימען וועגן:

דאָס פּוילישע יידנטום

ביכער־סעריע פון דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

יעקב גלאַטשטיין שרייבט וועגן אלחנן צייטלינען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער נייער אויסגאַבע פון זיין בוך זכרונות „אין א ליטעראַרישער שטוב" („יידישער קעמפער", ניו־יאָרק, 28סטער מערץ 1947):

אין עלטער פון פערציק יאָר איז אלחנן צייטלין אויסגעגאַנגען אין געטאָ. ער איז געשטאָרבן פון הונגער און פון א שווערער קראַנקהייט, וואָס דער פאַרהונגערטער גוף האָט קיין כוח נישט געהאַט איבערצוטראָגן. אָבער אין דער געטאָ איז אזא טויט, אָנהייב דעצעמבער 1942, נישט נאָר באַטראַכט געוואָרן פאַר א נאַטירלעכן טויט, נאָר אפילו פאַר א לוקסוס־טויט, ווי עס זאָגט עדות מאַרק טורקאָוו, אין א לענגערן אַריינפיר צו אלחנן צייטלינס „אין א ליטעראַרישער שטוב", וואָס איז, צוזאַמען מיט זיינע לידער, אַרויסגעגעבן געוואָרן דורכן צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע.

אמת, אין זיין אַריינפיר זאָגט אונדז טורקאָוו, אַז „לוקסוס־טויט" איז געווען דער אויסדרוק פון ביטערן הומאָר אין דער וואַרשעווער געטאָ. אָבער אפילו אָן סאַרדאָנישן הומאָר, האָט מען, וועדליג די אַלע אכזריותדיקע מאַסן־טויטן, געמעגט באַטראַכטן א יחידישן און באַוויינטן טויט ווי א לוקסוס. אלחנן צייטלין איז אפילו געשטאָרבן ווי א מענטש פון דער עפנטלעכקייט. די איינוווינער פון דער וואַרשעווער געטאָ האָבן, אין די ערשטע דעצעמבער טעג פון 1942, געקראָגן די ידיעה דורך שוואַרץ־באַרעמטע טרויער־מעלדונגען.

נישט נאָר איז זיין געטאָ־טויט געווען דער „מזלדיקער" טויט פון אַן אויסגעטיילטן יחיד, נאָר זיין ליטעראַרישע ירושה, וואָס איז אונדז געבליבן, איז אויך נישט קיין יסורימדיקע, נאָר א לעבעדיקע. די מצווה פון אַרויסגעבן זיינע ווערק איז נישט קיין יאָמערלעכע מצווה, וואָס איז פאַרבונדן מיט דער קדושה פון אונדזער אומגליק. אָט די קדושה אַנטוואָפנט אונדז גוועגלעך און נאָך איידער מיר קלייבן זיך פונאַנדער אין דעם פאַרבליבענעם כתב־יד, הייבן אָן שוין די ליפּן פּרעפּלען א קלאָנגנדיקן ניגון.

אלחנן צייטלינגס ירושה פאָדערט פון אונדז נישט אַזאַ פרומען צוגאַנג, ווייל די דערינערונגען פון זיין פאָטערס ליטעראַרישער „שטוב" זענען טאַקע בגדר ליטעראַטור און זיינע צוואַנציק לידער, וואָס זענען דערשינען אין 1931, אונטערן נאָמען „א ביכעלע לידער", זענען אוודאי ליטעראַטור און בעטן זיך געמשפּט צו ווערן מיט ליטעראַרישער וואָג און מאָס.

„אין א ליטעראַרישער שטוב" איז דערשינען אין וואַרשע אין 1937, ווען דער משחית האָט שוין געהאַט פאַרטיק אַלע זיינע טאָטאַלע פּלענער פאַר דער שוידערלעכער פאַרטיליקונג. דאָס וואַרשעווער יידנטום האָט אָבער נאָך דעמאָלט געלעבט מיט א שפּרודלדיק לעבן און,

להכעיס אלע רדיפות און רעפּרעסיעס, געהאָפּט אויף בעסערע צייטן און געגאַנגען מיט א געהויבענעם קאָפּ, ווי די יידן וואָלטן געווען גרייט אויף א פאַרמעסט פון כוחות, אויף דער אלטער פּוילישער ערד.

א הויך פון דער שפּרודלדיקייט געפינט מען אין אלחנן צייטלינס זכרונות פון זיין טאַטנס הויז. פאַראַן אין זיינע מעמוארן א סך ענערגיע, נישט נאָר גייסטיקע, נאָר אפילו פּיזישע ענערגיע. אלחנס קינדהייט פאַלט צוזאַמען, נישט נאָר מיט לעבעדיקע פּאָרטרעטן פון יידישע שרייבער, נאָר מיט דעם לעבעדיקן געשטאַלט פון דער גאַנצער יידישער ליטעראַטור, וואָס האָט דענצמאָל, ווען אלחנן האָט זי דערקענט, געהאַט א סך אמונה, אז זי גייט באַרג־אַרויף, צו א ליכטיקער צוקונפט און דויערעוודיקייט.

אין דער ענגלישער ליטעראַטור זענען געווען א סך ליטעראַרישע שטובן. ווירדזשיניע וואָלף איז אויסגעוואַקסן אין א הויז פון ליטעראַרישער טראַדיציע; די סיטוועל ברידער מיט זייער טאַלאַנטפולער שוועסטער; די האָקסלי ברידער — ווען מען זאָל נאָר נעמען עטלעכע מאָדערנע ביישפּילן — זענען געוואַקסן אין א ליטעראַרישן ווינגאָרטן. ביי אונדז זענען אזעלכע קיניגלעכע ליטעראַרישע הייזער נאָך נישט קיין איינגעשטעלטע טראַדיציע. ווען לוציאַן פּרץ וואָלט זיך געווען אַנדערש באַצויגן צו זיין טאַטנס פריינט, וואָלט ער אונדז אפשר אויך געקענט געבן פּען־פּאָרטרעטן פון דער יידישער ליטעראַטור, וואָס האָט זיך גרופּירט אַרום זיין גרויסן פּאָטער, קעגן וועמענס גרויסקייט ער האָט זיך זיין גאַנץ לעבן געוועהרט.

ס'איז ממש א גליק, וואָס אחוץ צעגליאַנע איינס, פּרצס באַרימטן אַדרעס, האָבן מיר אויך געהאַט א שליסקאַ זעכציק, הלל צייטלינס שטוב, ווו עס זענען געוואַקסן די צוויי זין, אהרן און אלחנן. אהרן איז יונג געוואָרן א דיכטער און ער איז פּאַקטיש מיטגעגאַנגען מיט אלע ליטעראַרישע פיגורן און סילועטן, וואָס זענען געקומען עולה רגל זיין צו זיין טאַטן אין הויז. אָבער פאַר דעם יינגערן אלחנן איז די ליטעראַרישע שטוב געווען ווי געוווּנטשן. ער האָט געהאַט א פּאָר גוטע, לעבעדיקע אויגן און ס'איז אים אויסגעקומען, ווי די אלע יידישע שרייבער וואָלטן זיך בכיוון צוזאַמענגעקומען אויף איין אָרט, אין זיין פּאָטערס הויז, כדי ער זאָל זיי אָפּפּאָרטרעטלען מיט זיינע דורכדרינגלעכע קינדישע אויגן און שאַרפן מוח.

אלחנן צייטלין איז באַשטאַנען אויף דער פּריווילעגיע פון זיינע קינדישע אויגן. אין דער קליינער הקדמה צו זיינע מעמוארן, וואָס ענדיקן זיך ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה, בעט ער די אלע „וואָס זענען אין דעם בוך באַלויכטן נישט מיט קיין גאָר־העל ליכט, אז זיי זאָלן קיין פאַראיבל נישט האָבן". ער דערמאָנט אז ער האָט זיי געשילדערט אזוי, ווי ער האָט זיי „געזען אין דער קינדהייט", און פון דעם וויל ער נישט אַוועקגיין. ער וויל דווקא געבן די ליטעראַרישע שטוב, ווי זי האָט אים געלויכטן אין זיין קינדהייט און נישט, ווי ער האָט זי שפּעטער געזען מיט די אויגן פון א דערוואַקסענעם.

און הגם דאָס בוך איז אָנגעשריבן געוואָרן עפּיזאָדיש, באַלייכט עס א גאַנצע עפּאָכע. אלחנן צייטלין האָט א גוטע בעלעטריסטישע פּען און זיינע פּאָרטרעטן פון שרייבער זענען קודם כל פּיזישע שילדערונגען. אין הלל צייטלינס הויז איז מען זיך טאַקע צוזאַמענגעקומען. פאַר גייסטיקער התקרבות מיט דעם גרויסן מנהל פון פּוילישן יידנטום, אָבער אלחנן האָט זיי אַרונטערגעכאַפּט נישט נאָר ווי גייסטיקע אורחים, נאָר ווי מענטשלעכע מענטשן.

און מערקווירדיק, דער יונגער צייטלין פאַרלירט קיינמאָל נישט דעם דרך ארץ פאַר די יידישע שרייבער, כאָטש ער איז אויפגעוואַקסן אין דער פּרינצלעכער אַטמאָספערע און כאָטש ער האָט געקענט אַנט־

וויקלען א געפיל פון גוטמוטיקער נעגאציע. פארקערט, ער ווייזט ארויס גרויס פיעטעט צו דער יידישער ליטעראטור און ער זוכט אפילו צו דערהויבן די שרייבער וואס זענען אים אויסגעקומען קאריקאטוריש. אין בוך איז אפילו פאראן א פייערלעכקייט, וואס ווייזט די „הייליגע געמיינדע" פון דער יידישער ליטעראטור און אירע דערהויבענע מאמענטן פון דבקות. דאס איז די הויפט מעלה פון בוך. א קינד, וואס האט זיך געפלאנטערט אונטער די פיס פון די גרויסע יידישע שרייבער און זיי געזען קומען צום טאטן נאך גייסטיקע שיריים, וואקסט אויף אין גאנצן אן גראבהויטיקער סאפיסטיקאציע און בלאזירטקייט. ער פארבלייבט דער מוקיר תלמידי חכמים, כאטש ער האט זיי געזען אזויפיל מאל טרינקען טיי און רעדן דברי חול ביי זיין טאטן אין שטוב.

אבער וועגן די מעמוארן פון אלחנן צייטלין, וועגן די שארף־געצייכנטע פארטרעטן פון יידישע שרייבער און וועגן די לעבעדיקע טעג פון דער יידישער ליטעראטור, ווען זי האט געהאט א י. ל. פרץ און א הלל צייטלין, וואס צוזאמען זענען זיי געווען דער צווייקעפיקער אדלער פון פוילישן יידנטום, האט מען שוין א סך געשריבן. איך האב דא נישט געהאט בדעה צופיל וועגן דעם צו שרייבן. כ'האב גיכער געוואלט זאגן עטלעכע ווערטער וועגן די צוואנציק לידער וואס זענען דערשינען אין 1931, ווען אלחנן צייטלין איז בלויז אלט געווען 29 יאר.

אלחנן איז געווען אן אויסגעצייכנטער זשורנאליסט און אן ענערגישער געזעלשאפטלעכער טוער. די לידער זיינע זענען אפגעשפארטע מינוטן, יחידותדיקע מאמענטן. דער יונגער צייטלין איז געווען א גוטער צייטונגסמאן מיט א גרויסן פארמעסט, אויפן בריטן אמעריקאנער שטייגער. זיין אקטיוויטעט איז געווען א קוואליקע און א קוועקזילבערדיקע. ער האט ליב געהאט דעם לייענער און ער האט אים ממש געזען פאר די אויגן, ווען ער האט ארויסגעגעבן „אונדזער עקספרעס" און געזוכט פאר אים דעם שידוך צווישן שבת און וואך, צווישן דעם באלדיקן גרייטן און אויפגעכאפטן איינדרוק און דעם נאכגעטראכטן און רעפלעקטירנדיקן.

אהרן צייטלין איז זייער גערעכט, מיט זיין טרעפלעכער באמערקונג, אין זיין טראגיש־געהאמעוועטן נאכ־

ווארט צום בוך, אז אלחנן האט איינגעשטעלט דעם אלגעמיינעם סטיל פון דער צייטונג — „פאלקסטימלעך־אידיאמאטיש, ווארשעווער־יש".

דאס איז באמת געווען אלחנן צייטלינס אויפטו. זיין זשורנאליסטיק האט זיך באפרייט פון די פענטעס פון „קאזיאנעם" לשון, וואס האט זיך שוין באלד געהאט אליין פארגליווערט און האט זיך אפילו אין דער כראניק פון די אנדערע צייטונגען געלייענט פראשעניע־מעסיק. מיט דעם „עקספרעס" האט די יידישע פאלקסטימלעכע ווארשע געקראגן איר צייטונג, וואס האט גערעדט איר לעבעדיק לשון.

ס'איז דערפאר געווען א קנאפ

ווּנדער, וואָס מ'האָט אלחנן צייטלינס לידער אויפגענומען קאלט און מיט פארדאכט. א גוטער זשורנאליסט, מיט דעם טאָג־טעגלעכן פּיבער און אימפּעט פון געשעענישן, זאָל אויך שרייבן פּריוואט און פאר דער אייביקייט! האָט מען דאָך אהרן צייטלינען אויך א לאנגע צייט גערודפט אין ווארשע בלויז דערפאר, ווייל ער האָט אין זיינע לידער אריינגעבראכט נישט נאָר דעם אָטעם פון דער צייט, נאָר אויך דאָס דיסטילירטע וואָרט פון דער צייט. האָט מען דאָך געקוקט קרום אויף אים אויך דערפאר, ווייל ער האָט „אומפאָרזיכטיקערהייט" געוויזן אז ער קען אָנשרייבן א גוט פּובליציסטיש ארטיקל און אז ער קען זיך אָריענטירן אין וועלט־געשעענישן. האָבן דאָך אפילו יידישע פּאָעטן אין אמעריקע, וואָס האָבן בשתיקה געשריבן פּובליסיטי, זיך פארמאָסטן צו מאכן א תל פון „קאָנקורענטן", בלויז דערפאר ווייל זיי זענען אויך גוטע פּובליציסטן. פארוואָס אומבאהאָלפענע צעך־פּובליסיטי זאָל נישט איבערפירן א ליריש קוויטשערל און א גוט זשורנאליסטיש ארטיקל זאָל יאָ זיין א שטער צום פּאָעטישן טאלאנט — איז נישט אינגאנצן קלאָר.

אלחנן צייטלין האָט געליטן פון דער לייכט־צוגעשניטענער מיינונג און ס'קען זיין, אז דערפאר אליין האָט ער זיך פארגונען אזוי זעלטן זיך דורכצושמועסן מיט זיך אליין. זיינע לידער ווייזן בפירוש, אז ער האָט געהאט א באדייטנדיקן פּאָעטישן טאלאנט. ער האָט פארמאָגט אָן אייגנארטיקע בילדלעכקייט און ער האָט שטענדיק געזוכט דאָס ריכטיקע וואָרט. זיינע בילדער זענען ארויסגעוואקסן פון דער שטימונג און זענען נישט אריינגעשלעפּט געוואָרן ביי די אויערן. ער האָט אויך אין די לידער געזוכט פּשטות און דירעקטקייט. זיין פייערלעכקייט איז נישט געווען קיין אָנשטעל, אָדער אָן אויסגעטראָטענער פּאָעטישער איינשטעל. אלחנן צייטלין איז געווען א מאָדערנער דיכטער און ער האָט גאָר קיין מורא נישט געהאט אז דאָס וואָכעדיקע וואָרט וועט מחלל זיין דאָס ליד.

כ'רעד, פארשטייט זיך, וועגן דעם קליינעם פארמעגן פון צוואנציק לידער און וועגן די געלונגענסטע מוסטערן פון די געציילטע לידער.

דאָס ערשטע ליד פון דער זאמלונג — „הימן פון רויטן פרימאָרגן" — איז געשריבן מיט דער יוגנטלעכער פיזישער ענערגיע פון זיינע מעמוארן און פון זיין זשורנאליסטישער ארבעט.

און אראָפּטאנצן פון פענסטער זאָלן
רייפן יונגע־צעזונגענע
און צעפּלאצן זאָלן פענסטער, פולע
פענסטער רויטער פרייד.

אָט די פרייד פון ארונטערגעשפּרונגענע רייפן האָט געיוירן אין אלחנן צייטלינס דינאמישער פּערזענלעכקייט. געווען אין אים א נישט־געשטילטער דאָרשט צום לעבן, וואָס ער האָט אזוי גוט אויסגעדריקט אין זיין ליד — „איך וועל מיר ארויס איבער זילבערנע גאסן".

איך וועל מיר ארויס איבער זילבערנע
גאסן צו זון און צו ברידער,
וואָס טרינקען די ווייסע פרימאָרגנס
מיט מיילער ווי אָפענע ברונעמס
און וועל מיך א וואָרף־טון אויף
העלזער געשטרעקטע צו בלענ־
דיקער העלקייט:
„א ברודער, א נייער, א דורשטיקער,
טרינקען געקומען!"

אין זיין פאָרוואָרט צום בוך זאָגט ש. ניגער, אז „ער (אלחנן צייטלין) גראָבט נישט טיף, ווי עס פּאסט פאר א מעמוארן־שרייבער, אָבער אויף זיין צייכנעריש־מאָלערישן שטייגער גיט ער אונדז א לעבעדיק בילד..."

צוויי פון זיינע יוגנטלעכע לידער ווייזן, אז זיין צייכנעריש־מאָלערישער שטייגער האָט אויך געזוכט צו גראָבן טיף. אין זיין ליד — „א לוויה" האָט ער צייכנעריש זיך דערגראָבן צום טרויער פון א שטילער יידישער לוויה און איר געשטעלט א פּאָעטי־

שע מצבה. כ׳ברענג דאָס ליד איינגאנצן:

א לוויה

אין בלאָטיקן שניי טאָפּטשעט
טרויעריק א פערד
מיט גרויסע, שטאַרע טרערן
אין די אויגן
און שלעפּט א שווארצן קאסטנדיקן
יאָך —
צום שניי דעם לאנגן קאָפּ געבויגן.

א בינטל מלווים, ווי א בינטל
שווארצע שפּענער
טוליעט זיך צום קאסטן
שאָטנדיק בלינד.
פון וויטן דוכט: דאָס וויגט
פּאמעלעך
א בלויע וועלדל זיך אויף
שווארצן ווינט.

פון ערגעץ ווו רייסט אָפּ זיך דין
און שפּיציק א געוויין
און בלייבט ווי א נאָדל שטעקן אין
קלעפּיק־פּייכטן לייב פון טאָג.
א הויכער ייד ווישט אָפּ די שווערע
מאנסביל־טרער פון זיין
קודלאטער באָרד,
א יידענע מיט ווילדע אויגן פליקט
שטיקער האָר ווי שווארצע
פעדערן פון קאָפּ.

אין דעם ליד האָט אלחנן צייטלין דערגרייכט די פּארטיפּטע צייכנערישקייט, וואָס איז ערב פּאר יעדער בילד — „קאסטנדיקער יאָך", „א בינטל שווארצע שפּענער", „א בלויער וועלדל" דאָס געוויין וואָס בלייבט ווי „א נאָדל שטעקן אין לייב פון טאָג", די אויסגעפּליקטע האָר „ווי שווארצע פעדערן", דאָס זענען אלץ נישט נאָר גוט־געצייכנטע, נאָר טיף־געזעענע בילדער.

אזעלכע טיף־געזעענע בילדער טרעפן מיר אויך אין זיין „נאכט אין ירושלים", וואָס איז באמת א ירושלימדיקער נאַקטורן, געשריבן מיט גרויס בענקשאפט און מיט א סך מוזיקאלישער באציאונג צו יעדער אָפּגעציטערטער שורה. אויך דאָס ליד ברענג איך איינגאנצן, ווייל ווי דאָס פריערדיקע ליד „לוויה" איז עס א גאנץ ליד.

נאכט אין ירושלים

די נאכט האָט ווייס באגאָסן
דיינע שטיינער —
די זילבערנע האָר פון דיין
גרויען קאָפּ —
און סיגלעט דיינע צעקנייטשטע
באקן א האנט א געהיימע,
וואָס לאָזט זיך פון הרי יהודה אראָפּ.

איך טרעט אויף דיינע שווערע,
אומעטיקע שאָטנס,
וואָס וויקלען זיך ארום ווי שאָטנס
א געפרוירן קינד,
ווען צווישן דיינע פעלזן ווייגען
עלנדע שאַקאַלן
ווי סיווײנט אויף טרויעריקע פעלדער
א דערשראָקענער ווינט.

עס וועקן זיך אויף הר־הזיתים
שרעקעדיק מצבות,
וואָס ליגן אויסגעשטרעקט ווי צו
דער שחיטה שאָף.
דיין נאכט, דיין העלע נאכט,
ירושלים,
פארטרייבט פון זייער אלטן אויג
דעם פארמעטענעם שלאָף.

נעם מיך ארום, דו פעלז — ירושלים,
מיט אָרעמס פון דיין בייזער,
שטאָלצער נאכט נעם מיך ארום!
עס ברומט דיין שרעקיק־העלע
שטילקייט אין די גאסן
דעם אייביק צאָרנדיקן, לייבישן
געברום.

„פארטרייבט פון זייער אלטן אויג דעם פארמעטענעם שלאָף". (אגב דער ווארשעווער אלחנן האָט דאָס אויג פארליטוויזירט) ווייזט, אז אלחנן צייטלין האָט די ירושלימער נאכט טיף געזען און טיף געצייכנט. אזעלכע אָריגינעלע שורות זענען עדות, אז דער אימפּעט פון זיין אימפּולסיוון זשורנאליזם האָט אים נישט געשטערט צו האָבן א קינסטלערישן חדר מיוחד. זיין פריצייטיקער טויט איז א פארלוסט פאר דער יידישער ליטעראטור.

דאָס בוך האָט זיך געענדיקט דרוקן דעם
28סטן יולי 1947 אין דער דרוקעריי
„ה יי מ א ן" — פּאַסטעור 333
טעלעפאָן 47־7752 ־ בוענאָס איירעס

Este libro terminóse de imprimir
el día 28 de Julio de 1947 en los
Talleres Gráficos H E U M A N,
Pasteur 333. Tel. 47-7752 - Bs. Aires

וועגן אַלע ענינים, וואָס האָבן אַ שייכות מיט דער ביכער־סעריע
„דאָס פּוילישע יידנטום" זיך ווענדן:

Unión Central Israelita Polaca en la Argentina

Pueyrredón 667 Buenos Aires